STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08670

ALE VERK FUN MENDELE MOKHER SEFARIM

Mendele Mokher Sefarim

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַלע ווערק

פון

מענדעלע מוכר ספרים

(ש. י. אבראמאוויץ)

אכטער באַנד

ניו־יאָרק
היברו פּאַבלישינג קאָמפּאַני
52-50 עלדרידזש סטריט
1920

א י נ ה אַ ל ט:

1. דער לופט באַלאָן.
2. אין דער ישיבה של מעלה.
3. אַ סגולה צו די אידישע צרות

דער לופטבאלאן

א.

דעם 14טען יאַנואר 1862 האָט זיך אין לאָנדאָן פערזאַמעלט א גרויסע אסיפה פון א סך גרויסע געלערענטע לייט, וואָס גיבען זיך אָב מיט ווייטע נסיעות, אויפצוזוכען אומבעקאַנטע לענדער און פעלקער (געאָגראַפישע גע־זעלשאַפט). דער עלטסטער פון דער געזעלשאַפט, סיר פראַנסיס, האָט דער פערזאַמלונג געהאַלטען די דאָזיגע רעדע:

„ענגלאַנד האָט פון אייביג אָן, פריהער פון אַלע אומות, ארויסגע־שיקט געלערענטע מענשען, זיי זאָלען ארומפאָהרען בים וביבשה אין די ווייטע מקומות, צו געפינען נייע מדינות. היינט וויל דער דאָקטאָר פערגיסאָן גאָר פליהען אין א לופטבאלאָן אין דער לופטען איבער גאַנץ אפריקא און מאַכען א בעשרייבונג פון אַלע לענדער און מדבריות, וואָס ביז אהער האָט קיין שום מענש אהין ניט געקענט קומען: מיר האָפען, אז דער דאָקטאָר סאַמועל פערגיסאָן וועט אונז ניט פארשעמען און וועט זיין שליחות טאָן בשלימות. אויב גאָט וועט זיין וועג מצליח זיין, וועלען מיר שוין וויסען פון אַלע מדינות, וואָס געפינען זיך אין אפריקא, וועין אפילו חלילה ניט, וועט עס אונז וועניגסטענס זיין לכבוד פאר דער גאַנצער וועלט, אז איין ענגלענדער האָט זיך איינגעשטעלט צו מאַכען אזא סכנות׳דיגע נסיעה“

אין דער אסיפה זענען געזעסען זעהר פיעל אַלטע רייזענדע מפורסמים, וואָס האָבען שוין אין זייער לעבען גאָר אָהן פחד געמאַכט גאַנץ גרויסע שרעקליכע נסיעות אין אַלע פינף טיילען פון דער וועלט. איטליכער פון זיי איז אין זיין ביסעל יאָהרען גענוג אויסגעשטאַנען: דער האָט זיך א מאָל געמוזט ראַטעווען אין מיטען ים אויף א ברעט פון א צושלאָגען שיף; דער אנדערער האָט זיך קוים אויסגעדרעהט, אין אינדיען, פון ווילדע גזלנים; דער דריטער איז על פי נס ניצול געוואָרען, אין אויסטראַליען, פון די דאָר־טיגע מענשענפרעסער, וואָס האָבען איהם געוואָלט לעבעדיגערהייט איינ־שלינגען.

ביי די אַלע לייט האָט פונדעסטוועגען גוט געטיאַכקעט דאָס הארץ,

אז זיי האָבען געהערט פון אזא מין נסיעה, וואָס דער דאָקטאָר פערגיסאָן וויל זיך אונטערשטעלען צו מאכען, און האָבען פערלאַנגט, זיי ווילען אליין, מיט זייערע אויגען, זעהן דעם דאָקטאָר פערגיסאָן; דער עלטסטער האָט איהם געשיקט בעטען, איז ער גלייך געקומען. קוים האָט דער דאָקטאָר גע־עפענט די טיר, האָט די גאַנצע פערזאַמלונג איהם לכבוד, אָנגעהייבען צו פּליעסקען און פּאַטשען אין די הענד. דער דאָקטאָר איז אַלט געוועזען אַ יאָהר פיערציג, זעהר אַ שענע פּערזאָן מיט זעהר קלוגע אויגען. מען האָט זיך געקענט אָנשטויסען אויף איהם קוקענדיג, אז ער איז ניט קיין איבער־געשראָקענער און איז אַ גרויסער ארבייטסמענש.

דער עולם האָט ניט אויפגעהערט צו פּליעסקען און שרייען הורא ביז דער דאָקטאָר האָט נישט אַ מאך געטאָן מיט דער האַנד צום צייכען, אז ער פערלאַנגט עפּיס צו רעדען. אַלע זענען געבליבען שטיל. דער דאָקטאָר איז צוגעגאַנגען צו זיין שטול, וואָס מען האָט איהם אָנגעגרייט, און שטעה־ענדיג האָט ער אויפגעהויבען די האַנד צום הימעל און האָט מעהר נישט געזאָגט די פיער ווערטער:

ארויף אויף די וואָלקען!

מען האָט נאָך אין ענגלאַנד קיין מאָל נישט געהערט אזא הורא־שרייען מיט אזא ליארעם ווי די פיער ווערטער האָבען אָנגעמאַכט. דער עולם איז געוועזען פּשוט אויסער זיך. מען האָט באַלד אריינגעשיקט דאָס מעלדען אין אַלע צייטונגען און מען האָט אויך אָבגעדרוקט דעם דאָקטאָרס פיער ווערטער.

אז די אסיפה האָט זיך געענדיגט, האָט מען לכבוד דעם דאָקטאָר גע־מאכט אַ גרויסען באַל אין אדעל־קלוב. אַלע, וואָס זענען געוועזען געבעטען צום דעם מיטאָג, האָבען צום דאָקטאָר געטרונקען לחיים און צו־געווינשע־וועט, ער זאָל מצליח זיין און בשלום קומען צוריק אַ היים.

ב.

דער דאָקטאָר פערגיסאָן האָט געהאַט אַ זעהר געטרייען פריינד אַ שאָטלענדער, וואָס האָט געהייסען קענעדי. די ערשטע בעקאַנטשאַפט האָט זיך ביי זיי אָנגעהויבען אין אינדיען, וואָס דאָרטען האָבען זיי ביידע גע־דיענט אין איין פּאָלק. און חאָטשע זיי ביידע האָבען ניט געהאַט קיין גליי־כע נאַטור, דהיינו קענעדי האָט שטאַרק ליעב געהאַט יאַכט אויף ווילדע חיות, אויף לייבען, לעמפּערטען, עלפאַנטען און האָט געקענט זעהר גוט טרעפען אין ציעל, און דער דאָקטאָר — ער האָט אפילו ניט געקענט רעכט האַלטען אַ ביקס אין דער האַנד און פּלעגט זיך תמיד נאָר אָבגעבען מיט געלערנטע זאַכען, — פונדעסטוועגען האָבען זיי ביידע געלעבט נפש אחת. אַז די ביידע פריינד זענען צוריק געקומען קיין ענגלאַנד, האָבען זיי זיך דאָרט געמוזט צושיידען, מחמת דער דאָקטאָר האָט געדאַרפט אויף אַ לאַנ־גער צייט אוועקפאָהרען קיין חינא. צוריקקומענדיג אַ היים פּלעגט ער זיך אָפט זעהן מיט זיין פריינד און שוין מעהר ניט גערעדט פון ווייטע נסיעות, אַזוי ווי זיין שטייגער איז געוועזען. ק ע נ ע ד י האָט גאָר אָנגע־קוואָלען, ער האָט געמיינט, אַז דער דאָקטאָר האָט שוין אויף תמיד אָנגע־וואָרען דעם חשק צו שלעפּען זיך צווישען מענשענפרעסער און ווילדע חיות. ער פּלעגט איהם אויך תמיד זאָגען: גענוג זיין נע ונד, האָסט שוין, כ׳לעבען, גענוג קונה שם געוועזען אויף דער וועלט. דער דאָקטאָר אָבער האָט איהם קיינמאָל ניט געענטפערט אויף די רעד, פּלעגט זיך זיצען פערטראַכט און מאַכען עפּים חשבונות. גאַנצע נעכט האָט ער נאָר גערעכענט און צונויפ־געשטעלט מאַשינדלעך, וואָס קיינער האָט עס ניט געקענט פאַרשטעהן. אַזוי איז דער דאָקטאָר אָבגעזעסען ביי זיין פריינד אין שאָטלאַנד צוויי יאָהר.

וואָס קען דאָס בעטייטען, האָט קענעדי ביי זיך געטראַכט, אַז מיט אַ מאָל האָט זיך דער דאָקטאָר, אין חודש יאַנוואַר, אויפגעהויבען און אוועק־געפאָהרען קיין לאָנדאָן. וואָס וויל ער דאָרט מאַכען?

נאָר באַלד איז קענעדי געוואָהר געוואָרען פון דער ענגלישער צייטונג „דע — לי — טעלעגראַף“ וואָס זיין פריינדס אוועקפאָהרען בעטייט.

— בנאמנות, האָט ער געזאָגט, ער איז ריין משוגע, אַ קלייניגקייט איבערפליהען גאַנץ אַפריקא אין אַ לופטבאַלאָן, נאָך דאָס געהט איהם אָב, דעם שלימזל. אָט דאָס, אַ פּנים, איז ער געזעסען און האָט געטראַכט די גאַנצע צוויי יאָהר. קענעדי האָט זיך פּשוט די האָר ניט אויסגעריסען פאַר עגמת נפש.

זיין אַלטע מוהמע עליסבעטע האָט איהם געוואָלט איינרעדען, אַז די גאַנצע מעשה איז אַ ליגען.

—געה שוין, געה שוין, נאַרעלע, — האָט זי געזאָגט, — האָסט שוין אַ מאָל געזעהן, מענשען זאָלען פליהען, עס איז אודאי אַזוי אמת, ווי די קוה איז געפלויגען איבערן דאַך. זאָרג זיך ניט, זאָרג זיך ניט, קענעדי, דיין פריינד וועט, כ׳לעבען, באַלד קומען.

— האָט מיר ניט קיין פאַראיבעל, מוהמע־לעבען, איך קען איהם בעסער.פון אייך. ער קען אין דער לופט אויך פליהען. נאָר איך וועל עס איהם אָבער ניט דערלאָזען: לאָז נאָר נאָך דעם משוגע׳נעם די לייצען, וועט ער אוועקפליהען אויף דער לבנה.

קענעדי האָט ניט געמאַכט קיין סך שיהות און איז מיט דער אייזענבאַהן אוועקגעפאָהרען קיין לאָנדאָן. אין דריי פירטעל שעה איז ער שוין גע־שטאַנען נעבען זיין פריינדס הויז און האָט אַ שטאַרקען ציה געטאָן ביי דעם גלעקיל נעבען דער טיר.

— שלום עליכם, קענעדי, האָט איהם דער דאָקטאָר אַ זאָג געטאָן בשעת ער האָט איהם געעפענט די טיר. ווי קומט עס, דו זאָלסט אוועק־ווארפען דאָס געיעג און קומען פּלוצלים קיין לאָנדאָן.

— איך בין אומישנע געקומען, — האָט קענעדי געענטפערט, — דיר אַרויסצושלאָגען דיין שגעון פון קאָפּ: ס׳טייטש, איז דאָס טאַקי אמת, וואָס די גאַזעטען שרייבען, אַז דו נעהמסט זיך אונטער איבערצו־פליהען גאַנץ אַפריקא אין אַ לופטבאַלאָן, און טאַקי בשעת רעדען האָט ער אַרויסגענומען אַ נומער פון דער גאַזעטע „דע — לי — טעלעגראַף“, אין וועלכען עס איז געשטאַנען בעשריבען די נסיעה, וואָס דער דאָקטאָר וויל מאַכען.

— אַ, האָט דער דאָקטאָר גאַנץ רוהיג געזאָגט, פון מיין נסיעה רעדסט דו, יאָ, עס איז טאַקי אמת, איך גרייט מיך שוין אפילו צו אין וועג אַריין.

קענעדי איז געבליבען שטעהן אויסער זיך פון דעם דאָקטאָרס רעד.

— גלויב מיר, — האָט ער געזאָגט מיט כעס, — איך וועל דיך בשום אופן ניט לאָזען.

— שאַ, בייזער זיך ניט, מיין פריינד, — האָט איהם דער דאָקטאָר אַלץ רוהיג געענטפערט, — איך פאַרשטעה, פאַר וואָס דו ביסט ברוגז, אודאי דערפאַר, וואָס איך האָב דיר ניט מודיע געוועזען דערפון. איך בין אָבער געוועזען זעהר טרוד. נאָר גלויב מיר, אז אָהן דיר וואָלט איך ניט אוועקגעפלויגען, מחמת איך וויל דיך טאַקי מיטנעהמען.

קענעדי האָט אַ שפּרונג געטאָן, ווי אַ ווילדע ציג, מיט אַ געשריי.

— וואָס, ביסטו חסר־דעה? ווילסט, מען זאָל אונז בײדע האַלטען פאַר משוגעים.

— כ׳לעבען, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, איך בין אסור ניט משוגע. אַ סך מענשען האָבען זיך געבעטען, איך זאָל זיי מיטנעהמען, נאָר איך האָב אַלע אָבגעזאָגט צוליעב דיר. אז דו וועסט מיך אויסהערען, וועסט־דו מיר דערנאָך דאַנקען. לאָמיר זיך נאָר אנידערזעצען און בעטראַכטען דעם עסק אָהן כעס.

די ביידע פריינד האָבען זיך אַנידערגעזעצט נעבען אַ טישיל, וואָס אויף איהם איז געשטאַנען אָנגעגרייט אַ גוטער פריהשטיק.

— מיין ליעבער סאַמועל, האָט קענעדי אָנגעהויבען, איך בין דיין גאַנצען עסק ניט גורס. איך זאָג דיר נאָך אַ מאָל, דיין פּלאַן איז משוגע.

— דאָס וועלען מיר זעהן שפּעטער, אז מיר וועלען פּרוּווען, — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט.

— פּריווען טהאָר מען אָבער נישט, מיין ליבער פריינד, — האָט קענעדי געזאָגט, — מחמת אין אַזאַ רייזע שטעקט פיעל סכנות און גרויסע שוועריגקייטען.

— פאַר שוועריגקייטען האָב איך כלל קיין מורא נישט, — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט, — אי, סכנות, פאַר דעם קען מען נישט אַנטלויפען. זיצענדיג דאָ נעבען טיש קען אויך זיין אַ סכנה. וואָס איז באַשערט — דאָס איז באַווערט.

קענעדי האָט נאָך לאַנג גע׳טענה׳ט און ראיות געבראַכט, אַז דורכפליהען גאַנץ אפריקא אין אַ לופטבאלאָן איז אונמעגליך.

— נאָר אַז דו האָסט זיך שוין יאָ איינגעשפּאַרט, — האָט ער צום סוף דעם דאָקטאָר געזאָגט, — פאַר וואָס זשע זאָלסט־דו ניט פאָהרען ווי לייטען גלייך? צו וואָס פליהען?

— ווייסט־דו, פאַר וואָס איך וויל פליהען? מחמת דורכגעהן אפריקא מיט דער אַקס אָדער צו־פוס איז נאָך קיינעם ניט געראָטען. הייב אָן פון דעם רייזענדען מונגא־פּאַרקאַ, וואָס איז, נעבעך, גע׳הרג׳עט געוואָרען נעבען דעם טייך ניגערע ביז דעם מאַיאָר לענגאַ, וועלכען די ווילדע האָבען פערפיינינגט אין יאָהר 1860. זענען אַלע, נעבעך, אומגעקומען, ווייל מען קען

זיך ניט ראַנגלען אי מיט הונגער, מיט דאָרשט, מיט פיבער, אי מיט ווילדע חיות און מענשען, וואָס זענען נאָך ווילדער פון די חיות. ווען מען קען אַ זאַך ניט דערלאַנגען מיט איין מיטעל, פּריווט מען אַ אַנדערען, מחמת געהן אָדער פאָהרען אין אַפריקאַ איז אונמעגליך, עס איז דאָ אַ סך מדבריות, וואָס מען מוז איבער זיי אָדער אַריבערפליהען, אָדער זיך גאָר צוריקקעהרען. גלויב מיר, איך האָב אַלצדינג בעוואָרענט, מיין לופטבאַלאָן וועט ניט אַראָב־פאַלען. ווען חלילה יאָ, וועל איך מיך בשלום אַראָבלאָזען אויף דער ערד און וועל מיר וואַנדערן, ווי אַלע אַנדערע. היינט פאַרגעס טאַקי ניט די מעלות פון מיין לופטבאַלאָן. מיט איהם האָב איך נישט קיין מורא ניט פאַר היץ, ניט פאַר קעלט, ניט פאַר וואַסער, ניט פאַר שטורם, ניט פאַר אומגעזונדער לופט, ניט פאַר ווילדע חיות און פאַר מענשען האָב איך אויך קיין מורא נישט. איז מיר צו הייס, הייב איך מיך אויף אין דער הויך, איז מיר צו קאַלט, לאָז איך מיך אַראָב; זעה איך אַ בארג, אַ טיפען אַב־גרונד אָדער אַ וואַסער, פליה איך זיי איבער ווי אַ פויגעל; ווערט אַ שטורם־ווינד, הייב איך מיך אויף הויך איבער איהם: איך טראָג זיך איבער פון איין אָרט אויף דעם אַנדערען און ווער ניט מיד, איך פליה איבער שטעדט און דערפער, ווייט אָדער נאָהענט פון זיי, ווי איך וויל, און בעטראַכט מיר גאַנץ אַפריקאַ ווי אויף דער האַנד.

די רעד פון דעם דאָקטאָר האָבען קענעדי'ן גאָר דעם קאָפ פאַרדרעהט. ער האָט געקוקט אויף פערגיסאָן מיט גרויס בעוואונדערונג און עס האָט זיך איהם שוין אויסגעוויזען, אַז ער פליהט אין דער לופט.

— אָט, אַ פּנים, אַז דו קענסט רעכטעווען דעם לופטבאַלאָן? — האָט ער דעם דאָקטאָר געפרעגט.

— דאָס גראָד קען איך נישט. — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט, דאָס הענגט־אָב פון זיין ליבען נאָמען. נאָר פונדעסטוועגען וועל איך פאָרט פליהען פון מזרח קיין מערב, מחמת איך וועל מיך בענוצען אין דער רייזע מיט די ווינטען, וואָס בלאָזען תמיד אין יענע מקומות פון מזרח קיין מערב. זאָלסט ווייטער וויסען, אַז די ענגלישע מלוכה האָט אַרויסגעשיקט שיפען, זאָלען שטעהן נעבען ברעג פון אַפריקאַ אין מערב־זייט און דאָרטען וואַר־טען, ביז מיר וועלען אַהין אָנקומען. אין דריי חדשים אַרום וועל איך זיין אויף דער קעמפּע זאַנזיבאַר, דאָרט וועל איך אָנפילען מיין לופטבאַלאָן מיט גאַז, און מיר וועלען זיך אַוועקלאָזען.

— וואָס הייסט מיר, האָט געפרעגט קענעדי.

— דו האָסט נאָך עפּיס טענות, מיין ליבער פריינד, — האָט זיך דער דאָקטאָר אָנגערופען.

— טענות כחול הים — האָט קענעדי געזאָגט. — גיב מיר נאָר צו

פארשטעהן, דו ווילסט בעטראכטען יענע מקומות און דו ווילסט זיך אויפ־הויבען און אראבלאָזען. ביי דעם אראָבלאָזען אָבער מוזט־דו דאָך ארויס־לאָזען דעם גאז פון דעם לופטבאלאָן, — מיט וואָס־זשע וועסט־דו ווייטער פליהען. — איך וועל דיר נאָר איין זאך זאָגען, מיין קענעדי, איך וועל ניט ארויסלאָזען קיין איין פיצעל גאָז.

— ווי אזוי־זשע וועסט־דו זיך אראָבלאָזען ?

— דאָס איז שוין מיין סוד, — האָט דער דאָקטאָר גענטפערט, — זאָג נאָר בעסער, ביסט־דו מרוצה מיט מיר צו פאָהרען אָדער ניין ?

— איך בין מרוצה, — האָט קענעדי געענטפערט.

ביי זיך אָבער האָט ער געטראכט, ער וועט פאָרט ניט לאָזען פאָהרען זיין פריינד.

דער דאָקטאָר פערגיסאָן האָט זיך לעת עתה שטארק צוגעגרייט צום וועג. ער אליין האָט צורעכט געמאכט די מאַשינדלעך אין זיין לופטבאלאָן גאָר אויף איין אנדער אופן און האָט זיך אין דער צייט אויסגעלערענט אראביש און נאָך אנדערע לשונות פון די ווילדע פעלקער אין אפריקא. קענעדי האָט די גאַנצע צייט פון איהם ניט אָבגעטראָטען, האָט איהם אלץ געבעטען און גע׳חלש׳ט פאר איהם, ער זאָל אָבזיצען פון זיין נסיעה, דער דאָקטאָר אָבער האָט איהם גאָרנישט געוואָלט הערען. קענעדי פלעגט פער־ציטערט ווערען, אז ער האָט דערזעהן דעם בלויען הימעל און אין שלאָף פלעגט זיך איהם תמיד אויסווייזען, אז ער פאַלט אראָב פון דער הויך. איינמאָל איז ער טאקי אראָבגעפאַלען פון דעם בעט און האָט זיך צושלאָגען דעם שטערען.

— זעהסט־דו, סאמועל, — האָט קענעדי צום דאָקטאָר געזאָגט, — אָט אָ דאָס בולקעלע אויף דעם שטערען האָב איך בעקומען אראָבפאַלענדיג נאָר פון דעם בעט, היינט ווער שמועסט פון דער הויך — קען דאָך קיין גאַנץביינדיל ניט בלייבען.

— האָב גאָר קיין מורא ניט, קענעדי, מיר וועלען ניט אראָבפאלען, האָט איהם דער דאָקטאָר געענטפערט.

קענעדי׳ן איז פערקיהלט געוואָרען אין בויך, אז ער האָט געזעהן, אז דער דאָקטאָר בלייבט טאקי ביי זיינעם און עס איז איהם גאָר נישט אראָבצופיהרען. און חאָטשי קענעדי האָט במחשבה געהאַט בשום אופן ניט צופליהען, פונדעסטוועגען האָט ער געשריבען צו זיין מוהמען, זי זאָל איהם שיקען זיינע קליידער און די כלי־זין. בכדי אָבער די נסיעה זאָל זיך שלעפּען אין דער לאנגער באַנק אריין, האָט ער אלץ אויסגעזוכט נייע מיני שאלות : א שטייגער, דארף מען טאקי גאַנץ נויטיג וויסען, פון וואַנען דער טייך נילוס הייבט זיך אָן, און אז מען וועט עס חלילה ניט וויסען,

קען מען גאָר ניט לעבען, אָדער אז מען וועט שוין פאָהרען און אויסלער־נען די ווילדע מענשען אין אפריקא, וועלען זיי דען דורכדעם גליקליכער זיין. איבריגענס, וואָס איז דאָס איילעניש. ווי וועט איינער שפעטער אביסעל ניט געפינען א מיטעל, פאָהרען קיין אפריקא אָהן סכנות נפשות.

— א שענעם דאַנק דיר, קענעדי, פאר דער גוטער עצה, — האָט איהם דער דאָקטאָר געענטפערט. — איך וויל אָבער ניט וואַרטען ביז וואַנען יענער וועט געפינען, איך וויל אליין פאָהרען און דוקא אין לופטבאלאָן. פיעל מענשען וואַנדערען שוין איצט אין רעכטען מיטען אפריקא, אי צו־פוס, אי אויף מוילעזלען און זוכען די קוועלען, פון וואַנען דער טייך נילוס, אין מצרים, געהט אַרוים. א טייל פון זיי זענען, נעבעך, שוין דאָרט גע׳הרג׳עט געוואָרען, דער בעריהמטער רייזענדער פאָגעל, שמועסט די וועלט, זיצט דאָרטען ביי א ווילדען קעניג אין געפענגעניש, פונדעסטוועגען שרעקען זיך לייט ניט און מען וואַנדערט ווייטער.

— מהיכא־תיתי — האָט קענעדי צוריק געענטפערט, — לאָזען זיי זיך וואַנדערען געזונטערהייט און געפינען די מציאה, צו וואָס נאָך זאָלען מיר איינשטעלען דאָס לעבען.

דער דאָקטאָר אָבער האָט אויף דעם גאָרנישט געענטפערט און האָט זיך ווייטער גענומען צו זיין אַרבייט.

ג.

דער דאָקטאָר פערגיסאָן האָט געהאַט אַ בעדינטען, וואָס ער האָט געהייסען דזשאָע. אַזוי אַ מענשען איז זעהר זעלטען צו געפינען. ער איז געוועזען צוגעבונדען צו זיין בעל־הבית מיט דעם גאַנצען לעבען. קיין שום זאַך האָט מען איהם ניט געדאַרפט אָנזאָגען, ער האָט אַלצדינג אַליין געטאָן און תמיד איז ער געווען פרעהליך. דער דאָקטאָר האָט זיך אויף איהם אינ־גאַנצען פערלאָזט, און באמת האָט מען זיך געמעגט אויף איהם פערלאָזען, וואָרום ער איז געוועזען זעהר אַ ספּריטנער און איין עהרליכער מאַן. האָט ער ערגעץ בעשטעלט אַ מיטאָג, האָט איהר געמעגט זיין זיבער, אַז ער וועט זיין געשמאַק מיט אַלע פּישצעווקעס; זייט איהר געפאָהרען אין וועג אריין, האָט ער אַלצדינג איינגעפּאַקט און קיין שום זאַך ניט פאַרגעסען; האָט איהר איהם איבערגעגעבען שליסעל אָדער עפּיס אַ סוד, האָט איהר געמעגט שלאָפען גאַנץ רוהיג. דזשאָע האָט געהאַלטען פון זיין בעל־הבית גאָר איין עולם. זיינע רעד זיינען ביי איהם געוועזען הייליג, ער האָט געמעגט זאָגען אויף טאָג נאַכט, האָט ער איהם געגלויבט. וואָס נאָר ער האָט איהם בע־פוילען, האָט ער געטאָן אָהן טענות, און קיין שום זאַך איז איהם ניט שווער געוועזען. דעריבער איז ביי דזשאָען גאַנץ רעכט געוועזען, אַז דער דאָקטאָר וועט פליהען איבער אפריקא און וועט איהם מסתמא מיט זיך מיטנעהמען. באמת איז דזשאָע אין אזא מין נסיעה געוועזען זעהר נייטיג, מחמת ער האָט געקענט זעהר געשווינד שפּרינגען און קלעטערן, נאָך בעסער פון אַ מאַלפּע, און אַ חוץ דעם האָט ער דורכגעוואַנדערט מיט זיין בעל־הבית כמעט די גאַנצע וועלט, איז געווען אַ געניטער און האָט געהאַט אַ שטאַרקע ראיה, אַז ער האָט געקענט זעהן די קלענסטע שטערען אָהן אַ שפּאַקטיוו. מיט קענעדי׳ן פלעגט ער זיך תמיד האַמפּערען דערפאַר, וואָס ער האָט ניט געוואָלט גלויבען, אַז דער דאָקטאָר וועט פליהען.

אָט באַלד, קענעדי, וועט איהר זעהן, ווי מיר וועלען אוועקפליהען אין דער לבנה אריין.

— אי, דזשאָע, וועסט־דו מיט דיין בעל־הבית זיך פערפראָשען די נעז — האָט זיך קענעדי צו איהם אָנגערופען.

— נישקשה — האָט דזשאָע געענטפערט — מיט מיין דאָקטאָר איז קיין שום סכנה ניט צו פאָהרען.

— וואָס,משוגענער ? — האָט זיך קענעדי אָנגערופען — דו מיינסט טאַקי באמת פליהען מיט דיין בעל־הבית ?

— איך וועל אם ירצה השם אודאי פליהען מיט איהם, וואוהין ער וועט וועלען. ווי קען איך דען איהם לאָזען אליין. טאָמער ווערט ער, חלילה, קראַנק, אָדער עס וועט זיך איהם טרעפען עפּים איין אנדער אומ־גליק, — ווער וועט איהם העלפען ? איבריגענס פאָהרט איהר דאָך אליין טאַקי אויך מיט אונז.

— יאָ ! — האָט קענעדי געזאָגט — איך וועל פאָהרען מיט דעם שיף, אפילו ביז דער קעמפּע זאַנזיבאַר, איך זאָל דיין בעל־הבית דעם שגעון פון קאָפּ ארויסשלאָגען.

דזשאָען האָט עס אָבער פערדראָסען און ער האָט זיך אָנגערופען :

— איך בעט אייך איבער, מיין ליבער האַר, מיין בעל־הבית איז ניט משוגע, ער בעטראַכט איין עסק פריהער גאַנץ גוט, איידער ער טהוט עס. האָט ער זיך שוין אָבער בעשלאָסען, מעג שוין אפילו קומען די גאַנצע וועלט, וועט נישט העלפען. מאַכט, כ׳לעבען, ניט קיין מחזקות. איהר וועט אם ירצה השם אויך פאָהרען מיט אונז, און וועט אונז שיסען גוטע פייגעל צום עסען. ווייסט איהר בעסער, אז היינט געהען מיר זיך איבערוועגען, מחמת מען דאַרף אויסרעכענען אַקוראַט די משא פאַר דעם לופטבאַלאָן.

— איך, — האָט זיך קענעדי אָנגערופען — לאָז מיך ניט איבער־וועגען, מען וועט זיך קענען באַגעהן אָהן מיר.

— ווי באַלד אָבער, מיין ליבער האַר, מען וועט ניט פריהער אויס־רעכענען אַקוראַט די משא, וועט דאָך דער לופטבאַלאָן נישט קענען זיך אויפהייבען — האָט דזשאָע געזאָגט.

— זעהר א גרויסע דאגה, נו, וועט איהר בלייבען זיצען אין דער היים.

— מיר דאַכט זיך — האָט דזשאָע געענטפערט — אז אויג אויף אויג וועט איהר דעם דאָקטאָר נישט קענען אָבזאָגען, איהר וועט ניט וועלען איהם אָנטאָן קיין עגמת נפש און וועט זיך אודאי געהן איבערוועגען.

אזוי ווי זיי האָבען דאָ געטענה׳ט, איז ארייַנגעקומען דער דאָקטאָר און האָט זיי געבעטען צו געהן מיט איהם אין דער פאַבריק, וואָס דאָרט

האָט מען געאַרבייט דעם לופטבאַלאָן, און זאָלען זיך איבערוועגען. קענעדי האָט ניט איבערגערעדט קיין וואָרט און איז געגאַנגען.

קענעדי האָט געוויגען	153 פונט.
דזשאָע	120 —
דער דאָקטאָר	135 —

— אַלע אינאיינעם — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט — וועגען מיר נישט מעהר פון 408 פונט. דאָס אַלצדינג דאַרף מען האָבען, בכדי איך זאָל וויסען, וויפיעל משא דער לופטבאַלאָן דאַרף אויפהייבען.

— טאָמער איז צופיעל משא, האָט זיך דזשאָע אָנגערופען, וועל איך פאַסטען עטליכע טעג און גרינגער ווערען אויף דער וואָג.

— מעגסט עסען, וויפיעל דו ווילסט — האָט איהם דער דאָקטאָר געענטפערט, עס וועט דעם לופטבאַלאָן ניט שאַדען.

ד.

דער דאָקטאָר פערגיסאָן האָט זיך ביז דער לעצטער מינוט נאָר אָבגעגעבען מיט זיין לופט־באַלאָן. ער האָט איהם אָנגעפילט מיט גאַז, וואָס די חכמי־הכעמיע ציהען איהם ארויס פון וואסער. דער גאַז האָט די מעלה, וואָס ער איז ערשטענס 14 מאָל גרינגער פון דער לופט, און צווייטענס איז איהם זעהר גרינג צו מאַכען, מיט גאָר א קליינער תחבולה. דער דאָקטאָר האָט בערעכענט, אז אלע נייטיגע זאכען און מאשינען, וואָס ער וועט דאַרפען מיט זיך פיהרען אויף דער נסיעה, וועלען וועגען 4000 פונט, און דאָס אלצדינג וועט דער לופטבאַלאָן דארפען טראָגען. נאָר אזוי ווי עס קען זיך טרעפען, אז דער לופט־באַלאָן זאָל אין וועג צוריסען ווערען, וועט דאָך דער גאַז ארויסגעהן און ער וועט אראבפאלען, אָדער חלילה עפּיס איין אנדער אומגליק, איז דער דאָקטאָר געפאַלען אויף א שכל צו מאַכען נאָך א לופט־באַלאָן, א קלענערען, וואָס ער זאָל ארייננעהן אין גרעסערען אזוי, אז ווען דער גרויסער וועט אפילו צוריסען ווערען, זאָלען זיי קענען פליהען מיט דעם קלענערען.ביידע לופטבאַלאָנען זענען געמאַכט געוועזען פון זעהר א שטאַרקער מאַטעריע, אויבען בעלעגט מיט גוטא־פּערטשע, כדי דער גאַז זאָל ניט קענען ארויסגעהן פון אינווענינ און עס זאָל ניט דורכנעצען פון דרויסען. צום לופטבאַלאָן איז אונטען געוועזען צוגעבונדען מיט שטאַרקע שטריק א שיף פאַר די רייזענדע און פאַר אלע נייטיגע זאַכען, וואָס מען דאַרף האָבען אויף דער נסיעה. צווישען די זאכען האָבען זיך געפונען צוויי באַראָמעטערס, וואָס ווייזען די גראַדוסען פון היץ און קעלט, איין עלעקטרישע מאַשינע, פיער אייזערנע קעסטעלעך מיט וואסער, צוויי אויף צום טרינקען, און צוויי פון גאַז וועגען, און א קופערנע רעהר. אויך האָט ער מיטגענומען דריי אייזערנע אנקערס און א זיידענעם לייטער. פון עסענווארג האָט ער גענומען טהעע, קאַווע, צוקער, סעהערעס, געזאַלצען פלייש און געגוג בראַנפען. א חוץ דעם האָט ער געפיהרט א פּאַלאַטקע, בעטגעוואַנד, קענעדיי׳ס כלי־זין, פּולווער און קוילען. דאָס איז דער חשבון, וויפיעל אלע זאַכען האָבען געווייגען:

דער דאָקטאָר פערגיסאָן	135 פונט
קענעדי	153 —
דזשאָע	120 —
דער גרויסער לופטבאלאָן	650 —
דער קליינער לופטבאלאָן	510 —
די שיף און די סיערקי אַרום איהר	280 —
די אַנקערס, דאָס כלי־זין, דאָס בעטגעוואַנד, די פּאַלאַטקע און אַנדערע זאַכען	690 —
פלייש, סעחערעס, טהעע, קאַווע און בראַנפען	386 —
וואַסער	400 —
די מאַשינען אינווענינ	276 —
די וואָג פון דעם גאַז	200 —
משא	200 —
ס"ה	4000 פונט

—אָט די פיערטויזענד פונט, — האָט דער דאָקטאָר בערעכענט, — דארף אויפהייבען דער לופטבאלאָן. די צוויי הונדערט פונט משא האָט ער גענומען, כדי מען זאָל זיך מיט איהר קענען אַרויסהעלפען אין אַ נויט־פאַל. אַזוי ווי מיר װעלען ווייטער זעהן.

ה.

דעם 10 פעברואר איז דער דאָקטאָר פערגיסאָן שוין אינגאַנצען פאַרטיג געוואָרען צו זיין נסיעה מיט הכל באשר לכל, מען האָט געפּריוועט די לופטבאַלאָנען אָנפּילען מיט גאַז, און זיי האָבען גליקליך אויסגעהאַלטען די פּראָבע. דעם 16 פעברואר איז די שיף, וואָס הייסט „רעזאָליוטאַ", אָנגעקומען קיין גרינוויטש, ניט ווייט פון לאָנדאָן. אין דער שיף האָט מען דעם 18 פעברואר איבערגעטראָגען ביידע לופטבאַלאָנען מיט דעם שיפעל אויף צו זיצען, די אַנקערס און אַלע פּריפּאַסען מיט די קעסטעלעך אויף וואַסער, וואָס מען האָט זיי בעדאַרפט אָנפּילען, קומענדיג אויף דעם אָרט. אויך האָט מען גענומען גענוג אַלים און אַלט אייזען, וואָס פון די ביידע מאַכט מען גאַז. קענעדי דער עקשן איז, נעבעך, אויך מיטגעפאָהרען און האָט מיטגענומען א פּאָר ביקסען, איטליכער מיט צוויי רעהרען, א פּיסטויל מיט זעקס רעהרען און א קורץ ביקסעל. מיט די מיני ביקסלעך האָט קענעדי געקענט טויזענד איילען פונדערווייטענס טרעפען אפילו א סאַרני גלייך אין אויג אריין. דעם 10 פעברואר זענען אונזערע דריי רייזענ־דע ארויפגעגאַנגען אויף דער שיף. דער קאַפּיטאַן און די אָפיצירען פון דער שיף האָבען זיי מקבל פנים געוועזען און געבעטען צום מיטאָג, וואָס איז געווען אָנגעגרייט פון זייערטוועגען. צו דעם מיטאָג האָט מען געבעטען די גאַנצע געאָגראַפישע געזעלשאַפט מיט זייער עלטסטען, סיר פּראַנסים. אַלע האָבען זיך זעהר משמח געוועזען. האָבען זיך דערנאָך געזעגענט מיט די רייזענדע און צוגעווינשעוועט, זיי זאָלען פאָהרען בשלום.

דעם 20 פעברואר איז די שיף למזל אוועקגעגאַנגען און דעם 12 אַפּריל, זייגער עלף אין דער פריה, איז זי אָנגעקומען צו דער קעמפּע זאַנזיבאַר, וואָס זי איז אָבגעטיילט פון אפריקא מיט א קאַנאַל פון דרייסיג מייל די ברייט. די קעמפּע איז זעהר א גרויסע, און געהער צו דעם סולטאַן פון מאַסקאַט. דער סולטאַן, וואָס הייסט אויך אימאַם (גייסטליכער), האָט פון לאַנג אָן כורת ברית געוועזען מיט פראַנקרייך און ענגלאַנד. און די שיפען פון די צוויי לענדער שטעלען זיך אָב תמיד נעבען זיין קעמפּע. דער

גאַנצער האַנדעל אויף דער קעמפּע איז מיט גוממי, מיט עלפענביין, דאָס רוב אָבער מיט שקלאַפען, און אין דער שטאָדט זאַנזיבאר זענען די גרעסטע ירידין מיט שקלאַפּענהאַנדעל. באַלד ווי די שיף רעזאָליוטאַ איז אָנגעקומען, האָט זיך דער ענגלישער קאָנסול אין זאַנזיבאר געמעלדעט צום דאָקטאָר און האָט איהם געזאָגט:

— איך האָב ביז אַהער ניט געגלויבט אונזערע גאַזעטען, אַז איהר וועט באמת פליהען איבער אפריקא, נאָר איצט, אַז איך זעה אייך דאָ, בין איך שוין ניט מעהר מסופק און בעט אייך מיט אייערע מענשען צו מיר אויף סטאַנציע. ער האָט געוויזען דעם דאָקטאָר די בריעף, וואָס ער האָט מקבל געוועזען פון דעם קאַפּיטאַן ספּעק, פול מיט יללות, ווי ער מיט זיינע מענשען ליידען דאָס אַביסעל אין מיטען אפריקא פון הונגער, פון דאָרשט, און שרייבט, אַז ער ווייסט ניט, ווען ער וועט קענען געבען פון זיך נאָך אַ מאָל אַ ידיעה.

— דאַכט זיך, — האָט איהם דער דאָקטאָר דארויף געענטפערט, — אַז מיר זענען פאַר אַזעלכע צרות בעוואָהרענט.

דער קאָנסול האָט געהייסען, מען זאָל איבערפיהרען אַלע זיינע געסט'ס זאַכען צו זיך אַהיים. דער דאָקטאָר האָט געוואָלט אַנידערשטעלען זיין לופטבאַלאָן אויף דעם ברעג פון זאַנזיבאר, מחמת דאָרט איז געוועזען אַ גלייכער פּלאַץ און פאַרשטעלט פאַר דעם מזרח־ווינד מיט אַ גרויסען טורעם, נאָר וויבאַלד מען האָט אָנגעהויבען ארויסנעהמען דעם לופטבאַלאָן פון דער שיף איז געוואָרען אַ רעש, אַ געפילדער צווישען די איינוואוינער פון דער קעמפּע. מען האָט געשווינד דערפון געמעלדעט דעם קאָנסול.

מעשה שהיה כך היה: ווי באַלד די נעגרען, וואָס זענען שטאַרק פערפיהרט אין זייער נאמנה, זענען געוואָהרגעוואָרען, אַז עפּיס איין ענגלענדער איז געקומען צו פאָהרען און וויל פליהען אין הימעל אריין, זענען זיי שרעקליך אין כעס אריינגעקומען, וואָרום זיי האָבען געמיינט, אַז ער פליהט מלחמה האַלטען מיט זייערע אָבגעטער, מיט דער זון און מיט דער לבנה. דער קאָנסול איז באַלד געקומען און האָט דערצעהלט דעם דאָקטאָר און דעם קאַפּיטאַן פון דער שיף, וואָס עס טהוט זיך אויף דער קעמפּע. דער קאַפּיטאַן האָט זיך אָנגערופען, אַז ער לאַכט פון די נעגערען און אַז עס וועט אויסקומען איינגג, וועט ער מיט זיי מלחמה האַלטען. נאָר דער קאָנסול אָבער האָט איהם אָבגעשלאָגען און האָט איהם אַזוי געזאָגט:

— אמת טאַקי, מיר קענען די איינוואוינער בייקומען, נאָר ווען, חלילה, אַ קויל פון זיי וועט טרעפען אין לופטבאַלאָן, איז דאָך פערלאָרען אינגאַנצען דעם דאָקטאָרס מיה. דעריבער מוז מען דאָ זיין זעהר פאָרזיכטיג.

— אדרבה, — האָבען די רייזענדע צו איהם געזאָגט, — לערענט איהר אונז, וואָס צו טאָן; אויב אין גאַנץ אַפריקא זענען די מענשען אַזוי, וועט דאָך אומעדום זיין אַ סכנה אַנצופילען דעם לופטבאַלאָן.

— מיין עצה איז, — האָט דער קאָנסול געענטפערט, — אַז איהר זאָלט אַנלאָדען אייער לופטבאַלאָן אויף איינער פון די פּוסטע קעמפּעס, וואָס זענען ניט ווייט פון דאַנען, איהר זאָלט אַרומשטעלען די קעמפּע מיט מאַט־ראָזען, וועט איהר שוין פאַר קיינעם קיין מורא נישט האָבען.

דער דאָקטאָר און דער קאַפּיטאַן האָבען געפאָלגט דעם קאָנסולס עצה און זענען צוגעפאָהרען מיט דער שיף צו דער קעמפּע קומבעניע. דאָרט האָבען זיי אַרויסגענומען דעם לופטבאַלאָן און איהם אַנידערגעשטעלט אויף אַ גרויס אָרט אין מיטען וואַלד. דעם 17 אַפּריל האָט מען זיך אָבגעגעבען אַ גאַנצען טאָג מיט גאַז מאַכען פון דעם לופטבאַלאָנס וועגען. אויף דעם אַנדערען טאָג אין דער פריה זענען ביידע לופטבאַלאָנען, איינער אין דעם אַנדערען איינגעפּאַסט, שוין פאַרטיג געוועזען חאָטשע צו פליהען, נאָר דער לופטבאַלאָן איז געוועזען צוגעבונדען צו אַ בוים. אין דעם שיפעלע האָט מען אויסגעשטעלט אַלע זאַכען, איטליכע אויף איהר אָרט. די משא פון 200 פונט זאַמד האָט מען איינגעפּאַקט אין קליינע זעקעלעך און געלעגט צו דער האַנד, אַז באַם מען וועט דאַרפען, זאָל מען זיי קענען באַלד אַראָב־וואַרפען, מיט וואַסער האָט מען זיך אויך פערזאָרגט.

די נעגערען האָבען טאַקי אַלץ געפּילדערט, געליאַרמעט, עטליכע פון זיי האָבען אַפּילו געוואָלט צו־שווימען צו דער קעמפּע קומבעניע, נאָר די סאָלדאַטען, וואָס זענען געשטאַנען אויף דער וואַך, האָבען זיי אַוועקגע־טריבען. די מכשפים פון דער קעמפּע האָבען פירגעזאָגט דעם עולם, אַז זיי וועלען לאָזען רעגענען אויף די ענגלענדער האַגעל מיט שטיינער, און בכדי אַראָבצוברענגען דעם רעגען האָבען זיי אָנגעריסען בלעטער פון בוימער און דערשטאָכען אַ שעפעלע מיט אַ לאַנגער נאָדעל. די ביידע אינאַיינעם האָבען זיי געשטעלט קאָכען אין אַ קעסעלע אויף פייער. נאָר עס פאַר־שטעהט זיך, אַז די אַלע צערעמאָניעס האָבען זיי גאָרנישט געהאָלפען און דער הימעל איז געבליבען לויטער אָהן אַ פּיצעל וואָלקען ווי פריהער.

אַרום זייגער זעקס אויף דער נאַכט האָבען זיך די רייזענדע אינאַיינעם מיט דעם קאַפּיטאַן און מיט די אָפיצירען געזעצט צום טיש. קענעדי איז געזעסען שטיל און האָט נאָר אַנגעקוקט דעם דאָקטאָר. דאָס גאַנצע מאָלצייט איז געוועזען זעהר טרויעריג, איטליכער האָט נאָר געטראַכט דערפון, וועלען נאָך די רייזענדע קומען אַ מאָל אַ היים, צו זייערע פריינד און פאַמיליע, אָדער ניין; וואָס וועט, נעבעך, זיין מיט זיי, אַז זיי וועלען אין מיטען אַפריקא ניט קענען פליהען און וועלען בלייבען ערגיץ צווישען

דיווילדע פעלקער. דער דאָקטאָר האָט געוואָלט מיט רייד ארויסשלאָגען זיי די מרה שחורה, נאָר עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפען.

אלע רייזענדע זענען געבליבען נעכטיגען אויף דער שיף רעזאָליוטא. זייגער זעקס אין דער פריה זענען זיי אינאיינעם מיט דעם קאַפּיטאַן און די אָפּי־צירען אריבערגעפאָהרען אויף דער קעמפּע קומבעניע. א מזרח־ווינד האָט גאַנץ פּאַמעליך געשאָקעלט דעם לופטבאלאָן. קענעדי איז אין דער מינוט צוגעגאַנגען צו דעם דאָקטאָר און האָט איהם געזאָגט:

— איך האָב מיינס געטאָן, סאַמועל, איך האָב אלצדינג איינגעווענדעט דיך צוריקצוהאלטען פון דיין נסיעה. נאָר איצט, אז עס איז שוין אלץ אָבגעטאָן און דו האָסט זיך טאַקי בעשלאָסען פליהען, פאָהר איך אויך מיט דיר.

— איך האָב געוואוסט, מיין ליבער פריינד, האָט איהם דער דאָקטאָר געענטפערט, — אז דו וועסט מיך נישט פערלאָזען און האלטען מיט מיר קאָמפּאַניע.

דער קאַפּיטאַן און די אָפּיצירען האָבען זיך הערצליך געזעגענט מיט די רייזענדע. ניין דעם זייגער האָבען זיך אונזערע אלע דריי רייזענדע אריינגעזעצט אין שיפעלע פון דעם לופטבאלאָן. דער דאָקטאָר האָט אָנ־געצונדען דאָס גאַזרעהריל, וואָס איז צוגעריכט ביי דעם לופטבאלאָן. דורך דעם האָט זיך דאָרט אינוועניג דער אריינגעלאָזטער גאַז שטאַרק דער־וואַרעמט, און דער לופטבאלאָן, וואָס איז ביז אהער געשטאַנען אויף דער ערד, האָט זיך אָנגעהויבען בּיסלעכווייז אויפצוהויבען. די מאַטראָזען האָבען נאָכגעלאָזט די שטריק, דאָס שיפעלע האָט זיך אויפגעהויבען עטליכע ארשין אין דער הויך.

— מיינע פריינד, — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר שטעהענדיג צווישען קענעדי׳ן און דזשאָע׳ן, — לאָמיר א נאָמען געבען אונזער לופטשיף מיט דעם נאָמען פון אונזער קעניגין וויקטאָריע. דער נאָמען וועט אונז אודאי מזל׳דיג זיין.

די מאַטראָזען האָבען פון אונטען א געשריי געטאָן; הוררא! עס זאָל לעבען אונזער קעניגען וויקטאָריע!

דער לופטבאלאָן האָט אָנגעהויבען אלץ העכער צו פליהען און די רייזענדע האָבען פון אויבען אראָבגעשריגען דעם לעצטען „זיי געזונד" צו זייערע פריינד. אז „וויקטאָריע" איז שוין גאַנץ הויך געוועזען, האָבען אויסגעשאָסען מיט א מאָל אלע הארמאַטען פון דער שיף רעזאָליוטא.

ז.

די לופט איז געוועזען ריין. עס האָט געבלאָזען אַ קליין ווינטעלע און דער באַראָמעטער האָט געוויזען, אַז דער לופטבאַלאָן וויקטאָריע האָט זיך אויפגעהויבען אויף אַכט הונדערט איילען הויך פון דער ערד. דאָרט האָט דער ווינד איהם אַ טראָג געגעבען מעהר קיין מערב־זייט: אַראָבקוקענדיג פון דעם שיפעל האָט זיך די גאַנצע קעמפע זאַנזיבאַר אויסגעוויזען אונזערע רייזענדע ווי אַ שען געמעהל. אַלע פערוואַקסענע פעלדער האָבען אויסגעזעהן ווי קליינע קווייטען, די וועלדער מיט זייערע הויכע בוימער — ווי וואַזאָנעס און די מענשען — ווי פליגען. דאָס געשריי פון די איינוואוינער האָט מען שוין ניט מעהר געהערט, נאָר דאָס שיסען פון די האַרמאַטען האָט נאָך אַביסעל געהידעט אין דער לופט. פליהענדיג איבער דעם ים האָט זיך דער דאָקטאָר געהאַלטען אַלץ אין איין הויך, כדי ער זאָל קענען גוט בעטראַכטען דעם ברעג. וויקטאָריע איז געפלויגען אַכט מייל אַ שעה, און אין צוויי שעה ארום איז זי געקומען נאָהענט צו דעם ברעג. דער דאָקטאָר האָט געטראַכט זיך דאָרט אַראָבצולאָזען אויף דער ערד. אין דער דאָזיגער הויך איז „וויקטאָריע" איבערגעפלויגען איבער א דאָרף, וואָס הייסט קאַהאָלע. די אַלע איינוואוינער פון דעם דאָרף האָבען זיך שטאַרק דערשראָקען און האָבען אָנגעהויבען צו שרייען און צו שיסען מיט פיילען פון זייערע בויגענס אַקעגען דעם לופטבאַלאָן, נאָר דער לופטבאַלאָן איז זיך געפלויגען בשלום זיין וועג; דער ווינד האָט איהם געטראָגען אַלץ קיין מערב־זייט און דער דאָקטאָר האָט אַרויסגעזעהן, אַז זיי וועלען קומען אויף יענעם אָרט, וואָס די קאַפּיטאַנען בורטאָן און ספעק זענען דאָרט געוועזען.

— אַ כפרה דיליזשאַנסען און דאַמפּפשיפען אַקעגען לופטבאַלאָנען, — האָט זיך קענעדי אָנגערופען.

—און אפילו אייזענבאהנען זענען אויך גאָרנישט, האָט איהם דזשאָע געענטפערט. אין אייזענבאהן פאָרסט־דו דורך א גאנצע וועלט און זעהסט גאָר נישט. מיט דעם לופטבאלאָן איז שוין גאָר עפּיס אנדערש, אי דו פיהלסט ניט, ווי דו פאָהרסט און איטליכעס שטיקעל ערד ליגט אויסגעשפּרייט פאַר דיינע אויגען. אלצדינג איז שען, גאָר מחיה נפשות. נאָר קיין טאָנץ געהט ניט פאַר דעם עסען, עס וואָלט, כ׳לעבען, ניט געשאַדט עפּיס איבער־צובייסען. קאָכען דאַרף מען נישט, מיר האָבען גרייטע סעהערעס און גע־רויכערט פלייש.

— דערפאַר אָבער וועסט־דו אונז קאָכען קאווע, האָט איהם דער דאָקטאָר געזאָגט, איך וועל דיר ערלויבען נעהמען פייער פון דעם גאַז־רעהריל און פאַר א שרפה האָסט־דו ניט וואָס מורא צו האָבען.

— א שענער משא ומתן, כ׳לעבען, — האָט זיך דזשאָע אָנגערופען, — מיר זאָלען נאָך דאָ האָבען א שרפה. מיר דאכט זיך, אז אָהן דעם זיצען מיר אויך אויף סכנות, איבער אונזערע קעפּ איז א גאנצער מאַגאַזין מיט פולווער.

— עט, עס איז ניט אזוי די מעשה, האָט איהם דער דאָקטאָר גע־ענטפערט, — ווען אפילו דער גאַז זאָל זיך אָנצינדען, ייאָלט ער זיך בים־לעכווייז געברענט און מיר וואָלטען דערווייל זיך פּאַמעליך אראָבגעלאָזט אויף דער ערד. נאָר זייט גאַנץ רוהיג, אונזער לופטבאלאָן איז אזוי גוט פערשרויפט, אז דער גאַז קען בשום אופן זיך נישט אָנצינדען. נאָר זיך דערוואַרעמען.

דזשאָע האָט דערלאַנגט צום טיש א גאַנץ גוטען פריהשטיק און דריי הייסע גלעזער קאווע, ערסט פון דעם זאָדט. די רייזענדע האָבען אָבגע־געסען און האָבען זיך געזעצט רוהיג אראָבקוקען אויף דעם לאַנד אונטער זיי. דאָס לאַנד איז געוועזען איין ארץ זבת חלב ודבש. דער לופטבאלאָן איז געפלויגען איבער פעלדער, וואָס אויף זיי איז געשטאַנען פאַרטיג שוין צום שניט: טאַבאַק, טערקישע ווייץ און גערשטען, און איבער פעלדער מיט רייז, וואָס האָבען ערשט געבליהט. שעפּעלעך און ציגען זענען געוועזען פערמאַכט אין גרויסע שטייגען, וואָס זענען געשטאַנען אויף די הויכע פּאַלעס, בכדי זיי זאָלען זיין בעוואָהרענט פאַר דעם לעמ־פּערט און פאַר אַלע אנדערע ווילדע חיות. די גאַנצע ערד איז בעדעקט געוועזען מיט אַלערליי קרייטעכצער, ווי מיט א שענעם אויסגעשטיקטען דיוואַן. דורך וואָס פאַר א דאָרף דער לופטבאלאָן איז דורכגעפלויגען, זענען זיך די איינוואוינער צונויפגעלויפען און געשאָסען מיט פיילען, נאָר אז זיי האָבען געזעהן, אז די פיילען גרייכען ניט צום לופטבאלאָן, האָבען

זיי איהם בעלייט מיט טויטע קללות. ארום האלבען טאג האט דער דאקטאר א בליק געטאן אויף זיין לאנדקארטע און האט געזעהען, אז ער געפינט זיך אין לאנד אוזאראמא. דארט וואקסען שוין אויף די פעלדער בוימוואל און קאקוסבוימער. איצט זענען שוין אונזערע רייזענדע געפלויגען צוועלף מייל א שעה.

פליהענדיג איבער דעם דארף טאנדא, האט דער דאקטאר דערצעהלט, ווי בורטאן און ספעק האבען דארט בעקומען א שרעקליך פיבער און האבען געמיינט, אז זיי וועלען שוין ווייטער ניט קענען געהן. אין דעם לאנד איז טאקי זעהר איין אומגעזונדע לופט, עס געהען דארטען ארום אלע שרעקליכע קראנקהייטען. בכדי אויסצומיידען די אומגעזונדע לופט, האט זיך דער דאקטאר אויפגעהויבען גאנץ הויך. אויף דער רייזע האבען זיי צייטענווייז בעגעגענט גאנצע שיירות מיט קעמלען שטעהענדיג אין די קראאלען. א קראאל איז א גאנץ גרויס ארומגעצוימט פוסט ארט. דארטען רוהען זיך אוים די שיירות (קאראוואנען) ביי טאג, און בעהאלטען זיך פאר היץ, פאר חיות רעות און פאר גזלנים.

אז די דארטיגע איינוואוינער האבען דערזעהן פליהען דעם לופטבאלאן, זענען זיי פאר שרעק זיך צולאפען. קענעדי האט זיי געוואלט בעטראכטען פון דער נאהענט, נאר דער דאקטאר האט איהם ניט געוואלט צו ליב טאן.

— זייערע עלטסטע, האט ער געזאגט, טראגען גאלדענע ביקסען און קענען, חלילה, שיסען אין אונזער לופטבאלאן. אמת טאקי מיט א מאל אראבפאלען וועלען מיר נישט, אפילו די קויל וועט דורכלעכערן דעם לופטבאלאן, מחמת דער גאז וועט פערשווינדען דורך דעם לאך ביסלעכווייז, נאר אז מיר וועלען זיך שוין אראבלאזען אויף דער ערד, וועלען מיר בלייבען זיצען און נישט האבען, מיט וואס ווייטער צופליהען.

— אויב עס איז יא אזוי, האט דזשאע זיך אנגערופען, איז שוין טאקי גלייכער, מיט זיי קיין נאהענטע מחותנים נישט צו זיין. מיר דאכט זיך, אז זיי זעהען אונז פליהען, האלטען זיי אונז פאר אבגעטער. נאר זיי מעגען זיך אפילו בוקען צו אונז, אבער אלץ פון דער ווייטענס.

—בעטראכט בעסער דאס לאנד, — האט דער דאקטאר געזאגט, — דערפער ווערען וועניגער, די קאקוסבוימער זעהט מען שוין ניט מעהר, קליינע בערגעלעך הויבען זיך אן צו ווייזען אויף דער ערד, דאס איז א סימן, אז די גרויסע בערג זענען שוין אויך ניט ווייט. אין מערב־זייט, נישט ווייט פון דאנען, דארף זיין דער הויכער בארג די טומי. דארטען, דענק איך, זאל מען נעכטיגען, איך וועל איצט פארגרעסערן דעם פלאם אין גאז־

רעהריל, מחמת מיר מוזען זיך אויפהייבען נאָך העכער מיט דריי הונדערט איילען.

דער דאָקטאָר האָט אַ דרעה געטאָן דעם קראַנט, און דער לופט־באַלאָן האָט זיך אויפגעהויבען העכער.

— קוקט נאָר, — האָט זיך דזשאָע פערוואונדערט אָנגערופען — וואָס פאַר אַ גרויסע בוימער זענען דאָרט. מיר דאַכט זיך, און פון אַ טוץ אַזעלכע וואָלט מען ביי אונז געקענט מאַכען אַ גאַנצען וואַלד.

— דאָס זענען די באַאָבאבען, — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט, — בעטראַכט נאָר יענעם שטעמעל, האַלט ער געווים פופציג איי־לען אַרום און אַרום. עס קען זיין, אַז אונטער דעם בוים איז גע'הרג'עט געוואָרען אין 1845 יאָהר דער פראַנצויז מעזאָן. מיר פליהען איצט פונקט איבער דעם דאָרף דע־זע־לאַ־מאַרא. אהינצו האָט זיך דער פראַנצויז אַליין אוועקגעלאָזט, דער עלטסטער האָט איהם דאָ געחאַפּט און צוגעבונדען צו אַ בוים באַאָבאב און דערנאָך האָט ער איהם זינגענדיג געשניטען גלידער־ווייז. ער האָט איהם אַביסעלע איינגעשניטען דעם האַלז און זיך געשטעלט פאַר זיינע אויגען שאַרפען דאָס שטומפיג מעסער, דערנאָך האָט ער איהם גאָר אָבגעריסען דעם קאָפּ מיט די הענד. פראַנקרייך האָט זיך פאַר דער רציחה אָנגענומען און צוגעשריבען צו דעם קאָמענדאַנט פון זאַנזיבאַר, מען זאָל חאַפּען דעם רוצח. דער קאָמענדאַנט האָט אַלצדינג געטאָן, נאָר ער האָט איהם אָבער נישט געקענט געפינען. דזשאָען איז די מעשה נישט גע־פעלען און האָט אַ זאָג געטאָן:

— איך וואָלט אייך געבעטען, מיין ליבער האַר, מיר זאָלען אין דעם קאַנט פליהען נאָך אַביסעל העכער. כ'לעבען, עס וועט אַסך געזינטער זיין.

— דו ביסט גאַנץ גערעכט, דזשאָע, — האָט איהם דער דאָקטאָר גע־ענטפערט, — איך מוז ממילא פליהען העכער, ווייל דער באַרג דיטוטי וועט אונז באַלד אַקעגען קומען, און וועדליג ווי מיר דאַכט זיך, וועלען מיר זייגער זיבען אויף דער נאַכט איבער איהם אַריבערפליהען.

— און דו ווילסט טאַקי היינט דאָרטען נעכטיגען? — האָט קענעדי געפרעגט.

— ווי ווייט מעגליך, האָט דער דאָקטאָר געענטפערט. וועלען מיר ביי נאַכט נישט פליהען, עס איז אפילו ניט קיין שום סכנה, נאָר עס איז דאָך קיין שכל ניט גלאַט איבערצופליהען אפריקא, דער עיקר איז דאָך דאָס לאַנד צו בעטראַכטען.

ביז אַהער האָבען מיר זיך, דאַנקען גאָט, אויף גאָר נישט צו בעקלאָגען,

האָט זיך דזשאָע אריינגעמישט אין שמועס אריין. אומעדום וואוהין מיר פליהען זעהען מיר פעלדער בעוואקסען מיט תבואה, וועלדער מיט גוטע פירות און היינט געה גלויב די שרייבערס, אז אפריקא איז גאָר א סטעפּ.

— האָב נאָר אביסעל צייט, דזשאָע, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, מיר וועלען ווייטער זעהען, וואָס עס וועט זיין.

ארום האלב זיבען פאר נאכט איז וויקטאָריע שוין געוועזען פאר דעם בארג דיטוטי, דער בארג איז אזוי הויך, אז מען דאַרף זיך אויפהויבען פופצעהן הונדערט איילען פון דער ערד, בכדי מען זאָל קענען איבער איהם אריבערפליהען. דער דאָקטאָר האָט באלד פארגרעסערט די היץ פון דעם גאז מעהר מיט אכטצעהן גראד און „וויקטאָריע" איז בשלום אריבער דעם בארג.

זייגער זיבען האָבען זיי זיך אָנגעהויבען אראָבצולאָזען פון יענער זייט בארג. דזשאָע האָט ארויסגעוואָרפען די אנקערס פון דעם שיפעלע און איינער פון זיי האָט זיך פערטשעפּעט אין א טויטעלבוים. אונזער דזשאָע האָט זיך געשווינד אראָבגעלאָזט אויף דעם שטריק פון דעם אנקער און האָט איהם שטארק צוגעבונדען. דורך דעם זיידענעם לייטעריל, וואָס מען האָט איהם דערלאַנגט, איז ער גיך ווי א קאַץ ארויפגעקלעטערט צוריק אין שיפעלע אריין. דער לופטבאלאָן איז געבליבען שטעהן ווי צוגע־שמידט, מחמת ער איז געווען פארשטעלט פאר דעם מזרח־ווינד. באלד האָט מען גרייט געמאכט א וועטשערע און אונזערע רייזענדע, וואָס האָבען זיך גוט אויסגעהונגערט פליהענדיג א גאַנצען טאָג אין דער ריינער לופט, האָבען געגעסען זעהר געשמאַק.

— וויפיעל, א שטייגער, זענען מיר היינט געפלויגען, — האָט קענעדי געפרעגט.

דער דאָקטאָר האָט א קוק געגעבען אין זיין לאַנדקארטע, וואָס דאָרט איז געוועזען בעצייכענט דער וועג צו די גרויסע אָזערעס, וואָהין בורטאָן און ספּעק זענען געגאַנגען, און האָט בערעכענט, אז ער איז אין דעם טאָג איינ־געפלויגען הונדערט און צוואַנציג מייל.

זיי האָבען צווישען זיך אָבגעמאכט איינצוטיילען די נאכט אין דריי וואָכען און איטליכער פון זיי זאָל צו זיין משמר ניט שלאָפען. דעם דאָק־טאָרס משמר איז געוועזען ביז האלבער נאכט, קענעדי׳ס פון האלבער נאכט ביז דריי און דזשאָעס פון דריי ביז טאָג. קענעדי און דזשאָע האָבען זיך געלעגט שלאָפען איינגעוויקעלט אין קאָלדרעס און דער דאָקטאָר האָט זיך אנידערגעשטעלט אויף דער וואך.

ז.

די נאכט איז אבגעלויפען בשלום, נאר קענעדי האט זיך אין דער פריה אויפשטעהן געקלאגט, אז עס שווינדעלט איהם עפּיס דאס לייב.

דער וועטער האט זיך פארענדערט. דער הימעל איז געוועזען בעדעקט מיט שווארצע חמארעס און עס האט אויסגעזעהן, אז אט גיסט זיך אראב אויף דער וועלט א גאנצער מבול.

זינגאמערא, וואס דארט האבען זיך איצט געפונען אונזערע רייזענדע, איז טאקי זעהר א טרויעריג לאנד. א גאנץ קיילכעדיג יאהר געהט דארט רעגען, נאר א פּופּצעהן טאג אין חודש יאנואר בלישטשעט אביסעל די זון. א שטארקער רעגען האט אבגעגאסען אונזערע רייזענדע פון קאפּ ביז די פיס. אויף דעם וועג אונטען זענען געלויפען גאנצע טייכען וואסער, און ביז דעם שיפעל האט זיך אויפגעהויבען א געדיכטער טומאן, וואס האט געהאט א ריח פון סירקע.

— פון דעם טומאן האט שוין בורטאן לאנג דער וועלט מודיע גע־וועזען, — האט זיך דער דאקטאר אנגערופען, — ער שרייבט, אז אין דעם לאנד איז דאס רוב אזא ריח גלייך ווי אונטער איטליכען בוים וואלט גע־לעגען א נבלה, ער האט טאקי רעכט און קענעדי איז דעריבער נישט געזונד, ווייל מיר זענען דא א גאנצע נאכט געשטאנען.

— מיר ווייזט זיך טאקי אויס, אז איך האב א שטארק פיבער, האט זיך קענעדי געקלאגט.

— עס איז נים קיין חדוש, מיין לעבען! — האט צו איהם דער דאק־טאר געזאגט — מיר געפינען זיך איצט סאמע אין דעם אומגעזינדסטען שטיקעל לאנד פון גאנץ אפריקא. נאר מיר וועלען באלד אוועק פון דאנען.

דער ספּריטנער דזשאָ האט אין איין מינוט אבגעבונדען דעם אנקער און דורך דעם זיידענעם לייטער איז ער צוריק אריין אין דעם שיפעל. דער דאקטאר האט גיך אנגעווארמט דעם גאז און וויקטאריע איז ווידער אוועק־געפלויגען. דורך דעם געדיכטען, אומגעזונטען טומאן האט מען קוים ארויס־געזעהען עטליכע קליינע שטיבעלעך. אין אפריקא איז קיין חדוש נים, מען זאל געפינען נאהענט פון אגאנץ אומגעזונד שטיקעל לאנד איין ארט, וואו

מען קען יאָ לעבען. קענעדי האָט זעהר געליטען, און דאָס פיבער האָט איהם געמאַכט גאָר אוים מענש.

— עס איז אָבער ניט די צייט קראַנק צו זיין, האָט קענעדי געזאָגט, אריינגעהענדיג אין דער פּאַלאַטקע אָביסעל זיך צו צולעגען.

— האָב אָביסעל גדולה, האָט זיך דער דאָקטאָר צו איהם אָנגערופען דו וועסט באַלד געזונט ווערען. טאָמער האָסט דו טאַקי באמת עפּים איין איינגעהמעניש אין דיין אַפּטייקיל, וועל איך עס אראָבשלינגען צומאַכענדיג די אויגען.

איך וועל דיר געבען אַזאַ מין רפואה, האָט דער דאָקטאָר געענטפערט, וואָס עס קאָסט נישט קיין פּרוטה און זי וועט דיר געווים העלפען. מיר וועלען זיך אויפהויבען העכער פון די וואָלקען, וואָס רינגלען אונז ארום, וועלען מיר פּטור ווערען פון דעם פאַרפּעסטעטען אויר. וואַרט נאָר אָביסעל, וועסט דו זעהן, וואָס ריינע לופט בעטייט.

עס האָט ניט געדויערט קיין צעהן מינוט, האָבען זיך אונזערע רייזענ־דע אויפגעהויבען איבער דער פייכטער לופט.

— דער לופטבאַלאָן איז פּשוט א גן־עדן, האָט קענעדי געזאָגט, אז עס איז איהם אָביסעל בעסער געוואָרען. דו שיקסט מיך, סאַמועל, געניסען די ריינע לופט אַקוראַט ווי ביי אונז די דאָקטוירים שיקען זייערע קראַנקע קיין איטאַליען.

די וואָלקענס אונטער דעם שיפעלע האָבען זיך זעהר שען אויסגע־נומען, די שטראַהלען פון דער זון האָבען זיך אין זיי אָבגעשפּיגעלט אי אַלערליי קאָלירען. „וויקטאָריע" איז דענסטמאָל געפלויגען הויך פון דער ערד צוויי טויזענד איילען. די ערד איז שווער געווען צו זעהן. א מייל פופציג פון דער ווייטענס האָט אַרויסגעקוקט דער גלאַנצענדיגער שפּיץ פון דעם גרויסען בארג רובענא. דער ווינד האָט געטראָגען דעם לופט־באַלאָן צוואַנציג מייל א שעה, נאָר די רייזענדע האָבען גאָר נישט געפיהלט, ווי אַזוי גיך זיי פליהען. דער דאָקטאָר האָט טאַקי געטראָפען, אין דריי שעה ארום האָט קענעדי שוין מעהר ניט געפיהלט קיין שום קעלט און האָט געגעסען מיט א גוטען אַפּעטיט. די ריינע לופט האָט איהם א סך בעסער געהאָלפען ווי חינא־פּראָשקעס. ארום זייגער צעהן אין דער פריה האָט זיך אויסגעלייטערט. די וואָלקענס זענען זיך צוגאַנגען, די ערד האָט זיך אָנגעהויבען ארויסצוזעהן און „וויקטאָריע" האָט זיך אראָבגעלאָזט אָביסעל נידריגער. דער דאָקטאָר האָט אין דער לופט געזוכט א ווינטעל, וואָס ער זאָל טראָגען דעם לופטבאַלאָן קיין צפון־זייט און אַזאַ מין ווינטעל האָט ער געפונען אין דער הויך דריי הונדערט איילען פון דער ערד. די ערד איז ווידער געוואָרען בערגיג, זינגאַמעראָ מיט איהרע קאָקוס־בוימער האָט מען

שוין מעהר ניט ארויסגעזעהן, דערפאַר האָבען זיך באלד געוויזען שאַרפע שפיצען פון הויכע צעוואָרפענע בערג.

— מיר דאכט זיך, — האָט קענעדי זיך אָנגערופען — אז אין די בערגלעך וועלען מיר בעקומען א גוטען קלאַפּ.

— האָב קיין מורא נישט! האָט איהם דער דאָקטאָר געענטפערט, מיר וועלען זיך קיין זעץ ניט טאָן.

— זעה בעסער, ווען מיר זאָלען דארפען דאָ גיהן צו פוס, וואָלטען מיר איצט געמוזט ביז איבער די קניע קריכען אין דער אומגעזונדער בלאָטע. פון זאנזיבאר ביז אהער וואָלטען אונזערע קעמלען ביסלעכווייז אויסגע׳ פגר׳ט, מיר אליין וואָלטען אויך א פּנים געהאט, ווי די מתים. בעשטענ־ דיג וואָלטען מיר געהאט צו טאָן מיט אונזערע קאָנדוקטאָרען. ביי טאָג וואָלטען מיר געליטען פון דער פייכטער היץ, ביי נאַכט פון דער שרעק־ ליכער קעלט און פון אלערליי בייזע פליגען, וואָס בייסען אזש משוגע צו ווערען. איך רעד שוין ניט פון די חיות רעות און פון די ווילדע פעלקער. איהר זאָלט הערען, מיינע פריינד, די שרעקליכע מעשיות פון רייזענדע, וואָס זענען דאָ געגאנגען צו־פוס וואָלט איהר פּשוט געוויינט, ווי קינדער.

ארום זייגער עלף זענען די רייזענדע געפלויגען איבער דעם אַזיערע אימענזע. די איינוואוינער פון די דאָרטיגע בערגלעך האָבען, נעבעך, אומ־ זיסט געפּרוּווט שיסען אקעגען דעם לופטבאלאָן, ער איז זיך ווייטער גאַנץ רוהיג געפלויגען.

— מיינע פריינד, האָט זיך דער דאָקטאָר אָנגערופען, מיר קומען שוין גאַנץ נאָהענט צו דעם בארג רובענאָ, וואָס אין דעם היגען לשון הייסט עס דעם טויער פון די ווינטען. מיר מוזען זיך גאַנץ הויך אויפהויבען, בכדי אויסצומיידען די שאַרפע שפּיצען פון דעם בארג. וועדליג מיין לאַנדקאַרטע ווייזט, וועלען מיר מוזען גרייכען ביז צוויי־טויזענד מיט פינף הונדערט איילען אין דער הויך.

און טאַקי באלד האָט דער דאָקטאָר א ווארעם געטאָן דעם גאַז, איז דער לופטבאלאָן ארויף העכער און העכער.

— ווי הויך קען מען פליהען אין דער לופט? — האָט דזשאָע גע־ פרעגט.

דער דאָקטאָר האָט איהם דערויף געענטפערט:

— דו זאָלסט וויסען, אז די ערד איז ארומגערינגעלט מיט דער לופט, וואָס מיר אָטהעמען, א ווערסט זעכציג אין דער הויך. מיט א גרויסען לופטבאלאָן קען מען זעהר הויך פליהען. אזוי ווי עס האָבען שוין דאָס געטאָן די גרויסע געלעהרענטע בריאַשי און געליוסאַק. נאָר ביי זיי איז דענסטמאָל ארוים בלוט פון דעם מויל און די אויערען. מיט עטליכע יאָהר

צוריק האָבען זיך צוויי פראַנצויזען באַראָל און ביקסיאַ איינגעשטעלט פליהען גאָר הויך, העט, העט אין דער דינער לופט. זייער לופטבאַלאָן אָבער האָט זיך צוריסען. — און זיי זענען טאַקי אַראָבגעפאַלען? האָט קענעדי איבערגעשלאָגען דעם שמועס.

— סטייטש ווי דען? — האָט איהם דער דאָקטאָר געענטפערט, — זיי זענען אָבער אַראָבגעפאַלען ווי געלערענטע מענשען און האָבען זיך קיין שום זעץ ניט געטאָן. גאָר נחזור לעניננו. פליהען קען מען טאַקי הויך, איהר דאַרפט אָבער וויסען, אַז וואָס ווייטער פון דער ערד ווערט זי שוין אַזוי דין, אַז מען הערט נישט דאָרטען גוט דאָס קול, בשעת מען רעדט, ווי אין דער־נידעריג, און מען קען טאַקי דאָרטען אויך ניט אַזוי גוט זעהען. מענשען און חיות אויף דער ערד פערשווינדען גאָר פון די אויגען, די ברייטע וועגען זעהען אוים ווי שמאָלע סטענגעלעך און די גרויסע אָזיערעס ווי קליינע קאַליזשעס.

דער ווינד האָט זעהר שטאַרק געטראָגען דעם לופטבאַלאָן איבער הויכע פוסטע בערג, וואָס זענען אייביג בעדעקט מיט שנעע. דער דאָק־טאָר האָט אָבגעמאָלט די בערג אויף פאַפיר. פון יענער זייט באַרג רובענאָ האָט זיך „וויקטאָריע" אָנגעהויבען אַראָבצולאָזען און איז אַלץ נעהענטער צוגעפלויגען צו דער ערד, וואָס דאָרט האָבען זיך געזעהען וועלדלעך. מען האָט אַראָבגעלאָזט די אַנקערס און איין אַנקער האָט זיך פאַרטשעפעט אין אַ צווייג פון אַ גרויסען בוים. דזשאָע האָט זיך געשווינד אַראָבגעלאָזט און שטאַרק צוגעבונדען דעם אַנקער. דער דאָקטאָר האָט ניט פערלאָשען זיין גאַז־רעהריל, בכדי דער לופטבאַלאָן זאָל זיך האַלטען אין דער לופט. דער ווינד האָט זיך געלעגט.

— איצט, קענעדי, — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, — נעהם, זיי מוחל, צוויי ביקסען פאַר דיר און פאַר דזשאָען און חאַפּט אַ גאַזעלע, דאָס איז אַ מין ווילדע ציג, צו מיטאָג.

— אַ נו, דזשאָע, האָט זיך קענעדי אָנגערופען אַראָבקריכענדיג פון דעם שיפעלע, — קום לאָז מיר געהן אויף געיעג.

— דזשאָע האָט זיך ניט געלאָזט לאַנג בעטען, איז ראַפּטום אַראָב־געשפרונגען פון דעם בוים און דער דאָקטאָר האָט פערלאָשען דאָס גאַז־רעהריל.

— פליהט נאָר נישט אַוועק, מיין האַר, — האָט דזשאָע געזאָגט.

— זייט גאַנץ רוהיג, האָט איהם דער דאָקטאָר געענטפערט, דער לופט־באַלאָן איז שטאַרק צוגעבונדען. איך וועל מיר דאָ דערווייל שרייבען, אויב איך וועל זעהן עפּים אַ סכנה, וועל איך אויסשיסען מיט אַ ביקס, זאָלט איהר, למען השם, בלד קומען.

ח.

דאָס אָרט, וואוהין קענעדי און דזשאָע האָבען זיך געלאָזט אויף יאכט, האָט אויסגעזעהן ווי אַ מדבר שטאַרק טרוקען און צושפּאַלטען פאַר גרויס היץ. ערטערווייז איז ניכר געוועזען אַ שפּור פון דורכגעצויגענע שיירות, און ביינער פון מענשען און פון חיות האָבען זיך דאָרטען געוואַלגערט אויף דער ערד אויסגעמישט מיט ליים און בלאָטע. אין אַ האלבער שעה ארום זענען אונזערע יעגער געקומען אין אַ וואלד אריין פון גוממיבוימער. זיי זענען געגאַנגען זעהר פאָרזיכטיג און האָבען געהאלטען די געלאָדענע ביקסען גרייט צום שיסען. קענעדי האָט אַ ווינק געטאָן דזשאָען. ער זאָל נישט רעדען, און ביידע האָבען זיך פערטאַיעט אונטער אַ בוים צו־צוהערען, אויב עס ריהרט זיך ניט עפּיס אין וואלד. באלד האָבען זיי דערזעהן, אז נישט ווייט פון זיי איז צוגעגאַנגען צו איין אויסגעטריקענט טייכעל אַ קליינע סטאַדע אינדען (גאַזעלען) צו שטילען דעם דאָרשט. קענעדי האָט זיך גאַנץ שטיל דורכגעשטופּט צווישען די בוימער, און אז ער איז שוין נאָהענט געשטאַנען נעבען דער סטאַדע, האָט ער מיט אמאָל אויסגעשאָסען און געטראָפען איין גאַזעלע. די איבריגע זענען זיך צולויפען.

די גאַזעלע איז זעהר אַ שענע חיה, איהר פלייש איז געשמאַק, עס האָט דעם זיבעטען טעם, דאָס פעל פאַרנעהמט די אויגען און דעריבער האָט קע־נעדי'ן הארציג באַנק געטאָן, וואָס ער קען ניט מיטנעהמען דאָס פעל, מחמת עס וועט זיין שווער פאַר דעם לופטבאַלאָן. נאָר דזשאָע אָבער האָט זיך צו איהם אָנגערופען:

— וואָס טויג אייך דאָס פעל, מאַכט בעסער אַ פּריפּעטשיק פון שטיי־נער, וועל איך מיך שטעלען אָבבראָטען דאָס פלייש פון דער חיה.

קענעדי האָט אויפגעשטעלט איין אויוועלע, דזשאָע האָט אויסגעשני־טען די לעדוועצע און אלע גוטע חלקים פלייש און האָט געמאַכט אַ גוט געבראָטענס. אין מיטען דער שמחה האָבען זיי דערהערט אַ שאָס פון אַ ביקס, איז זיי באַקום ארויסגעפאלען דער ביסען פאַר מורא, טאָמער האָט זיך דעם דאָקטאָר עפּיס איין אומגליק געטראָפען. זיי האָבען געשווינד גע־נומען זייער געבראָטענעס און זענען גאָר אין איין אָטעם געלאָפען צו דעם

לופטבאלאָן. לויפענדיג האָבען זיי דערהערט נאָך א שאָס.

— אך, האָט דזשאָע געזאָגט, לאָמיר לויפען גיכער דער דאָקטאָר מוז זיין אין א גרויסער סכנה.

קוים זענען זיי נעהנטער צוגעקומען, האָבען זיי דערזעהען פון ווייטענס עפּיס ווי א גאַנצע מחנה נעגערען און עטליכע פון דער מחנה קלעטערען שוין טאקע אויף דעם בוים, צו וועלכען דער לופטבאלאָן איז צוגעבונדען. דער דאָקטאָר איז באמת געוועזען איז א גרויסער סכנה. דזשאָע האָט געציטערט פאר שרעק. קענעדי אָבער האָט איהם געשטאַרקט.

מיר דארפען איצט, האָט ער געזאָגט, זיין גאַנץ קאַלטבלוטיג. מיט אונזערע ביקסען קענען מיר פיער שטיק אַנידערלעגען.

איידער זיי זענען נאָך צוגעקומען, האָט דער דאָקטאָר ווידער אויסגעשאָסען און איינער פון די שווארצע איז אראָבגעפאלען טויט און געבליבען הענגען אויף דעם בוים.

— גיט נאָר א בליק, מיין ליבער האר — האָט דזשאָע א געשריי געטאָן, — עפּיס הענגט דאָרטען דער שווארצער רוח גאָר אין דער לופט, מיט וואָס האלט ער זיך צו? אהא, זעהט נאָר, עס איז דאָך גאָר מאלפּעס, און די דערשאָסענע הענגט פּארטשעפּעט ביי דעם עק: נו, מיט זיי איז, כלעבען, פארט גלייכער האָבען צו טאָן ווי מיט די ווילדע מענשען.

באמת איז דאָס טאקי געוועזען צינאָפאלען, דאָס הייסט זעהר שרעקליכע מאלפּעס, וואָס האָבען קעפּ ווי ביי הינד. ווי באלד קענעדי און דזשאָע האָבען אויף זיי עטליכע מאָל אויסגעשאָסען, זענען עטליכע געבליבען ליגען טויט אויף דעם אָרט, די איבריגע זענען זיך געשווינד צולאָפען, אין איין מינוט איז קענעדי ארויפגעקראָכען אויף דעם לייטער אין שיפעל אריין, דזשאָע האָט זיך ארויפגעקראפּקעט אויף דעם בוים, האָט אָבגעבונדען דעם אנקער, אריינגעשפּרונגען אין שיפעל און דער לופטבאלאָן האָט זיך אויפגעהויבען אין דער הויך.

— נו, מיר האָבען געהאַט א גוט פּעקיל, — האָט זיך דזשאָע אָנגערופען, — עס איז נאָך א גליק, וואָס דאָס זענען געוועזען מאלפּעס און מיר האָבען באלד דערהערט דעם שאָס. נאָר אז גאָט האָט אונז שוין יאָ געהאָלפען לאָמיר זשע מאכען א כוס'ע און פערבייסען מיט א פריש שטיקעל געבראָטענס.

דזשאָע האָט געגרייט צום טיש און האָט דערלאנגט איטליכען א גוט קעלישיקעל אראַק.

— מיר דאכט זיך, האָט ער געזאָגט, אז דער האר קענעדי האָט נישט קיין חרטה, וואָס ער איז מיט אונז געפאָהרען. עס עסט אָהן עין־הרע גאַנץ געשמאַק די קאָטלעטען פון דער גאזעלע. איך זאָג אייך, בנאמנות, אז איך

וואָלט מיין גאַנץ לעבען געגעסען נאָר גאַזעלען פון אַפריקאַ און געטרונקען אַראַק פון ענגלאַנד.

עס איז שוין געוועזען זייגער פיער נאָך האַלבענטאָג, און וועדליג דער באַראָמעטער האָט געוויזען, איז דער לופטבאַלאָן געפלויגען זיבענ־הונדערט איילען אין דער הויך, דער דאָקטאָר האָט אַלץ געוואָרעמט דעם גאַז בכדי דער לופטבאַלאָן זאָל זיך נישט אַראָבלאָזען נידעריג. אַרום זייגער זיבען איז „וויקטאָריע" געפלויגען איבער דעם טאָל קאַניעמע. דער טאָל פערנעהמט אַ מייל צעהן מיט אַ סך דערפער, וואָס זענען אַרומגערינגעלט מיט באַאָבאַ־בען און אַנדערע בוימער.

— דאָ איז די הויפּטשטאָדט פון דעם סולטאַן אוגאָגאָ, האָט זיך דער דאָקטאָר אָנגערופען. ווי עס שיינט, זענען די היגע מענשען עפּיס פיינער פון די אַנדערע ווילדע פעלקער, מחמת דאָ פערקויפען שוין זעלטען די על־טערען זייערע קינדער פאַר שקלאַפען, נאָר פונדעסטוועגען זיצט מען נאָך דאָ אין געצעלטען אינאייינעם מיט די בהמות.

נאָר וואָס די זון איז אונטערגעגאַנגען, האָט זיך דער הימעל גאַנץ שען אויסגעשטערענט און דער ווינד, וואָס האָט געבלאָזען ביי טאָג, האָט זיך איינגאַנצען געלעגט: דער דאָקטאָר האָט אומזיסט געזוכט ערגעץ אַ לופטעל, וואָס זאָל טראָגען דעם לופטבאַלאָן, דעריבער האָט ער זיך בע־שלאָסען צו נעכטיגען פּשוט אין דער לופט פינף הונדערט איילען הויך פון דער ערד. „וויקטאָריע" איז געבליבען שטעהן אין דער לופט און האָט זיך ניט גערירט פון דעם אָרט. קענעדי און דזשאָ האָבען זיך רוהיג געלעגט שלאָפען אויף זייערע געלעגערס און דער דאָקטאָר האָט זיך אַנידערגעשטעלט אויף דער וואַך. אַרום האַלבע נאַכט איז קענעדי אויפגעשטאַנען צו זיין משמר, דער דאָקטאָר האָט איהם אָנגעזאָגט איידער ער איז זיך געגאַנגען לעגען אָברוהען, אַז ער זאָל האָבען אין זינען זיך אָפט צוקוקען אויף דעם באַראָמעטער און אַז ער וועט פיהלען די קלענסטע פערענדערונג אין דער לופט, זאָל ער איהם באַלד אויפוועקען.

די נאַכט איז געוועזען זעהר אַ קאַלטע. די אַלע הונגעריגע חיות זענען אַרויסגעקראָכען פון זייערע נאָרעס און האָבען אין דער פינסטער אָבגעגעבען קאָנצערט אויף אַלערליי שרעקליכע קולות. די זשאַבעס האָבען זיך אָנגע־רופען אויף זייער קולכעל בשעת די שאַקאַלען האָבען זיך צושריגען אויף אַ וויינענדיג קול, דער לייב האָט שטאַרק געברומט און האָט אונטערגע־האַלטען די קאָמפּאַניע ווי אַ באַס. אַז דער דאָקטאָר האָט אין דער פריה אַ בליק געטאָן אויף דעם באַראָמעטער, האָט ער געזעהן, אַז ביי דער נאַכט האָט דער ווינד אָנגעהויבען בלאָזען גאָר אין איין אַנדער זייט, און דער לופטבאַלאָן איז אָבגעפלויגען קיין צפון־זייט דרייסיג מייל אין צוויי שעה,

ער איז געפלויגען איבער סקאלעס, איבער שטיינער פון דעם לאנד מאבענ־גורו, דארט האבען זיך אוּמעדום געוואלגערט זעהר פיעל ווייסע ביינער, פון ווילדע אקסען און עלפאנטען. בוימער זענען דארט געוועזען ווייניג, נאר פון דערווייטענס צו מזרח־זייט האבען זיך ארויסגעזעהן געדיכטע וועלדער, וואס אין זיי זענען געשטאנען עטליכע דערפער.

— מיר פליהען גוט, האט זיך דער דאקטאר אנגערופען: אט אין דזשיגוא־לא מקאא, מיר וועלען זיך דא צושטעלען אויף עטליכע מינוט, זיך זאפאסאווען מיט וואסער, וואס מען דארף האבען צו דעם גאז־רעהריל, עס איז אפילו ניטא צו דער האנד קיין בוים, נאר מען מוז פריוועו ווי עס איז פארטשעפען דעם לופטבאלאן. דער לופטבאלאן האט זיך אנגעהויבען אראבצולאזען אלץ נעהענטער צו דער ערד, דזשאע האט ארויסגעווארפען די אנקערס און איינער פון זיי האט זיך פארטשעפעט אין א שפאלט פון א פעלזענשטיין. ווי באלד וויקטאריע איז געבליבען שטעהן, איז דזשאע אראבגעשפרונגען מיט א פעסעלע אין דער האנד און איז געלאפען נאך וואסער, אין א האלבער שעה ארום איז ער געקומען צוריק, ער האט אויף דעם וועג גאר נישט געזעהן, נאר אויסגעשפרייטע נעצען צו חאפען עלפאנ־טען. דער דאקטאר האט שטארק ארויסגעקוקט איידער דזשאע איז צוריק־געקומען, מחמת אויף דעם שטיקעל לאנד איז געווען א גרויסע סכנה לאנג זיך אויפגעהאלטען. אין איין מינוט האט דזשאע ארייגעשטעלט דאס וואסער, ארויסגענומען דעם אנקער און א שפרונג געטאן אין שיפעל, דער דאקטאר האט פערגרעסערט דעם פלאם און דער לופטבאלאן האט זיך ווידער געלאזט אויף זיין רייזע. —

דאס ארט, וואו זיי האבען אבגעשטעלט וואסער צו נעהמען, האט זיך געפונען א מייל הונדערט פון דעם בעריהמטען דארף קאזעגא, און אזוי ווי דער ווינד האט געבלאזען אהינצו, האבען אונזערע רייזענדע געקענט האפען, אז זיי וועלען נאך אין דעם אייגענעם טאג אהין קומען. זענען געפלויגען איבער די דערפער טעמבא און טורא־וועלס, וואס דארטען וואק־סען זעהר גרויסע בוימער און הויכער קאקטוס, ארום זייגער צוויי ביי טאג איז „וויקטאריא" שוין געפלויגען איבער קאזעגא, וואס עס שטעהט דריי־הונדערט פופציג מייל פון דעם ים.

— פון זאנזיבאר, האט דער דאקטאר געזאגט, זענען מיר אוועק זייגער ניין אין דער פריה און אין צוויי טעג זענען מיר איינגעפלויגען א מייל פינף הונדערט. דער קאפיטאן בורטאן און ספעק האבען געמאכט די אייגענע רייזע אין פינף חדשים.

ט.

קאזעג, וואָס דאָרטען זיצט דער סולטאַן, איז אייגענטליך נים קיין שטאָדט. זי בעשטעהט נאָר פון זעקס דערפער מיט קליינע הייזלעך, וואָס נעבען איטליכען געפינט זיך אַ קליין הויפעל און אַ שען גאָרטענדיל מיט אַלערליי שמעקענדיגע קרייטעכצער. די דאָרטיגע איינוואוינער בוקען זיך צו דער לבנה. שוין פון גאַנץ לאַנג אָן האָט זיך דאָרט בעזעצט איין אַראַ־בישער שבט אַמאַני, וואָס האָט תמיד געפיהרט אַ גרויסען האַנדעל מיט גומי, מיט עלפענביין, מיט צין און מיט שקלאַפען, און איז דערפון אַזוי נתעשר געוואָרען, אַז די רייכע סוחרים פון דעם שבט טהוען שוין איצט נים אַליין קיין האַנד אין קאַלט וואַסער, זיצען נאָר דעם גאַנצען טאָג מיט די פלגשים, עסען, טרינקען, רויכערען לולקעס און פערזאָרגען זייער מסחר אין די וויימע מקומות אַריין דורך משולחים. אין ק אַ ז ע ג זענען אַלע גרעסטע ירידין פון מיטעל־אַפריקאַ. די איינוואוינער פון דרום־זיים פיהרען אַהינצו שקלאַפען און עלפענבוים, די סוחרים פון מערב ברייננען אַהין באַנ־וויל גלאָזוואַרג און כל אַ מיני סחורות פון די פעלקער וועגען, וואָס וואוינען נעבען די גרויסע אָזערעס. אויף די מאַרקען פון קאַזעג איז תמיד אַ רעש אַ געפילדער, מען הערט נאָר בעשטענדיג דאָס געשריי פון טרעגערס, דאָס הירזשען פון עזלען און מוילעזלען, דאָס געזאַנג פון ווייבער און דאָס וויינען פון קינדער. אומעדום ליגט צוזוואָרפען מאַטעריעס פון אַלערליי קאָלירען, פאַצערקעס, עלפענביין, האָניג, טאַבאַק און באַנוויל. דער גאַנצער גערו־דער פון דעם יריד איז פלוצלים שטיל געבליבען אַז דער לופטבאַלאָן האָט זיך אָנגעהויבען אַראָבצולאָזען פונקט אין מיטען שטאָדט, אַלע מענשען פון דעם מאַרק, סוחרים, שקלאַפען, קינד און קייט זענען זיך צולויפען אין די הייזער אַריין.

— איצט קען מען, כ'לעבען, מאַכען אַ גוט געשעפט, האָט זיך דזשאָע אָנגערופען, סחורות ליגען דאָ כחול הים און עס איז ניטאָ קיין לעבעדיגע נשמה, מען קען נעהמען וואָס דאָס האַרץ גלוסט, קיין האָהן זאָל נישט קרעהען.

— האָסט אַ טעות, דזשאָע, האָט דער דאָקטאָר געענטפערט, די לייט

האבען זיך נאָר אויף אַ מינוט דערשראָקען, זיי וועלען אָבער ציקאַווע זיין און באַלד צוריק קומען. מיר וועלען זיך טאַקי אַראָבלאָזען, נאָר מען דאַרף זיך האַלטען אַביסעל פונדערווייטענס.

— מיינסטו־דו טאַקי דאָ ספּעקולאַציעס צו מאַכען? האָט קענעדי דעם דאָקטאָר געפרעגט.

— פאַר וואָס דען ניט? האָט איהם דער דאָקטאָר געענטפערט, — אבי עס וועט נאָר מעגליך זיין. דאָ אין קאַזעג דאַרפען זיין אַראַבּישע סוחרים, וואָס זענען שוין ניט קיין ווילדע מענשען. איך געדענק, אַז בורטאָן און ספּעק האָבען זיך גאָר נישט געקענט אָבלויבען, ווי פריינדליך מען האָט זיי דאָ אויפגענומען. לאָמיר אויך פּרוּוען אונזער גליק.

„וויקטאָריע" האָט זיך אָנגעהויבען אַראָבצולאָזען אויף דער ערד, און איין אַנקער האָט זיך פאַרטשעפּעט אין שפּיץ פון אַ בוים, וואָס שטעהט אויף דעם מאַרק. די איינוואוינער האָבען אַרויסגעשטעקט גאַנץ פאָרזיכ־טיג די קעפּ פון זייערע הייזלעך און געפּרוּווט אַרויסגעהן אויף דער ליכטיגער וועלט. די דאָרטיגע מכשפים, וואָס הייסען וואַגאַנגי, האָבען זיך געמאַכט האַרץ און צוגעגאַנגען נאָהענטער צו דעם לופטבאַלאָן, באַלד נאָך זיי איז צוגעגאַנגען דער גאַנצער עולם, די פּויקערס האָבען אָנגעהויבען צו פּויקען, און אַלע האָבען אויפגעהויבען די הענד צום הימעל.

— דאָס דאַוונען זיי אַזוי, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, אויב איך נאַר מיך נישט, וועלען מיר דאָ ביי די טפשים שפּילען אַ גאַנץ וויכטיגע ראָליע. איך מיין, אַז דיך, דזשאָע, וועלען זיי מאַכען פאַר זייער אָבגאָט.

אין דער מינוט טאַקי האָט איין מכשף אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנד און דער גאַנצער עולם איז געבליבען שטיל. ער האָט עפּיס געהאַלטען אַ רעדע צו די רייזענדע, נאָר זיי האָבען נישט פערשטאַנען דאָס לשון. דער דאָקטאָר האָט געפּרוּווט רעדען אַראַביש האָט מען איהם געענטפערט. פון דעם בעל־דברנ׳ס רעד האָט זיך דער דאָקטאָר אָנגעשטויסען, אַז די לייט האָבען אָנגענומען דעם לופטבאַלאָן פאַר דער לבנה, וואָס איז געקומען צו זיי צוגאַסט מיט איהרע דריי זיהן. דער דאָקטאָר האָט זיי געזאָגט, אַז די לבנה געהט אַראָב איינמאָל אין טויזנד יאָהר זיך צו בעווייזען פאַר די מענ־שען, וואָס בוקען זיך צו איהר, ווען איינער האָט צו איהר עפּיס אַ בקשה, זאָל ער זיך נישט שעמען און בעטען. דער מכשף האָט איהם דערויף גע־ענטפערט, אַז דער סולטאַן איז שוין קראַנק פון עטליכע יאָהר און לאָזט בעטען, אַז דער לבנה׳ס קינד זאָל איהם מבקר חולה זיין. דער דאָקטאָר האָט זיך אָנגערופען.

די לבנה האָט פערנומען דעם סולטאַנס געבעט. און ער געהט אַליין ברייגנען איהם די רפואה. דער גאַנצער עולם האָט פאַר גרויס שמחה

אָנגעהויבען צו זינגען, צו שרייען, און עס איז געוואָרען אַ גערודער ווי צווישען מוראַשקעס.

— מיינע פריינד, — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט צו זיינע לייט אויף ענגליש, — איך געה איצט צו דעם טולטאַן, איהרביידע זאָלט, למען השם, בלייבען אויף אייערע ערטער. דו, קענעדי, שטעה אין שיפעלע און וואַרט כסדר דעם גאַז, און דו, דזשאָ, שטעה אויף דער ערד נעבען לייטעריל און זייט ביידע גרייט, אַז ווען מען וועט דאַרפען, זאָלען מיר קענען באַלד אוועקפליהען. פון מיר מאַכט זיך גאָר קיין עגמת נפש ניט, וויל די שוטים מיינען, אַז די לבנה איז געקומען צו זיי מיט אַ וויזיט און מיר זענען איהרע קינדער.

דער דאָקטאָר האָט מיט זיך גענומען זיין קליין אַפּטייקעל און איז אַראָב אויף דער ערד. דאָס געשריי פון דעם עולם איז נאָך גרעסער געוואָרען און זיי האָבען זיך געלאָזט געהן מיט דעם דאָקטאָר. דזשאָ איז אויך אַראָבגעגאַנגען און האָט זיך אַנידער געזעצט נעבען לייטעריל, די פיס אונטער זיך ווי אַ טערק.

דעם דאָקטאָר פערגיסאָן האָט מען געפיהרט מיט אַ קאַפּעליע צו דעם סולטאַנס הויז, וואָס איז געשטאַנען ווייט פון דער שטאָדט. די וואַגאַנגען האָבען איהם אַרומגערינגעלט און האָבען נישט צוגעלאָזען צו איהם דעם המון, וואָס האָט זיך זעהר געשטופט. מיט אַזוי אַ פּאַראַד איז מען געגאַנגען זעהר פּאַמעליך, עס איז געוועזען זייגער דריי און די זון האָט שטאַרק געשיינט. דעם סולטאַנס יורש עצר פון אַ קעבס ווייב, נאָך זעהר אַ יונגער און אַ בחור מיט ברייטע פּלייצעס איז אַרויסגעגאַנגען מקבל פּנים זיין דער לבנה׳ס זוהן און האָט זיך פאַר איהם אויסגעצויגען ווי גרויס ער איז, אויף דער ערד. אין דריי פערטיל שעה אַרום האָט זיך צום סוף די גאַנצע חאָפּטע צוגעלאָזט נעהענטער צום סולטאַנס פּאַלאַץ, וואָס שטעהט אויפ׳ן באַרג. דאָס איז געוועזען אַ הויז אָהן פענסטער, נאָר מיט איין טיר, דער דאַך איז אָבגעשטאַנען פון די װענד אַזוי, אַז די לופט איז פריי אַריינגעגאַנגען אין שטוב. אויף די ווענד איז געוועזען אויסגעמאָלט מיט רויטען ליים מענשען און שלאַנגען. די לייב־וואַכען האָט אָבגעגעבען דעם דאָקטאָר גרויס כבוד. דאָס זענען געוועזען זעהר געזונטע און שטאַרקע מענשען מיט לאַנגע האָר פערפלאָכטען אין אַ סך צעפּלעך, ביז איבער די פּלייצעס, דאָס פּנים איז ביי זיי געוועזען אויסגעשמירט פון די שלייפען ביז דעם מויל, מיט שוואַרצע אָדער בלאָע פּאַסען. אין די לאַנגע אויסגעצויגענע אויערען האָבען זיי געטראָגען הילצערנע רייפעלעך און זייערע קליידער זענען געוועזען פון ליכטיגע קאָלירען. די סאָלדאַטען זענען געוועזען גע־

וואָפּענט מיט שפּיזען, מיט בויגענס, מיט פּיילען, מיט מעסערס, מיט לאַנגע אויסגעשטשערבעטע סאַבלעס און מיט קליינע העקלעך.

דער דאָקטאָר איז אַריינגעגאַנגען אין פּאַלאַץ. חאָטשע דער סולטאַן איז געווען קראַנק, פונדעסטוועגן האָט זיך דאָרטען שרעקליך גערודערט, און ביי דעם דאָקטאָרס אַריינקומען איז דער גערודער נאָך צוויי מאָל שטאַר־קער געוואָרען ווי פריהער. איבער דער טיר זענען געהאַנגען ווי קמיעות עקען פון האָזען און גריוועס פון ווילדע פערד, וואָס הייסען צעברעס. אַ גאַנצע מחנה פון דעם סולטאַנס ווייבער האָבען זעהר שען אויפגענומע דעם דאָקטאָר, מען האָט איהם לכבוד צוגעשפּילט אַ וויוואַט אויף צימבלען און אויף זעהר אַ גרויסען קעסעלפּויק. דאָס רוב פון די ווייבער זענען געווען זעהר חנ'עוודיג. זיי האָבען געלאַכט און גערייכערט טאַבאַק אין גרויסע שוואַרצע לולקעס. זייערע לאַנגע קליידער האָט זיי זעהר שען געפּאַסט. זעקס פון זיי, וואָס מען האָט געהאַלטען בעזונדער, זענען אויך געווען פרעהליך, חאָטשע עס איז זיי געווען אָנגעברייט אַ ווינסטער, אַ פינסטערער סוף. נאָך דעם סולטאַנס טויט האָט מען זיי געדאַרפט מיט איהם אינ־איינעם בעגראָבען לעבעדיגערהייט, כדי זיי זאָלען איהם אין קבר אַביסעל פערגניגען פערשאַפען.

אָנקוקענדיג דאָס אַלצדינג, איז דער דאָקטאָר צוגעגאַנגען צו אַ הילצערן בעטיל, און האָט דערזעהן אויף איהם דעם סולטאַן, אַ מענש פון אַ יאָהר פערציג. ליגט פערמאַראַטשעט אָהן זינען, מחמת ער האָט געפיהרט אַ אויס־געלאַסען לעבען. זיין קראַנקהייט, וואָס האָט זיך שוין געצויגען יאָהרען לאַנג, איז געווען פּשוט אַ שכרות און קיין שום מיטעל אין דער וועלט וואָלט שוין ניט מעהר געהאָלפען, אַז דער שכורער סולטאַן זאָל זיך אויס־ניכטערן און שמעלען אויף די פיס.

דעם סולטאַנס מקורבים און זיינע ווייבער האָבען זיך געקניעט און איינגעבייגען די קעפּ בשעת דער דאָקטאָר איז צו איהם צוגעגאַנגען. דער דאָקטאָר האָט איהם איינגעגעבען עטליכע שטאַרקע טראָפּענס, איז דער שיכורער סולטאַן, וואָס איז שוין עטליכע שעה געלעגען ווי אַ טויטער, אַביסעל צו זיך געקומען אויף אַ רגע און האָט זיך עפּיס ווי אַ שאָקעל געטאָן. אַלע האָבען פאַר שמחה אָנגעהויבען צו שרייען לכבוד דעם דאָקטאָר. נאָר דעם דאָקטאָר האָט זיך שוין דאָס שרייען צוגעגעסען, ער האָט זיך ווי עס איז אָבגעטשעפּעט פון דעם גאַנצען פּעקיל, ער האָט זיי מוחל געווען דעם גאַנצען כבוד, איז אַרויסגעגאַנגען פון דעם פּאַלאַץ און האָט זיך געלאָזט געהן צו „וויקטאָריע“. עס איז שוין געווען זייגער זעקס פאַר נאַכט.

דזשאָע איז זיך דערווייל געזעסען די גאַנצע צייט רוהיג אונטען נעבען לייטעריל און האָט דאָרטען געוואַרט אויף דעם דאָקטאָר. דער המון

מענשען האָט איהם אָבגעגעבען גרויס כבוד. ער האָט זעהר גוט געשפּילט זיין ראָליע, טאַקי ווי עס פּאַסט דער לבנה׳ס אַ קינד. ער האָט זיך אפילו זעהר שען בענומען מיט די יונגע אפריקאַנקעס, וואָס האָבען אויף איהם געוואָרפען אויגען מיט גרויס בעוואונדערונג, און האָט צו זיי גערעדט מיט זיסע ריידעלעך.

— בוקט זיך צו מיר, האָט ער געזאָגט, איך בין, כ׳לעבען, אַ שענער בחור, אַ יונג מיט בייגער, חאָטשע דער לבנה׳ס אַ קינד.

מען האָט איהם געבראַכט קרבנות ווי איין אָבגאָט זאַנגען פון גערשטען און אַ מין משקה פּאַמבע. דזשאָע האָט פאַר דרך ארץ גענומען פערזוכען משקה, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי שטאַרק ביער. נאָר ווי ער האָט עס אָבער גענומען צו די ליפּען, האָט ער זיך שרעקליך פערקרימט מחמת גרויס שאַרפקייט, און אַלע האָבען געמיינט, דאָס לאַכט ער אַזוי פאַר גרויס גוטסקייט. דערנאָך האָבען יונגע מיידלעך אָנגעהויבען זינגען אַ לידעל אַלע אויף איין קול און האָבען זיך אַרום איהם געדרעהט מיט אַ טאַנץ גאָר גרויסאַרטיג.

— אַ, איהר טאַנצט, האָט זיך דזשאָע אָנגערופען, כ׳לעבען, איך וועל אויך ניט בלייבען הינטערשטעליג און וועל אייך ווייזען, ווי מען טאַנצט ביי אונז.

ער האָט זיך טאַקי באַלד געשטעלט טאַנצען, ניט געמאַכט קיין שיהות.

ער האָט זיך געדרעהט, געקרימט, געמאַכט מיט די פיס, מיט די הענט, און אַט זיך געבויגען, געשאָקעלט, געמאַכט ווילדע אָנשטעלען, דער המון האָט אויפגעעפענט מויל און אויערען און זיך ניט געקענט פער־חידושען, ווי אַזוי די אָבגעטער טאַנצען דאָס אביסעל אויף דער לבנה. און אַזוי ווי די אפריקאַנער שפּעטען אַלצדינג נאָך ווי די מאַלפּעס, האָבען זיי באַלד אָנגעהויבען נאָכצומאַכען דזשאָעס טאַנץ מיט אַלע זיינע קונצען. עס איז געוואָרען אַזאַ טאַראַראַם און אַזאַ גערודער, אַז מען איז שיער טויב געוואָרען. אין מיטען דער שמחה האָט דזשאָע דערזעהן, דער דאָקטאָר לויפט עפּיס מיט שרעק און דער גאַנצער עולם שטופּט זיך אַרום איהם מיט כעס. וואָס קען דאָס בעטייטען, האָט דזשאָע זיך אַליין געפרעגט, איז אפשר דער סולטאַן געשטאָרבען אונטער דעם דאָקטאָרס רפואה? מען וואָלט אונז געמעגט מקנא זיין. קענעדי האָט אויך פערשטאַנען פון דעם עולם׳ס שרייען, אַז זיי זענען דאָ אין אַ גרויסער סכנה, נאָר ער האָט ניט געקענט וויסען, פון וואָס דאָס איז געקומען. דער גאַז איז געוועזען גוט אָנגעוואַרעמט און דער לופטבאַלאָן האָט זיך געריסען אוועקצופליהען. דער דאָקטאָר איז קוים מיט צרות צוגעגאַנגען צו דעם לייטעריל. דער נארישער עולם האָט פאַרט מורא געהאַט אָנצופאַלען אויף לבנה׳ס קינדער.

דער דאָקטאָר האָט זיך גיך ארויפגעכאַפּט דורך דעם לייטערל אין שיפעל אריין און דזשאָע באלד נאָך איהם.

— מען טאָר דאָ ניט א מינוט פערלירען — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט — בינד ניט אָב דעם אנקער, מיר וועלען איהם אָבשניידען.

— וואָס איז דאָ אזוינס געשעהן? — האָט דזשאָע און קענעדי גע־פרעגט.

— איהר זעהט דען ניט, האָט דער דקטאָר געענטפערט, אז די אמת'ע לבנה איז איצט אויפגעגאַנגען.

— ווי די לייט האָבען דאָס דערזעהן, האָבען זיי אָנגעפאַנגען צו שריי־ען, אז מיר זענען גאָר אָבמאַנשטשיקעס און דעריבער איז געוואָרען דער גאַנצער געפילדער.

דזשאָע האָט ארויסגעלאָזט א גרויס געלעכטער. די איינוואוינער פון קאַזעג האָבען אויפגעהויבען אקעגען לופטבאַלאָן זייערע פיילען, נאָר איין מכשף האָט א וואונק געטאָן דעם עולם און אלע האָבען אראָבגעלאָזט די הענד. דער מכשף איז ארויף אויף דעם בוים און האָט געוואָלט דורך דעם שטריק אראָבציהען דעם לופטבאַלאָן אויף דער ערד.

— אפשר דאַרף מען אָבהאַקען דעם שטריק? — האָט דזשאָע גע־פרעגט.

— וואַרט נאָר אביסעל, האָט דער דאָקטאָר געענטפערט, אָבהאַקען וועלען מיר קיינמאָל ניט פערזאַמען, און עס איז דאָך א שאָד דער אנקער.

דער מכשף האָט מיט זיין קריכען אָבגעבראָכען די צווייגען פון דעם בוים און דער אנקער האָט זיך אָבגעטשעפּעט. דער מכשף איז אָבער גע־בליבען זיצען אויף דעם אנקער און דער לופטבאַלאָן האָט איהם אויפגעהויבען אין דער הויך. דער עולם האָט זיך זעהר דערשראָקען, ווי זיי האָבען א בליק געטאָן, אז איינער פון זייערע וואַגאַנגען ווערט פערשוואונדען פאַר זייערע אויגען.

— מיר דאַכט זיך, האָט קענעדי געזאָגט, אז די קליינע נסיעה וועט איהם ניט שאַדען, עס וועט ביי איהם ווערט זיין רבי־געלד.

— אפשר איז נישקשה איהם פון דאַנען אראָבצוואַרפען? האָט דזשאָע געפרעגט, אז דער לופטבאַלאָן איז שוין געפלויגען טויזענד איילען אין דער הויך.

— ניין, מיין פריינד, — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט, — מיר וועלען איהם בעסער אראָבלאָזען, לאָז ער זיך געזונדערהייט געהן א היים און דערצעהלען, אז ער האָט געשפּאַצירט מיט דער לבנה אליין, וועלען איהם זיינע לייט האַלטען זעהר בחשיבות, אָדער זיי וועלען איהם גאָר מאַכען פאַר איין אָבגאָט.

אַ גאַנצע האַלבע שעה האָט „וויקטאָריע" געטראָגן דעם שוואַרצען מכשף אין דער לופט, ער האָט פאַר שרעק אַליין ניט געוואוסט, וואָס עס טהוט זיך מיט איהם. אַז דער דאָקטאָר האָט אַ בליק געטאָן, אַז זיי פליהען שוין אויף אַ פוסטען פּלאַץ, האָט ער אויפגעהערט צו וואַרעמען דעם גאַז און דער לופטבאַלאָן האָט זיך אָנגעהויבען אַראָבצולאָזען. דער מכשף האָט ניט געוואַרט ביז דאָס שיפעל וועט צוקומען צו דער ערד, ער האָט אַ שפּרונג געטאָן אויף עטליכע איילען און האָט געמאַכט די גרויסע פּליטה. דער לופטבאַלאָן האָט זיך באַלד אויפגעהויבען.

— אָט, אַ פּנים, אַז מען טאָר זיך ניט אויסגעבען פאַר דער לבנה'ס קינדער אָן איהר רשות, — האָט זיך דזשאָע אָנגערופען, אַז זיי זענען שוין געוועזען העט ווייט אין דער לופט. — זי האָט אונז שיער ניט אָבגעשפּילט אַ גוטע חתונה. האָט איהר נישט דאַרטען אפשר, האַר דאָקטאָר, דער לבנה איהר גאַנצען שם קאַליע געמאַכט מיט אייער רפואה?

— טאַקי באמת, האָט קענעדי געפרעגט, וואָס איז דאָס פאַר אַ נפש דער סולטאַן פון קאַזעג

— עט, האָט דער דאָקקטאָר געענטפערט, איין אַלטער שכור, וואָס איז נוטה למות. זיין טויט, מיין איך, וועט עפּיס ניט אַזוי שטאַרק באַנג טאָן דעם עולם. פון דעם, וואָס עס האָט זיך איצט מיט אונז פּאַסירט קען מען זיך אַ מוסר נעהמען, אַז אַלע גדולות און כבוד זענען נישט קיין אייביג געוועהר.

— האָט מיר נישט קיין פאַראיבעל, האָט דזשאָע געזאָגט, מיר, כ'לעבען, איז דער כבוד זעהר ניחא געוועזען. ווי איהר ווילט זיך, הייסען דער לבנה'ס אַ קינד איז גאַר ניט שלעכט. צום שלימזל אָבער האָט זיך די לבנה געדאַרפט בעווייזען און נאָך אינגאַנצען רויט ווי פייער. זי איז אודאי אויף אונז שטאַרק אין כעס געוועזען.

ווי מען האָט זיך אַזוי געשמועסט און דזשאָע האָט לוסטיג געמאַכט דער עולם מיט זיינע ווערטלעך, האָבען זיך אָנגעהויבען אין צפון־זייט צו ווייזען שוואַרצע שרעקליכע חמאַרעס. אין מיטען איז דער הימעל געבליבען ריין, נאָר די לופט איז געוועזען עפּיס שרעקליך שווער. אַ שטאַרקער ווינד האָט זיך אויפגעהויבען אַרום זייגער אַכט און האָט אַ טראָג געגעבען „וויקטאָריען" אַביסעל צו מזרח־זייט. אונזערע רייזענדע זענען געפלויגען איין ערך פינף און דרייסיג מייל אַ שעה. אונטער זיי זענען געשווינד געלויפען די שענע פעלדער פון מופטאַ, זיי האָבען פשוט פערנומען די אויגען מיט זייערע תבואות, עס איז נאָר אַ תענוג געוועזען זיי אָנצוקוקען.

— די איינוואוינער פון דעם לאַנד, איבער וועלכען מיר פליהען איצט, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט בוקען זיך פון אייביג אָן צו דער לבנה. דאָס

איז איינס פון די בעסטע לענדער אין גאנץ אפריקא, עס איז זעלטען ערגיץ צו געפינען אזעלכע טייערע פרות און תבואות.

— זאָגט מיר, מיין ליבער האר, האָט דזשאָע זיך אָנגערופען, פאר וואָס קומט עס, אז אזעלכע ווילדע מענשען זאָלען האָבען אזא פעט ווינקעל?

— ווער ווייסט? האָט דער דאָקטאָר געענטפערט — עס קען זיין, אז מיט דער צייט וועלען דאָ וואוינען די געלערנטסטע און די ערדעלסטע פעלקער; עס קען זיין, אז אין א סך יאָהרען ארום וועט די ערד פון אייראָפּא שוין קיין כח נישט האָבען מפרנס צו זיין איהרע איינוואוינער, וועלען זיי אלע אריבערגעהן אהער.

— דו מיינסט עס טאָקי ערנסט? האָט קענעדי געפרעגט.

— יאָ, מיין פריינד, די היסטאָריע ווייזט אונז, אז עס מוז אזוי זיין. דו ווייסט דאָך, פון וואַנען די פעלקער האָבען אָנגעהויבען צו וואַנדערען, לכתחילה האָט אזיען געקאָרמעט פיער טויזענד יאָהר כסדר די גאַנצע וועלט, נאָר אז ערטערווייז האָט די ערד אויפגעהערט צו געבען איהר פרוכט, און שטאָט דער תבואה איז אויסגעוואַקסען אויף די פעלדער שטיינער, האָבען זיך פון דאָרט די מענשען אוועקגעלאָזט קיין אייראָפּא וואָס זי האָדע־וועט זיי שוין צוויי טויזענד יאָהר. נאָר מיר זעהען, אז ביי אונז אין אייראָ־פּא, וואָס ווערט וואָס א יאָהר מעהר יקרות און הונגער, קראַנקהייטען, וואָס אונזערע זיידעס האָבען פון זיי גאָרנישט געוואוסט, זענען ביי אונז שכיח, — דאָס איז א סימן, אז אונזער לאַנד ווערט מאָגערער און פער־לירט איהר כח. מיר זעהען, אז א סך פעלקער פון אונזער לאַנד ציהען זיך שוין איצט קיין אמעריקא. וואָס די ערד איז דאָרטען נאָך יונג און פעט. נאָר מיט דער צייט וועט אמעריקא אויך אלט ווערען, איהרע וועלדער וועלען אויסגעהאַקט ווערען, איהרע פעלדער, וואָס טראָגען איצט צוויי מאָל אין יאָהר תבואה, וועלען שפּעטער קוים איין מאָל אין יאָהר טראָגען. דענסטמאָל וועט אפריקא אויפנעהמען צו זיך די נייע דורות, איהרע פעטע פעלדער וועלען זיי שפייזען טויזענדער יאָהרען, און אז מען וועט בעאַר־בייטען די ערד, וועט זי בעקומען גאָר איין אנדער פנים, די שעדליכע לופט וועט ווערען ריין, געזונד די טייכען און וואַסערען, וואָס געהערען זיך איצט איינס מיט דעם אנדערען נישט אָן, וועלען צונויפגענומען ווערען דורך קאַנאַלען און אויף זיי וועלען געהן האַנדעלסשיפען און פאַרעחאָדען. דאָס שענע שטיקעל לאַנד, איבער וועלכען מיר פליהען, וועט אפשר א מאָל ווע־רען א גרויס קעניגרייך און וועט דאָרט ממציא זיין א סך זאַכען, נאָך אפשר מעהר שכל׳דיגער פון דעם טעלעגראַף און פאַראָווע מאַשינען.

אונזערע רייזענדע זענען געפלויגען איבער פעלדער און וועלדער, אי־בער בערג, איבער טאָלען און גרויסע וואַסערען. קעמלען און אנדערע בהמות

זענען געשטאנען אויף די פעלדער טיעף אין גראז, אז מען האט זיי קוים ארויסגעזעהן. אין די געדיכטע וועלדער, וואס האבען אויסגעזעהען פון דער הויך ווי קליינע וואזאנעס, האבען זיך אויפגעהאלטען לייבען, לעמפערטען און די שרעקליכע נאכט־וועלף, וואס הייסען היענעס, די עלפאנטען האבען געהענדיג געטרעסעט מיט די שפיצען ביימער און עס האט זיך געהערט א קול פון די צווייגען, וואס זיי האבען אבגעבראכען מיט זייערע גרויסע צייהן.

— אך, — האט קענעדי דער יענער זיך אנגערופען פאר גרויס שמחה, — ווי גוט עס איז אין דעם ארט צו געהן אויף דער יאכט, דא זענען אזוי פיעל חיות, אז מען זאל אפילו בלינדערהייט אויסשיסען וועט מען זיכער טרעפען א חיה. טאמער וואלט איך מיך טאקי געפריווט?

— חלילה, האט איהם דער דאקטאר געענטפערט, עס איז ניט איצט די צייט, די נאכט פאלט צו, און די חמארעס רוקען זיך אויך אן, עס וועט דונערען און בליצען. דו דארפסט וויסען, אז אין אזעלכע הייסע ערטער, וואס די היץ ברענט ווי אין גיהנם, זענען די דונערען זעהר שרעקליך. פיהלסט־דו דען ניט, ווי עס איז געווארען שטארק פארנע, די היץ איז ניט אויסצוהאלטען, עס איז ניטא קיין פיצעל לופטעלע, דאס וועט ניט אבלויפען גלאט, גאט זאל שומר ומציל זיין וואס עס קען ווערען.

— אויב יא אזוי, האט קענעדי געזאגט, וואלט אפשר בעסער געווען זיך אראבצולאזען אויף דער ערד.

— אומגעקערט, האט דער דאקטאר געענטפערט, איך טראכט זיך נאך העכער אויפצוהויבען און ווען עס וועט נאר מעגליך זיין, וועל איך מיך נעהמען אויף זיבען, אכט גראד מעהר קיין צפון־זייט און פריווען צו־פליהען נעהנטער צו די ערטער, וואס מען איז משער, אז דארטען זאלען זיך געפונען די קוועלען, פון וועלכע דער טייך נילוס געהט ארויס. אפשר וועלען מיר נאך דארט אויך געפינען א שפור פון דעם קאפיטאן ספעק אדער גאר די גאנצע שיירא פון דעם רייזענדען נעגלין.

— זעה נאר, — האט קענעדי איבערגעשלאגען דעם דאקטארס שמועס מיט א געשריי, — זעה נאר דארט די בעהאמאסען, אדער, ווי מען רופט זיי נאך אויך, די פלוספערד, וואס קריכען ארויס פון די טייכען, ווי גרויס ווי דיק, ווי גראב זיי זענען! היינט זעה דארטען אויך די קראקאדילען, מיט וואס פאר א רעש אטעמען זיי. און ציהען אין זיך אריין די לופט. עס איז זיי א פנים שטארק דושנע.

— א תעניג, כ׳לעבען, צו רייזען אזוי ווי מיר, האט דזשאע זיך אנ־גערופען, וואס הערען מיר אזעלכע ווילדע מנו׳לים. האר דאקטאר, האר

קענעדי, קוקט נאָר אָן דאָרטען עפּיס. גאָר א גוזמא חיות. אפשר א צוויי הונדערט שטיק, וואָס געהען מחנות־ווייז. דאָס איז וועלף.

— ניין, דו האָסט א טעות, דזשאָ, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, דאָס זענען ווילדע הינד, זעהר בייזע, וואָס האָבען קיין מורא ניט אָנצופאַלען אפילו אויף א לייב. זיי זענען פון אַלע חיות דאָס ערגסטע בעגעגעניש פאַר א רייזענדען, אין איין רגע צורייסען זיי איהם אויף שטיקלעך.

אין דרויסען איז דערווייל געוואָרען וואָס ווייטער הייסער, שטילער, מען זאָל דאָס פּיהלען עפּיס א ווינטעלע, די לופט אינגאַנצען איז ווי אַנט־שלאָפען געוואָרען, עפּיס ווי די כוחות זענען איהר אויסגעגאַנגען און איז ניט אינשטאַנד געוועזען אים מינדסטען זיך צו בעוועגען. אַלע פייגעל, גרויס און קליין, האָבען זיך בעהאַלטען צווישען די צווייגען פון געדיכטע בוימער. עס איז געוועזען אַלע סמנים, אז באַלד וועט ווערען א גאָס־רעגען. זייגער ניין ביי נאַכט איז דער לופטבאַלאָן געבליבען שטעהן, אָהן א שום בעווע־גונג, איבער מזענע, א אָרט, וואָס בעשטעהט פון א סך דערפער און וואָס אין דער צייט איז שוין שווער געוועזען זיי צוזעהן פון דער ווייטענס.

— אָך, עס איז מיר זעהר דושנע, האָט קענעדי געזאָגט און געסאָפּעט גאַנץ שטאַרק, מיר שטעהען דאָך אין דער לופט און גיבען זיך אפילו קיין ריהר ניט. וואָלט ניט בעסער געוועזען זיך פשוט אַראָבצולאָזען.

— סטייטש, עס וועט דאָך אָבער ווערען א שטורם, — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט אַביסעל אונרוהיג.

— נו, אז דו האָסט יאָ מורא, דער ווינד זאָל שפּעטער ערגיץ ניט פערטראָגען דעם לופטבאַלאָן, איז דאַכט זיך ניטאָ קיין אַנד׳ער מיטעל, ווי זיך אַרבצולאָזען, האָט איהם קענעדי געזאָגט.

— אפשר וועט נאָך היינט ביינאַכט גאָר ניט זיין, האָט זיך דזשאָ אַריינגעמישט אין דעם שמועס, — די וואָלקענס זענען לעת־עתה זעהר הויך.

— אָט טאַקי מחמת דעם האָב איך מורא אַריבערצופליהען איבער זיי, האָט דער דאָקטאָר געענטפערט, מען וועט מוזען זיך אויפהייבען שרעק־ליך הויך, אויפהערען אינגאַנצען צו זעהן די ערד און לאָזען זיך גלאַט אויף מזל, ניט צו וויסען די גאַנצע נאַכט, אפילו אויב מיר ריהרען זיך און וואוהין מיר פליהען.

— ענטשלים זיך אויף עפּיס, מיין ליבער סאַמועל, — האָט קענעדי געזאָגט, — עס איז איצט ניט די צייט א סך צו קלערען.

— א גרויסער שאָד, וואָס דער ווינד איז שטיל געבליבען, — האָט דזשאָ געזאָגט — ער וואָלט אונז אוועקגעטראָגען איבער דער חמאָרע.

— יאָ, מיין פריינד, האָט דער דאָקטאָר געענטפערט, מיר זענען איצט שטאַרק אין דער קלעהם, זאָל איך מיך אויפהויבען אין דער הייך, קען,

חלילה, אַ בליץ אָנצינדען דעם לופטבאַלאָן; זאָל איך מיך אראַבלאָזען און בלייבען שטעהן פאַרטשעפּעט מיט דעם אַנקער, קען אַ שטאַרקער שטורם, וואָס דאַ ווערט עס אין איין מינוט, אונז אראַבשליידערען אויף דער ערד. בעסער איז נאָך מיין דעה, מיר זאָלען זיך אַלץ האַלטען אין דער מיט, וואַסער פון דעם גאַז־רעהרילס ווענען האָבען מיר גענוג, דערביי נאָך צוויי הונדערט פונט משא, ווען מען וועט בעדאַרפען, וועל איך מיך מיט זיי אויסהעלפען. איהר מיינע פריינד, לייגט זיך לעת־עתה שלאָפען, אז עס וועט נויטיג זיין, וועל איך אייך אויפוועקען. איצט שטעהט דער לופטבאַלאָן אויף איין אָרט און ריהרט זיך נישט, ווען דער וועטער וועט זיך ניט פאַרענדערען, וועלען מיר מאָרגען אויך שטעהן אויף דעם אייגענעם אָרט.

קענעדי און דזשאָע האָבען זיך אַנידערגעלעגט אונטער די קאָלדרעס און דער דאָקטאָר איז איינער אַליין געבליבען אויף דער וואַך. די חמאַרעס האָבען זיך אָנגעהויבען אראַבצולאָזען נידעריגער און עס איז געוואָרען שטאַרק פינסטער, האָטש איין אויג ארויסצונעהמען. מיט אַ מאָל איז זעהר ליכטיג געוואָרען פון אַ גרויסען בליץ און איידער ער איז נאָך פאַרשוואונדען געוואָרען, האָט אַ קלאַפּ געגעבען אַ שטאַרקער דונער. קענעדי און דזשאָע האָבען זיך ניט טויט ניט לעבעדיג אויפגעהאַפּט און זענען צוגעלאָפען צום דאָקטאָר.

— לאָמיר זיך אראַבלאָזען, האָט קענעדי אַ געשריי געטאָן.

— ניין, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט. אראַבצולאָזען זיך איז שוין אומעגליך, בעסער לאָמיר זיך אויפהייבען אין דער הויך, איידער עס הויבט אָן דער שטורם מיט דעם רעגען. דער דאָקטאָר האָט פאַרגרעסערט דעם פלאַם פון דעם גאַז־רעהריל. באַלד האָבען אָנגעהויבען צוגעהן איין דונער נאָך דעם אַנדערן, און די בליצען האָבען גאַר נישט אויפגעהערט, די לופט איינגאַנצען איז געווען איין פייער און די טראָפּען פון דעם רעגען האָבען אויסגעוויזען ווי גרויסע פליהענדיגע פונקען.

— אין ברירה, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, מיר מוזען איצט דורכגעהן אַ פייערדיג גיהנם מיט אונזער לופטבאַלאָן, וואָס איז אָנגעפילט מיט ברענענדיגען גאַז.

— לאָז זיך גיכער אראָב אויף דער ערד, אויף דער ערד, האָט קענעדי געשריגען אויף אַ קול.

— אויף דער ערד, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, זענען מיר אויך אין אַ סכנה, אַ חוץ דעם קען זיך נאָך דער לופטבאַלאָן צורייסען אין די צווייגען פון די בוימער. מיר מוזען זיך אויפהייבען ווי צום גיכסטען.

אין דעם חלק אפריקא קען מען בשעת אַ גרויסען גאָס־רעגען איבער־

צעהלען דרייסיג ביז פינף און דרייסיג בליצען אין א מינוט. דער הימעל איז דענסטמאל איינגעטונקט אין פייער און די דונערען הילכען שטארק און ווילען גאר ניט אויפהערען.

א שטארקער ווינד האט מיט אימפעט געבלאזען אין דער פייערדיגער לופט און געדרעהט מיט די דערהיצטע וואלקען. מען קען זאגען, עפּיס א גרויסער בלאז־זאק האט געעפענט דאס מויל צו פארגרעסערען דאס שרעקליכע פייער. דער דאקטאר האט אויפגעעפענט אינגאנצען דעם קראנט פון דעם גאז־רעהריל. דער לופטבאלאן האט זיך וואס ווייטער מעהר אנגעבלאזען און זיך אויפגעהויבען העכער. קענעדי, וואס איז געשטאנען אויף די קניע אין דעם שיפעלע, האט מיט כמה צרות איינגעהאלטען די פארהענגלעך פון דער פאלאטקע. דער לופטבאלאן האט זיך געדרעהט, געווארפען אין אלע זייטען, אז די רייזענדע זענען שיער פון דעם מוח ניט ארארגעגאנגען. דער שטורמווינד האט שטארק געקנייטשט און צונויפגעקלעמט די מאטעריע וואס ארום דעם לופטבאלאן, ער האט מיט איהר געווארפען, געטרעסטעט, און א שטארקער האגעל האט אויך געקלאפּט שרעקליך אויף דעם לופטבאלאן, וואס ער האט זיך פונדעסטוועגען פארט געהויבען העכער און העכער. די בליצען זענען איבער איהם דורכגעלאפען ווי פייערדיגע שלאנגען, עס האט אויסגעוויזען, ווי ער איז אינגאנצען אין א העליש פייער.

— גאט זאל רחמנות האבען, — האט זיך דער דאקטאר אנגערופען, — טאקי נאר ער איינער קען אונז העלפען. לאמיר זיין ברייט צו אלצדינג, וואס קען זיך טרעפען, אפילו צו א שרפה.

— די רייזענדע האבען געקוקט אויף דעם דאקטאר. זיין פּנים איז געוועזען רוהיג און בעליכט פון די בליצען, וואס ער האט זיי גאנץ ערנסט בעטראכט, בשעת זיי זענען נעבען איהם פארבייגעלאפען. דער לופטבאלאן האט זיך געדרעהט אין דעם שטורמווינד. נאר עס האט זיך פארט אויפגעהויבען העכער.

אזוי האט געדויערט א פערטיל שעה. דער לופטבאלאן איז צום סוף אריבער העכער פון די שרעקליכע חמארעס, די אלע בליצען זענען שוין געוועזען אונטער איהם און האבען אויסגעזעהן ווי פייערווערק. דאס איז געווען איינע פון די שענע בילדער, וואס גאט קען נאר ווייזען א מענשען אין זיין וועלט. אונטען א שרעקליכע חמארע מיט דונערן און בליצען, אויבען א אויסגעשטערענטער הימעל, זעהר רוהיג, שטיל, פיין, מיט א שיינעדיגער לבנה, וואס קוקט אראב מיט איהרע שטראהלען אויף די בייזע פינסטערע וואלקענס. דער דאקטאר האט א בליק געטאן אויף דעם בארא‏מעטער

און האָט געזעהן, אַז זיי זענען הויך זעקס טויזענד איילען פון דער ערד. עס איז געוועזען זייגער עלף.

— געלויבט איז גאָט, מיר זענען שוין ארויס פון דער סכנה, — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, — מיר דארפען זיך האלטען אַלץ אין דער דאָזיגער הויך ביז די חמאַרעס וועלען זיך צוגעהן.

— שרעקליך! — האָט זיך קענעדי אָנגערופען, — דאָס לייב גרוילט.

— שרעקליך איז טאַקי, — האָט דזשאָע געזאָגט, — נאָר ווי דארף עס אָבער אונז הנאה טאָן, אַז מיר האָבען בעשיינפערליך געזעהן גאָטס גרויסע וואונדער, נישט איטליכער איז אזא בעל זוכה.

יא.

ארום זייגער פיער, מאָנטאג אין דער פריה, איז די זון זעהר שען אויפ־געגאַנגען. די וואָלקען זענען פערשוואונדען געוואָרען, א קיהל ווינטעלע האָט געווייהעט און דערפרישט די לופט. אונזערע רייזענדע האָבען ווידער פאַר זיך דערזעהן די ערד דער דאָקטאָר האָט אָבגעקילט ביסלעכווייז דעם גאַז און בשעת אראָבלאָזען זיך אַלץ נידעריגער האָט ער געזוכט אין דער לופט אזא ווינד, וואָס ער זאָל איהם טראָגען קיין צפון־זייט. נאָר א לאַנגע צייט איז אומזיסט געוועזען זיין טירחא. דער ווינד האָט איהם תחילת פערטראָ־גען קיין מערב־זייט אזש אקעגען די הרי חשך, אָדער ווי זיי הייסען אין אַנ־דערע לשונות, די הרי לבנה (לבנה־בערג) מחמת זיי זענען שרעקליך הויך, בעדעקט אייביג מיט שנעע און נישט איינער פון אַלע וואַנדערער האָט נאָך נישט זוכה געוועזען זיי אריבערצוגעהן.

— מיר געפינען זיך איצט אין אזא אָרט, וואָס עס איז נאָך דער גאַנ־צער וועלט גאָר ווילד פרעמד, — האָט זיך דער דאָקטאָר אָנגערופען, — דער קאַפּיטאַן בורטאָן איז ווייט פערגאַנגען אין דעם קאַנט, נאָר ער האָט פאָרט נישט געקענט קומען ביז די דאָזיגע בערג, ער גלויבט אפילו נישט, אויב זיי זענען גאָר דאָ אויף דער וועלט, חאָטשע זיין חבר ספּעק זאָגט, אז זיי געפינען זיך יאָ. מיר אָבער זענען שוין גאָר ניט מסופק, אַז זיי זענען דאָ, ווייל מיר זעהען זיי איצט מיט אונזערע אויגען. נאָר אריבערפליהען איבער זיי האָב איך נישט בדעה, מחמת איך וויל אויפזוכען אין דער לופט אזא ווינד, וואָס ער זאָל אונז ווידער טראָגען אויף דעם פריהערדיגען וועג.

דער דאָקטאָר האָט זיך אָנגעהויבען צו דרעהען אין דער לופט אהין און אהער און האָט טאַקי באַלד געפונען, איינגאַנצען הונדערט איילען הויך פון דער ערד, אזא ווינד, וואָס ער האָט געשווינד א טראָג געטאָן דעם לופט־באַלאָן קיין צפון.

— אז מיר זענען שוין יאָ אזוי נאָהענט פון דער ערד, האָט זיך דזשאָע אָנגערופען, וואָלט ניט געשאַדט זיך אראָבצוחאַפּען און אביסעל זיך צוגעהן מיט די פיס.

— ביסט טאַקי גערעכט, האָט דער דאָקטאָר געענטפערט, מיר דאַרפען

זעהן שאַנעווען אונזער ביסעל שפּייז. דאָ וועט אונז קענעדי מוחל זיין צו־שטעלען אַ פריש שטיקעל פליייש; וואַסער מוזען מיר אויך מיטנעהמען פון דאַנען, ווארום ווער ווייס, מיר קענען נאָך פערטראָגען ווערען אין די טרוי־קענע מדבריות, דעריבער מוזען מיר זיך בייצייטענס פערזיכערען מיט אַלע זאַכען.

דער דאָקטאָר האָט געהייסען אראָבלאָזען די אַנקערס. דער לופטבאלאָן האָט אָנגעהויבען צו פליהען נידריג, איבער אַ סטעפּ, בעוואַקסען מיט הויך גרין גראָז, צולאָזט מיט זיינע אַנקערס, ווי איין אַדלער מיט צושפּרייטע פליגעל. פליהענדיג אַזוי, האָט זיך פּלוצים איין אַנקער פארטשעפּעט.

— דזשאָע, וואַרף אראָב דאָס לייטעריל, האָט קענעדי געזאָגט, דער אַנקער האָט זיך געמוזט אריינשטעקען אין אַ שפּאַלט פון אַ פעלזענשטיין, וואָס ער איז באַדעקט מיט גראָז.

דזשאָע האָט זיך נאָך ניט אויספּעיעט אַ ריהר צו טאָן, איז עפּיס פון אונטער דעם גראָז אַרויס אַ שרעקליך געשריי.

— וואָס איז דאָס עפּיס פאַר אַ שלאַק, האָט זיך דזשאָע אָנגערופען, ווער רעוועט עס דאָרטען.

— אַי, האָט קענעדי אַ געשריי געטאָן מיט שרעק, האַפּענדיג די ביקס,
— מיר האָבען זיך גאָר פארטשעפּעט אין אַ שלאַנג.

— האָב נאָר צייט, קענעדי, האָט זיך דער דאָקטאָר צו איהם אָנגערו־פען, דיין שלאַנג איז גאָר די נאָז פון איין עלפאַנט, דער אַנקער האָט זיך געווים פארטשעפּעט אין זיינע צייהן. שים נישט. ער איז גוט איינגעשפּאַנט אין אונזער שיפעל און וועט אונז ארויספיהרען אויף דעם רעכטען וועג.

דער עלפאַנט, נעבעך, האָט טאַקי הענדום־פּענדום אָנגעהויבען צו לוי־בען אין דעם גראָז און איז באַלד ארויס אויף אַ פרייען פּלאַץ. דער אַנקער האָט זיך שטאַרק געהאַלטען צווישען זיינע גרויסע ווייסע צייהן און דער עלפאַנט האָט זיך אומזיסט געמוטשעט מיט זיין לאַנגער נאָז איהם אָבצור־טשעפּען. אַנדערהאַלבען שעה איז ער אַזוי געלאָפען גאַלאָפּ מיט אונזערע רייזענדע.

— וויאָי, האָט דזשאָע אַ פייף געטאָן, נו, הייב פּיסלעך.

— עס איז שוין גענוג, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, מיר זענען שוין גאַנץ נאָהענט פון דעם וואַלד. דאָרטען וועט פאַר דעם לופטבאלאָן ניט גוט זיין. קענעדי, נעהם זיך צום ביקסעל.

קענעדי האָט זיך מחיה געוועזען, אַז ער האָט דאָס נאָר דערהערט, און האָט תיכף אויסגעשאָסען. נאָר די קויל, וואָס האָט געטראָפען דעם עלפאַנט אין שטערען אריין, האָט איהם אַזוי פיעל געאַרט, ווי אַרבעס צו דער וואַנד, און האָט אָנגעהויבען נאָך געשווינדער צו לויפען.

— אָ, נישקשה פון אַ קעפּיל, — האָט קענעדי געזאָגט, — וואַרט נאָר, איך וועל דיך פּריוועט מכבד זיין מיט שפּיצעכדיגע קוילען.

און טאַקי באַלד האָט ער אויסגעשאָסען דאָס צווייטע מאָל. דער עלע־פאַנט האָט אַ שרעקליכען רעווע געטאָן און איז ווייטער געלאָפען. דזשאָע האָט אויך געכאַפּט אַ ביקס און האָט אינאיינעם מיט קענעדי׳ן נאָך אַ מאָל אַריינגעזעצט צוויי קוילען דעם עלעפאַנט אין דער זייט אַריין. דער עלעפאַנט האָט זיך אויף איין מינוט אַנידערגעשטעלט און אויפגעהויבען זיין לאַנגע נאָז אין דער הויך. טייכען בלוט האָבען זיך פון איהם געגאָסען. נאָר באַלד האָט ער ווידער אָנגעהויבען צולויפען אין וואַלד אַריין.

— בלייבט ניט שטעהן און שיסט ווייטער, האָט זיך דער דאָקטאָר אָנגערופען, וואָרום מיר זענען שוין גאָר נאָהענט פון דעם וואַלד.

צעהן נייע קוילען האָט מען דעם עלפאַנט אַריינגעזעצט, ער האָט פאַר וועהטאָג אַזאַ שפּרונג געטאָן, אַז דער גאַנצער לופטבאַלאָן איז שיער ניט צובראָכען געוואָרען אויף שטיקלעך. ביי דעם דאָקטאָר איז אַרויסגעפאַלען פון דער האַנד די האַק, וואָס ער האָט געהאַלטען גרייט איבערצוהאַקען דעם שטריק. אונזערע רייזענדע זענען געוועזען איצט אין אַ גרויסע סכנה, דעם שטריק איז געוועזען אונמעגליך אָבצושניידען אָדער איבערצושניידען מיט אַ מעסער, דער לופטבאַלאָן איז אַלץ נעהענטער געקומען צום וואַלד, נאָר פּלוצלים האָט דער עלפאַנט אויסגדרעהט דעם קאָפּ און אַ קויל איז איהם אַריין אין אויג.

— נאַ דיר נאָך איינע אין האַרצען אַריין, האָט קענעדי געזאָגט און האָט באַלד אויסגעשאָסען.

דער עלפאַנט האָט אַ געשריי געטאָן. האָט נאָך אַמאָל אויפגעהויבען די נאָז, און איז אַזוי שטאַרק אַנידערגעפאַלען, אַז אַזש אַ צאָהן פון דעם מויל איז איהם אַרויסגעפלויגען, ער האָט אַ חראָפּע געטאָן און געבליבען ליגען טויט.

דער לופטבאַלאָן איז געבליבען שטעהן פאַרטשעפּעט אין דעם אַנדערען צאָהן פון דעם עלפאַנט, און אונזערע רייזענדע זענען באַלד אַראָבגעגאַנגען אויף דער ערד.

— ווייסט איהר וואָס, האַר דאָקטאָר, — האָט זיך דזשאָע אָנגע־רופען, — איהר נעהמט זיך בעטראַכטען דעם לופטבאַלאָן און זעצט זיך שרייבען אייערע זאַכען, דער האַר קענעדי וועט לעת עתה געהן אין וואַלד אַריין אונז שיסען פייגעל, און איך וועל דערווייל אָבבראָטען צום מיטאָג עטליכע געשמאַקע שטיקלעך פלייש פון דעם עלפאַנט.

קענעדי איז טאַקי באַלד אוועקגעגאַנגען אין וואַלד אַריין, און דזשאָע האָט זיך גענומען צום מיטאָג, ער האָט אויסגעשניטען די בעסטע שטיקלעך

פלייש פון דעם עלפאַנטס נאָז און אַ פיאַטע פון איין פוס, דאָס אַלצדינג האָט ער איינגעוויקעלט אין שמעקענדיגע בלעטער און אָבגעבראָטען אויף הייסע קוילען. דער דאָקטאָר איז אויך נישט געשטאַנען לעדיג, ער האָט גוט בעטראַכט דעם לופטבאַלאָן פון אַלע זייטען און געזעהן, אַז ער איז דורך גאַנץ, דערנאָך האָט ער זיך געזעצט שרייבען און האָט אָבגעמאָלט דאָס גאַנצע שטיקעל לאַנד אַרום און אַרום מיט דעם הויכען גראָז, מיט דעם וואַלד און מיט דעם לופטבאַלאָן, ווי ער שטעהט פארטשעפּעט אין דעם עלפאַנט.

אין צוויי שעה אַרום איז קענעדי אָנגעקומען פון דעם וואַלד מיט אַ סך פעטע קוראָפּאַטקעס און מיט אַ פוס פון אַ גאַזעלע. דזשאָע האָט דאָס אויך אָבגעבראָטען און האָט אַלצדינג אויסגעלעגט אויף אַ טישטיכעל פון שמעקענדיגע בלעטער אויף דעם גרינעם גראָז. אונזערע רייזענדע האָבען זיך אַנידערגעזעצט עסען און דער מיטאָג איז זיי שטאַרק געפעלען, אויף דעם דאָזיגען אָרט זענען זיי געבליבען נעכטיגען, דזשאָע האָט צולעגט אַ גרויס פייער, בכדי אָבצושרעקען די ווילדע חיות. ביי נאַכט פונדעסטוועגען זענען אָנגעקומען אַ סך שאַקאַלען מיט היענען, וואָס עס האָט זיך זיי שטאַרק געגלוסט פערזוכען פון דעם עלפאַנטס פלייש, נאָר קענעדי האָט זיי פעריאָגט מיט זיין ביקס און האָבען די נאַכט איבערגענעכטיגט בשלום.

אונזערע רייזענדע זענען אויפגעשטאַנען פינף דעם זייגער אין דער פריה און האָבען זיך אָנגעהויבען גרייט צו מאַכען אין וועג אריין. דזשאָע האָט געפונען די האַק צווישען דעם גראָז און האָט אָבגעהאַקט דעם צאָהן פון דעם עלפאַנט, איטליכער האָט זיך געזעצט אויף זיין אָרט אין דעם שיפעלע און דער לופטבאַלאָן איז אוועקגעפלויגען קיין צפון־זייט, וואוהין דער דאָקטאָר האָט טאַקי געוואָלט. אַ גאַנצען טאָג כסדר זענען זיי געפלויגען אַלץ קיין צפון־זייט, און עס האָט זיך מיט זיי כמעט גאָרנישט פּאַסירט. פאַרנאַכט זענען זיי אָנגעקומען צו אַ פוסטער קעמפּע, אין מיטען פון אַ גרויסער אָזערע, וואָס פון דאָרטען, וועדליג ווי דער דאָקטאָר האָט געמיינט, זענען שוין ניט ווייט די קוועלען פון דעם טייך נילוס. און האָבען זיך דאָרטען געשטעלט נעכטיגען.

— איהר, מיינע פריינד, — האָט זיך דער דאָקטאָר אָנגערופען — לעגט זיך געזונטערהייט שלאָפען, איך וועל די גאַנצע נאַכט זיין וואַך, ווייל דער געדאַנק, אַז מאָרגען אם ירצה השם וועלען מיר געפינען די קוועלען פון דעם נילוס, לאָזט מיך קיין אויג נישט צו־מאַכען.

קענעדי און דזשאָע, וואָס ביי זיי האָבען די קוועלען פון נילוס עפּיס ניט אַזוי שטאַרק אויסגעמאַכט, זענען גאַנץ געשמאַק געשלאָפען. דער דאָקטאָר אָבער איז די גאַנצע נאַכט אויפגעוועזען. אין 23 אפּריל, זייגער

פיער, אין דער פריה, איז דער לופטבאלאָן ווידער אוועקגעפלויגען קיין צפון־זייט.

— מיר זענען אויף דעם רעכטען וועג, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, באלד וועלען מיר דערזעהן דעם נילוס.

ארום זייגער ניין איז דער לופטבאלאָן געפלויגען איבער יענער זייט ברעג פון דער אָזערע, וואָס דאָרטען געפינט זיך הויכע בערג און פון זייערע שפּאַלטען גיסט זיך ארויס א זידענדיגער טייך.

— זעהט, מיינע פריינד, האָט דער דאָקטאָר א געשריי געטאָן, בע־טראַכט נאָר גוט דעם טייך, וואָס שלאָגט ארויס פון די בערג, דאָס איז דער נילוס, מיר דאַרפען נאָך פליהען איין שעה און אראָבלאָזען זיך אויף עטליכע מינוט, וועלען מיר שוין וויסען אַקוראַט. עס קען זעהר זיין, אז זיך אראָב־לאָזענדיג, וועלען מיר האָבען צוטאָן מיט ווילדע מענשען, נאָר עס העלפט אָבער נישט, אז מען וויל עפּיס א זאך דערגעהן, מוז מען א מאָל איינשטעלען דאָס לעבען. נאָר פריהער לאָמיר זיך אויפהויבען אין דער הויך און פון דאָרטען בעטראַכטען דאָס גאַנצע לאַנד.

דער דאָקטאָר האָט דערוואָרמט דעם גאַז און דער לופטבאלאָן האָט זיך אויפגעהויבען צוועלף הונדערט איילען די הויך, פון דאָרטען האָט מען געקענט בעטראַכטען, ווי טויזענדער קליינע טייכעלעך נעהמען זיך צונויף און גיסען זיך אריין אין איין גרויסען טייך אריין.

— איצט, מיינע פריינדע, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, לאָמיר זיך אראָבלאָזען, נאָר איהר האלט גרייט אייערע ביקסען, ווארום דאָ קען זיך אלצדינג טרעפען.

„וויקטאָריע" האָט זיך אראָבגעלאָזט גאַנץ נאָהענט איבער דעם טייך.

צווישען די איינוואָהנער פון די ברעגען איז געוואָרען א גרויס גע־רודער, עטליכע נעגערען זענען צוגעשוואומען אויף א שיפעלע, פונקט אונטער דעם לופטבאלאָן, נאָר אַז קענעדי האָט אויסגעשאָסען, זענען זיי באלד צוריק געשוואומען צום ברעג.

— זעהט איהר דאָרטען דעם וואסערפאל, האָט דער דאָקטאָר א גע־שריי געטאָן, דעם דאָזיגען האָט געפונען דעבאָנאָ. נישט ווייט פון איהם שטעהען פיער בוימער, דאָס איז די קעמפּע בענגאָ, דאָרטען וועלען מיר זיך אראָבלאָזען.

— איך זעה דאָרטען, דאכט זיך, עפּיס ווילדע מענשען, האָט קענעדי געזאָגט, נאָר נישקשה, מיר וועלען זיי פעריאָגען.

דער לופטבאלאָן איז צוגעפלויגען צו דער קעמפּע. די נעגערען פון דעם שבט מיקאדאָ, וואָס געפינען זיך דאָרטען, האָבען אָנגעהויבען שרעקליך צו שרייען. איינער פון זיי האָט געדרעהט אין דער לופט מיט זיין היל־

צערנעם היטעל. קענעדי האָט באַלד געצילט אין היטעל אַריין און עס איז צופלויגען געוואָרען אויף פּיצלעך. די אַלע נעגערן זענען זיך צולאָפען און די קעמפּע איז געבליבען לעדיג.

— קום אַראָב מיט מיר, — האָט דער דאָקטאָר צו קענעדי'ן געזאָגט, ווי באַלד דער לופּטבאַלאָן איז געבליבען שטעהן פאַרטשעפּעט מיט דעם אַנקער, — איך דאַרף דאָ האָבען איין עדות.

זיי זענען ביידע אַראָבגעגאַנגען, דער דאָקטאָר האָט לאַנג געזוכט צווישען דערנער, אַז ער האָט זיך אַזש צעוואַונדעט די הענד. מיט אַ מאָל האָט ער מיט גרויס שמחה אַ געשריי געטאָן:

— זעה נאָר, מיין פריינד, די צוויי אותיות א. ד. דאָס זענען די ראשי תיבות פון דעם נאָמען אַנדרעאַ דעבאָנאָ, דער דאָזיגער רייזענדער איז דער ערשטער, וואָס איז געקומען צו דעם אָרט פון דעם טייך נילוס ! דו, קענעדי, זיי איין עדות, אַז מיר האָבען געזעהן די קוועלען פון דעם נילוס.

דער דאָקטאָר האָט נאָך אַ מאָל בעטראַכט די צוויי אותיות און אַראָב־גענומען פון זיי איין אַקוראַטע קאָפּיע אויף פּאַפּיר.

— לאָמיר זיך איצט אומקעהרען צום לופּטבאַלאָן, האָט ער געזאָגט, ווען גאָט זאָל מיר העלפען, אַז דער ווינד זאָל בלאָזען נאָך אַ שעה זעקס קיין צפון־זייט, וועלען מיר אָנקומען קיין גאָנדאָקאָראָ און זיך דאָרט שוין זעהען מיט אונזערע לאַנדסלייט.

אין צעהן מינוט אַרום האָט זיך דער לופּטבאַלאָן אויפגעהויבען זעהר הויך, און דער דאָקטאָר האָט פאַר גרויס שמחה, וואָס גאָט האָט מצליח געוועזען זיין וועג, אַרויסגעשטעלט אַ פענדעל מיט דעם ענגלישען הערב.

יב.

— שלעכט ברידער, האָט זיך דער דאָקטאָר אָנגערופען, אַ קוק געטאָן אויף דעם קאָמפּאַס. אונזער לופטבאַלאָן נעהמט זיך מעהר קיין מערב־זייט, און מיר דאַכט זיך, אַז קיין גאָנדאָראָקאָ וועלען מיר שוין נישט אָנקומען. אודאי טהוט עס באַנג, נאָר מיר דאַרפען זיין צופרידען דערמיט, וואָס גאָט האָט אונז באַשערט צו זעהן דאָס, וואָס מיר האָבען געזוכט. פאַרגעסט נישט, אַז מיר זענען געוועזען אין אַזעלכע ערטער, צווישען אַזעלכע ווילדע פעלקער, וואָס קיין שום רייזענדער איז פון דאָרטען ניט גלאַט ארוים. איצט, זעהט נאָר, פליהען מיר אַקעגען דעם באַרג לאַגועק. די אַראַבער זאָגען, אַז דער באַרג ציטערט, ווען איינער פון מחמעדס נאמנה שטעלט אויף איהם אַנידער אַ פוס,און דעריבער הייסט ער ביי זיי דער ציטערענדיגער באַרג. אָט פון דאַנען אָן, מיינע פריינד, וועט זיך אָנהייבען די רעכטע שווערע רייזע אין אפריקא, ביז אַהער איז נאָך געוועזען צו דערליידען, די אַלע ערטער, איבער וועלכע מיר זענען געפלויגען, זענען האָטש אַביסעל געוועזען בּעקענט. איצט לאָזען מיר זיך אין אַזאַ ווינקעל, וואָס ער איז גאָר ווילד פרעמד, נאָר מיר דאַרפען אונזער קוראַזש ניט פערלירען און גאָט וועט אונז העלפען.

אין דעם דאָזיגען טאָג, זענען אונזערע רייזענדע איינגעפלויגען אין פופצעהן שעה מעהר פון דריי הונדערט פופצעהן מייל, זייגער צעהן ביי דער נאַכט האָט זיך „וויקטאָריע" געשטעלט אויף דעם אַנקער פּונקט אַקעגען דעם באַרג לאַגועק. די רייזענדע האָבען אָבגעגעסען און איינגעטיילט די נאַכט, ווי תמיד, אין דריי וואַכען. אויף דעם אַנדערען טאָג אין דער פריה האָבען זיי זיך געלאָזט ווייטער אין וועג אַריין און געפלויגען איבער אַ לאַנד נאָהענט פון די הרי לבנה, וואָס איז אַזוי גרויס ווי גאַנץ אייראָפּאַ.

— מיר דאַכט זיך, אַז דאָס איז דאָס קעניגרייך אוזאָגאָ. די לאַנדקאַרטע ווייזען, אַז אין מיטען אפריקא געפינט זיך אַזאַ אָזערע, וואָס איז גרויס ווי אַ ים. מיר וועלען זעהן, צו עס איז אמת, צו ניין.

— פון וואַנען ווייסט מען, וואָס עס טהוט זיך אין מיטען אפריקא, אז קיינער איז נאָך דאָרטען ניט געוועזען? האָט קענעדי געפרעגט.

— די רייזענדע, וואָס זענען געוועזען אין קאַזעג, האָט דער דאָקטאָר געענטפערט, האָבען געמאַכט בעשרייבונגען און לאַנדקאַרטען כפי זיי האָבען געהערט פון די שקלאַפען, וואָס מען בּרענגט זיי אהין אויף דעם יריד פון טיעף אפריקא. אויף זייערע מעשיות קען מען אפילו ניט שטעלען, נאָר אביסעל אמת איז פאָרט דאָ אין זיי. איך האָב מיט זיך זייערע אַ לאַנדקאַרטע, און פליהענדיג וועלען מיר זעהען, אויב זי איז אמת אָדער ניין. דאָס לאַנד, איבער וועלכען מיר פליהען, איז בעזעצט כסדר מיט מענשענפרעסער, וואָס הייסען ניאַם־ניאַם. פריהער האָט די וועלט געמיינט, אז די מענשענפרעסער האָבען קעפּ ווי ביי הינד, און עסען ווי אנדערע חיות, דערנאָך אָבער איז מען געוואָהר געוואָרען, אז זיי זענען פונקט ווי אנדערע מענשען, נאָר זיי טראָגען אויף זיך פעל פון אַלערליי ווילדע חיות.

פאַר־נאַכט איז געוואָרען אַ שטאַרקער טומאַן און זעהר פינסטער. דעריבער איז ביי דעם דאָקטאָר געבליבען נישט ווייטער צו פליהען און איבערצונעכטיגען. די נאַכט איז אָבגעלאָפען רוהיג. אין דער פריה האָט זיך ווידער אויפגעהויבען אַ שטאַרקער ווינד. דער דאָקטאָר האָט בעטראַכט דעם לופטבאַלאָן און האָט געזעהן, אז ער איז דורך גאַנץ און גוט פערשרויפט.

— לאָמיר עפּיס איבערבייסען, האָט ער געזאָגט, און ווייטער פליהען, שטעהן איז ניט קיין תכלית.

זיי האָבען זיך גיך אָבגעפּאַרטיגט מיט דעם פריהשטיק און זיך געלאָזט ווייטער אין וועג אריין. דער ווינד האָט שטאַרק געבלאָזען און געוואָרפען דעם לופטבאַלאָן באַלד קיין צפון, באַלד קיין דרום־זייט. ער איז געפלויגען ביז דרייסיג מייל אַ שעה, פעלדער און וועלדער זענען פערשוואונדען געוואָרען פאַר זייערע אויגען.

— אז איהר וועט מיר ערלויבען, האָט זיך דזשאָע אָנגערופען, דורכפליהענדיג דורך אַ דאָרף, וועל איך אַראָבוואַרפען אַ פלעשעל די לייט אונטען, וואָס קוקען צו אונז אַרויף מיט אויסגעגלאָצטע אויגען, די נאַראָנים וועלען אודאי פון איטליכען שטיקעל גלאָז זיך מאַכען אַ קמיע.

רעדענדיג אַזוי, האָט ער אַראָבגעוואָרפען אַ פלעשעל, וואָס איז צו־פלויגען אין טויזענד שטיקער, און די אַלע ווילדע מענשען זענען זיך פאַר שרעק צולאָפען מיט אַ גרויס געשריי. אביסעל ווייטער פליהענדיג האָט קענעדי אַ געשריי געטאָן.

— זעהט נאָר, עפּיס שטעהען דאָרטען צוויי בוימער איינער אויף דעם אַנדערען.

— דאָס איז אַ פּייגענבוים, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, דער ווינד האָט אויף איהם פּערטראָגען אַ ביסעל ערד מיט אַ קערנדיל פון אַ טייטעל־בוים, דאָס קערנדיל איז איינגעפלאַנצט געוואָרען און עס איז מיט דער צייט אַרויסגעוואַקסען דאָ אויבען אַ נייער בוים.

דער ווינד האָט אַ טראָג געטאָן דעם לופטבאַלאָן אַקעגען אַ וואַלד מיט זעהר הויכע ביימער.

— איהר חדושט זיך אודאי, קוקענדיג אויף די באַנאַנענבוימער, וואָס זענען הויך הונדערט פופציג איילען, האָט זיך דער דאָקטאָר אָנגערופען, נאָר אין די וועלדער פון אַמעריקע וואָלטען זיי אויסגעזעהן ווי קאַרליקעס. מחמת דאָרטען געפינט מען ביימער, פון צוויי הונדערט פופציג איילען די הויך, זעכציג איילען די גרעב און אַלט פיער טויזענד יאָהר.

דער לופטבאַלאָן איז אַריבער דעם וואַלד און געפלויגען איבער אַ דערפעל, וואָס דאָרט אין מיטען איז געוואַקסען אַ בוים. אונטער איהם איז גע־לעגען אַ גאַנצער הויפען מיט מענשענביינער און אויף דעם בוים אַליין האָבען געשטעקט אַ סך שפיזען מיט פריש אָבגעהאַקטע מענשענקעפּ.

— דאָס זענען די קעפּ, וואָס די דאָרטיגע ליודאָיעדען נעהמען אַראָב ביי זייערע שונאים אין דער מלחמה.

דאָס דאָרף מיט די אָבגעהאַקטע, פערבלוטיגטע קעפּ איז אויך באַלד פערשוואונדען געוואָרען, און דער לופטבאַלאָן איז שוין איבערגעפלויגען איבער איין אַנדער דאָרף, וואו דאָרט האָט מען געזעהן נאָך שרעקליכערע זאַכען. אויף אַ סך ערטער האָבען זיך געוואַלגערט טויטע מענשען, וואָס שאַקאַלען און היענען האָבען געגעסען זייער פלייש.

— דאָס זענען די פּגרים פון פערשולדיגטע, וואָס מען וואַרפט זיי אַרויס לעבעדיגערהייט פאַר די ווילדע חיות, זיי זאָלען זיי צורייסען, — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט.

— טהוט נאָר אַ קוק, האָט זיך דזשאָע אָנגערופען. עפּיס זעה איך דאָרט זעהר שענע פייגעל, וואָס פליהען גלייך מיט אונזער לופטבאַלאָן.

— דאָס זענען אָדלערס, האָט דער דאָקטאָר געענטפערט, אַ קוק גע־בענדיג אויף זיין שפּאַקטיוו, — זאָל גאָט היטען, זיי זאָלען נאָהענט צו אונז קומען, זיי זענען פאַר אונז אַ סך ערגער, ווי אַלע ווילדע מענשען און חיות רעות, מחמת זיי קענען צוהאַקען דעם לופטבאַלאָן מיט זייערע שאַרפע פיסקעס. נאָר דאָס גאַנצע גליק איז, וואָס זיי שרעקען זיך פאַר אונזער לופטבאַלאָן און נעהמען זיך אין איין אַנדער זייט.

— ווייסט איהר, וואָס מיר איז איינגעפאַלען, האָט דזשאָע געזאָגט, עס וואָלט נישט קיין קרומער פּלאַן געוועזען איינצושפּאַנען די אָדלערס אין אַ שיפעלע, זיי זאָלען טראָגען אין דער לופטען.

— איבער דעם פּלאן, האָט דער דאָקטאָר געענטפערט, האָט מען שוין א סך געקלערט, נאָר עס איז אָבער אוממעגליך אויסצופיהרען, מחמת די אָדלערס זענען זעהר איינגעשפּארט און לאָזען זיך ניט פיהרען ביי דער נאָז.

ארום האלבען טאָג האָט זיך דער ווינד אַביסעל געלעגט. „וויקטאָריע" איז שוין ניט אזוי געשווינד געפלויגען און אונזערע רייזענדע האָבען גע־קענט גוט בעטראַכטען אַלע ערטער. אויף איין מאָל האָבען זיי דערהערט א שרעקליך געשריי מיט א פייפען, זיי האָבען געגעבען א קוק אראָב און דערזעהן א מלחמה צווישען צוויי ווילדע פעלקער. טויזענדער פיילען זע־נען געפלויגען פון ביידע זייטען, כמעט אַלע זענען געוועזען אויסגעשמירט מיט בלוט פון די דערהרגעטע, א חוץ פיילען האָבען זיי זיך נאָך געשלאָ־גען מיט העק און מיט שפּיזען, קוים איז איינער געפאלען, האָט מען איהם באלד אָבגעשניטען דעם קאָפּ. ווייבער, וואָס זענען אויך געוועזען אויף דער מלחמה, האָבען צונויפגעקליבען די קעפּ און האָבען זיי אויסגעלעגט אויף ביידע זייטען פון דעם פעלד. די ווייבער צווישען זיך האָבען זיך געשלאָגען איבער דעם רויב, איטליכע האָט געוואָלט פארנעהמען מעהר קעפּ.

ווי באלד דער לופטבאלאָן איז אַביסעל נעהנטער צוגעפלויגען, האָבען ביידע מחנות זיך אויף א מינוט אויפגעהערט צו שלאָגען און אויסגעשאָ־סען מיט עטליכע פיילען אין דער הויך. איין פייל האָט געגרייכט אזוי נאָהענט, אז דזשאָ האָט זי געחאַפּט מיט דער האנד.

— איך וואָלט מיך זעהר געוואָלט אריינמישען אין דער מלחמה, האָט קענעדי געזאָגט און האָט שטארק געטרעסעלט מיט דער ביקס אין דער האנד.

—לאָמיר זיך ניט מישען אין פרעמדע עסקים, האָט דער דאָקטאָר אָבגערעדט, און בעסער פליהען אונזער וועג.

דער עלטסטער פון איין מחנה איז געוועזען פּשוט א ריז, זעהר הויך געוואַקסען און געזונט. מיט איין האנד האָט ער אריינגעשטאָכען זיין שפּיז אין דער געדיכטער מחנה פון דעם שונא, מיט דער אנדערער האָט ער פער־טריבען זיינע פיינד מיט א האַק. פּלוצלים האָט ער אוועקגעוואָרפען די שפּיז און צוגעלאָפען צו איינעם, האָט איהם אָבגעהאַקט די האנד און טאַקי באלד אָנגעהויבען זי צו עסען ווי א הונגעריגער וואָלף.

— אזא אכזריות קען איך שוין ניט אויסהאלטען, האָט קענעדי א געשריי געטאָן מיט כעס, און האָט באלד אויסגעשאָסען אויף דעם עלטס־טען. ער איז אנידערגעפאלען טויט אויסגעשטרעקט מיט דעם פּנים ארויף. ווי באלד די אנדערע מחנה האָט געזעהן, אז דער גבור פון זייערע שונאים

איז פלוצלים געפאלען מיט א מיתה משונה, האבען זיי בעקומען נייעם קוראזש, און האבען זיך ווידער אנגעהויבען צו שלאגען.

— לאמיר געשווינד אוועקפליהען האט דער דאקטאר געזאגט, איך קען שוין דאס מעהר נישט צו־זעהן.

דער לופטבאלאן האט זיך פאמעליך אויפגעהויבען העכער, און אונ־זערע רייזענדע האבען נאך געקענט זעהן, ווי אזוי די מענשען פון דער מחנה, וואס האט בייגעקומען, האבען זיך געריסען צווישען זיך איבער דעם פלייש פון די דערהרגעטע. עטליכע מינוט האבען זיי נאך געהערט דאס שרייען און דאס ליארמען פון דער מחנה, נאר באלד האט זיי דער ווינד אוועקגעטראגען קיין מערב־זייט און דאס ארט פון דער בלוטיגער מלחמה איז פערשוואונדען געווארען פון די אויגען. דער לופטבאלאן איז דעם טאג איינגעפלויגען הונדערט מיט פופציג מייל און ווי די נאכט איז צוגעפאלען, האבען זיך די רייזענדע צוגעשטעלט נעכטיגען.

יג.

ביי נאכט איז געווען שטאָק־פינסטער, אז מען האט ניט געזעהן די וועלט. דער דאָקטאָר האט קוים געקענט זעהן דעם שטארק הויכען בוים, אין וועלכען ער האט פערטאנקערט זיין לופטבאלאָן. ער האט זיך, ווי תמיד, צום ערשטען אנידערגעשטעלט אויף דער וואך פון זייגער ניין, און ארום האלבערנאכט איז קענעדי געקומען זיך שטעלען אויף זיין אָרט.

— האלט נאר קאָפּ און הער זיך למען השם גוט צו, — האט דער דאָקטאָר ביי'ם אוועקגעהן קענעדי'ן אָנגעזאָגט. — קיין סכנות לעת עתה זעה איך אפילו נישט, נאר מיר דאכט זיך, אז פון אונטען האב איך גע־הערט עפּיס ווי א קול, ווען עם וועט זיך חלילה עפּים מאכען, זאָלסט דו מיך באלד אויפוועקען.

דער דאָקטאָר איז אריינגעגאנגען אין דער פּאלאטקע, האט זיך איינ־געוויקעלט אין דער קאָלדרע, און איז באלד אנשלאָפען געוואָרען. דער היי־מעל איז געווען בעדעקט מיט געדיכטע וואָלקען, קיין לופטעל האט זיך ניט גערירט, ארום און ארום איז געווען שטיל, מען האט קיין שאָרך, קיין פּיפּס ניט געהערט. קענעדי איז געשטאנען אָנגעשפּארט אויף זיין ביקס און האט געקוקט אויף דעם גאז־רעהריל. דאָס שרעקליכע פינסטערניש האט געוואָרפען אויף איהם א מרה־שחורה און אלערליי טרויערדיגע געדאנקען זענען איהם געקומען אין קאָפּ אריין. עפּים האט א בלישץ געטאָן פון דער ווייטענס פאר זיינע אויגען און איז באלד פערשוואונדען געוואָרען ווי א בליץ. קענעדי אָבער האט זיך גאָרנישט דערוים געמאכט, מחמת אזעלכעס פיהלט א מאָל דאָס אויג אין דער פינסטער, און האט זיך טאקי ווייטער אריינגעלאָזט אין זיינע געדאנקען. פלוצלים האט א שרעקליכער קוויטש פערהילכט זיינע אויערן. קענעדי האט פערשטאנען, אז דאָס איז עפּים ניט גלאט און געהאט במחשבה אויפצו־וועקען זיינע פריינד, נאר באלד האט ער זיך צוריק געהאלטען, עס מעג זיין, דאָס שרייען חיות אָדער מענשען, זיי זענען דאָך אָבער זעהר ווייט. ער האט בעטראכט זיין ביקס און זיך גע־נומען קוקען דורך דעם שפּאקטיוו, מאָמער וועט ער עפּים דערזעהן. באלד האט זיך איהם אויסגעוויזען ווי עמיצער קאראפּקעט זיך אונטען שטילער־

הייט צו ד'עם בוים, און אז א שטיקעל לבנה האָט ארויסגעשיינט צווישען צוויי המאַרעס איז איהם גרינג געוועזען צו דערקענען, ווי געשטאַלטען פון מענשען ריהרען זיך אין דער פינסטער. די מעשה מיט די מאַלפּעס זענען איהם געקומען אויף די געדאַנקען. האָט אָהן שיהות א טאָרע געטאָן דעם דאָקטאָר און ער איז באַלד אויפגעשטאַנען.

— וואָס איז, האָט דער דאָקטאָר א פרעג געטאָן, שוין עפּיס נייעס.

— שא, שטילער, האָט קענעדי געזאָגט, לאָמיר אויפוועקען דזשאָען.

אז דזשאָע איז נאָר אויפגעשטאַנען, האָט קענעדי דערצעהלט אַלץ וואָס ער האָט געזעהן. עס איז געבליבען, אַז קענעדי און דזשאָע זאָלען מיט דעם לייטעריל אַראָבגעהן אויף דעם בוים, דער דאָקטאָר זאָל בלייבען און צוגרייטען אַלצדינג, מען זאָל קענען אַוועקפליהען, אַז ס'וועט אויסקומען ענג. דער דאָקטאָר האָט אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלען זיך ניט איילען צו שיסען, סיידען ווען מען וועט שוין מוזען. זיי האָבען איהם צוגעזאָגט, און פּאַמעליך אַראָבגעלאָזט אויף א צווייג פון דעם בוים. פּלוצלים האָבען זיי דערהערט ווי עמיצער קריכט אויף דעם בוים. עס איז אָבער געוועזען אַזוי פינסטער, אַז מען האָט גאָר ניט געקענט זעהן. דזשאָע האָט זיך איינגעבויגען צו קענעדי'ן און האָט איהם אַריינגערוימט שטילערהייט, אַז דאָס קריכען נעגערן.

עס איז טאַקי אמת געוועזען. אויף דעם בוים האָבען זיך אַרויפגעדראַפּעט שטיל, ווי די שלאַנגען, עטליכע נעגערן, וואָס דזשאָע האָט זיי דערקענט אין דעם ריח פון דעם פערשטונקענעם חלב, מיט וועלכען זיי שמירען זיך זייערע לייבער. באַלד האָבען זיך אַרויסגעשטעקט צוויי שוואַרצע קעפּ־לעך פּונקט אַקעגען דעם צווייג, וואָס אונזערע רייזענדע זענען דאָרט געזעסען.

— שיס אויס, דזשאָע, האָט קענעדי א געשריי געטאָן.

און באַלד טאַקי האָבען צוויי ביקסען א קלאַפּ געטאָן ווי א דונער. די צוויי נעגערן זענען אַראָבגעפאַלען און די איבעריגע שייקע איז זיך צולאָפען. קוים איז נאָר שטיל געבליבען, האָבען זיי דערהערט, ווי איינער שרייט מיט א יאָמערדיג קול אויף פראַנצויזיש: ראַטעוועט, ראַטעוועט קענעדי און דזשאָע זענען גיך אַרויפגעקלעטערט צום דאָקטאָר און האָבען איהם געפרעגט, אויב ער האָט אויך געהערט דאָס געשריי.

— יאָ, האָט דער דאָקטאָר געענטפערט, דאָס איז אַוודאי, נעבעך, איין אומגליקליכער פראַנצויז אַריינגעפאַלען צו די ווילדע אין די הענד אַריין. מיט דעם טאָג גלייך וועלען מיר זעהן אַלצדינג טאָן איהם צו ראַטעווען. פאַר די נעגערן האָבען מיר ניט וואָס מורא צו האָבען, מחמת זיי זענען אַנטלאָפען געוואָרען פאַר א שאָס, איז א סימן אַז זיי ווייסען נאָך גאָר ניט, וואָס איז אַזוינס א ביקס.

— נאר באלד אין מיטען שמועס האט מען ווידער דערהערט דאס אייגענע קול: ראטעוועט, ראטעוועט.

— קום גיכער, דזשאָע, האט זיך קענעדי אנגערופען, ווארום די ווילדע וועלען איהם נאך היינטיגע נאכט דער'הרג'ענען.

— יאגט זיך ניט, מיינע פריינד, האט זיי דער דאקטאר געבעטען, פון אייער איילעניש וועט קיין גוטס ניט ארויסקומען. איך קען אייך פערזיכערן, אז ביז טאג וועט דעם אומגליקליכען נאך גאר נישט געשעהן, מחמת די ווילדע הרגענען זייערע געפאנגענע נאר ווען די זון שיינט. איך קען אייך צוליעב טאן און איהם צו וויסען געבען, אז מיר וועלען איהם העלפען.

— דער דאקטאר האט דורך א רעהר א הויכען געשריי געטאן אויף פראנצויזיש.

— זייט רוהיג, דארטען, ווער איהר זייט, דריי פריינד וועלען אייך קומען ראטעווען.

דעם דאקטארס קול האט אנגעמאכט א גרויסען געפילדער צווישען די נעגערן, אז אלע זענען אזש פערציטערט געווארען.

— גוואלד, מען שניידט איהם, מען קוילעט איהם, האט קענעדי א געשריי געטאן, לאזט מיך אב, איך וועל איהם געהן ראטעווען.

— יאג זיך פארט ניט, מיין פריינד, האט דער דאקטאר געזאגט, דו קענסט נאך אויך אריינפאלען אין אומגליק. איך האב שוין בעקלערט א פלאן, ווי אזוי איהם צו העלפען. מיר וועלען איהם ארויפחאפען צו אונז אויף דעם לופטבאלאן און אראבווארפען, וועדליג ער דארף וועגען, א הונדערט מיט דרייסיג פונט משא, פון אונזערע זעקלעך זאמד, און אז מען וועט זיך דארפען גאר געשווינד אויפהויבען, וועלען מיר די איבריגע זיבעציג פונט אויך אראבווארפען. עס וועט אונז אפילו שלעכט זיין צום אראבלאזען, ווען מיר וועלען פערלירען די גאנצע משא, מען וועט דארפען דערביי ארויסלאזען אביסעל גאז, וואס ער איז ביי אונז זייער טייער, נאר וואס קען מען אבער בעסער מאכען.

— עס איז אלץ רעכט, האט קענעדי געזאגט, נאר וואס טהוט מען מיט דעם פינסטערניש.

— דאס איז שוין מיין עסק, האט דער דאקטאר געענטפערט, גרייט נאר אן די משא צום אראבווארפען און לאדט אן אלע ביקסען.

אז אלצדינג איז שוין געוועזען פארטיג, האט דער דאקטאר ווידער געזאגט:

דו, דזשאָע, וועסט אראבווארפען די משא, אז מיר וועלען צוקומען צו דער שייקע, און קענעדי וועט אויסחאפען דעם געפאנגענעם, נאר קיין שום זאך זאלט איהר ניט טאן ביז איך וועל אייך ניט הייסען.

— דזשאָע האָט זיך אַראָבגעלאָזט, און אָבגעבונדען דעם אַנקער און באַלד צוריק אַריין אין שיפעל.

דער דאָקטאָר האָט אַרויסגענומען פון אַ זעקעל צוויי גרויסע שטיקער אָבגעלאָשענע קוילען און זיי אַריינגעפּראַוועט ביי די שפּיצען פון די צוויי דראָטען, וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען פון זיין עלעקטרישע מאַשינע. קענעדי און דזשאָע האָבען דאָס אַלצדינג, אָנגעקוקט און גאָרנישט פערשטאַנען, וואָס זאָל עס בעטייטען. נאָר באַלד אָבער האָט זיך דער דאָקטאָר געשטעלט אין מיטען שיפעל און צוגעלעגטביידע אַרויסגעשטעקטע קוילען איינס צום אַנדערן, האָט זיך צווישען זיי תיכּף בעוויזען אַזאַ ליכטיג פייער, אַז עס האָט פאַרבלענדט די אויגען. דאָס איז געווען איין עלעקטריש פייער, וואָס האָט זיך צולאָזט ווי אַ גרויסער סנאָפּ און געשיינט אַרום און ווי די שיינענדיגע זון אין מיטען העלען טאָג, קענעדי און דזשאָע האָבען אַ געשריי געטאָן, אַז זיי האָבען פּלוצלים דערזעהן אַזאַ מין פייער.

— שווייגט שטיל, האָט דער דאָקטאָר צו זיי אַ ווינק געגעבען מיט דער האַנד.

יד.

דער דאָקטאָר פערגיסאָן האָט געלאָזט שיינען דעם פייערדיגען סנאָפּ אויף דעם אָרט, פון וואנען מען האָט פריהער פערנומען דאָס וויינענדיגע קול. דער בוים באָאבאב, פון וועלכען דער לופטבאלאָן האָט זיך אבגעטשעפּעט און איבער איהם געשוועבט אַלץ אויף איין אָרט, איז געשטאנען אויף א פעלד, פערוואקסען מיט צימרינג און ווילדע עקבירטען. ארום איהם האָבען זיך געפונען א סך געצעלטען און נעבען זיי איז געוועזען א צונויפּלויפעניש פון פיעל מענשען. א פופציג איילען אונטער דעם לופטבאלאָן איז געשטאנען א תליה. נעבען איהר האָט מען געזעהען א מענשען פון א יאָהר דרייסיג כמעט נאקעט, אויסגעדארט, פערבלוטיגט און פול מיט וואונדען. די נעגערן האָבען זיך שטארק דערשראָקען, אז זיי האָבען דערזעהן דעם לופטבאלאָן, וואָס האָט א פּנים געהאט ווי א קאָמעט מיט א לאנגען פייערדיגען בעזעם. דער אומגליקליכער האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ אין דער הויך, אז די נעגערן האָבען פלוצלינג אָנגעהויבען שרעקליך צו שרייען.

— ער לעבט נאָך, — האָט זיך דער דאָקטאָר אָנגערופען, — די ווילדע, זעה איך, האָבען זיך שטארק דערשראָקען, מיר וועלען איהם מיט גאָטס הילף מציל זיין. שטעהט נאָר גרייט, מיינע פריינד, און דו, דזשאָע, פאַרלעש דאָס גאזדרעהריל, דער לופטבאלאָן זאָל זיך קענען נידעריגער אראָבלאָזען.

דער לופטבאלאָן האָט זיך פּאמעליך אראָבגעלאָזט צו דעם אָרט, אויף וועלכען דער געפאנגענער איז געשטאנען. דער דאָקטאָר האָט אזוי געהאלטען דאָס פייער, אז דער פונקעלדיגער בעזעם איז געפאלען פונקט אקעגען די נעגערן, ער האָט זיי גאָר פארבלענדט די אויגען, אז זיי זענען זיך פאר שרעק צולאָפען אין די געצעלטען. עטליכע נעגערן, וואָס האָבען מורא געהאט, אז דער געפאנגענער זאָל זיך ניט ארויסגליטשען פון זיירע הענד, האָבען זיך געמאכט הארץ, און צוריק ארויסגעלאָפען צו דעם לופטבאלאָן, וואָס ער איז שוין געשטאנען הארט ביי דער ערד. קענעדי האָט זיך געכאפּט צו דער ביקס, נאָר דער דאָקטאָר האָט איהם ניט געהייסען שיסען. דער גע־

פאנגענער איז געשטאַנען אויף די קניע און האָט קיין כח ניט געהאַט זיך אויפצוהייבן אויף די פיס. קוים האָט זיך דאָס שיפעלע צוגעריהרט צו דער ערד, האָט איהם קענעדי אַ חאַפּ געטאָן צו זיך, און דזשאָע האָט דער־ווייל געשווינדט אַרויסגעוואָרפען פון דעם שיפעלע די זעקלעך מיט זאַמד. דער דאָקטאָר האָט געמיינט, אַז ער וועט אַוועקפליהין אין דער הויך זעהר גיך, נאָר ווי באַלד אָבער דער לופטבאַלאָן האָט זיך אויפגעהויבען אויף צוויי איילען פון דער ערד, איז ער געבליבען שטעהן אין דער לופט. דער דאָקטאָר איז געוועזן אויסער זיך פאַר שרעק, אַז ער האָט עס געזעהן, און עטליכע ווילדע זענען שוין צוגעלאָפען צו דעם שיפעלע מיט אַ ליאַרעם.

— אָך, האָט דזשאָע אַ געשריי געטאָן, אַראָבקוקענדיג אונטען, אַ שווערער רוח האָט זיך אָנגעטשעפּעט אין דעם שיפעלע.

— גיכער, קענעדי, האָט דער דאָקטאָר געגעבען אַ געשריי, גיכער דאָס קעסטעלע מיט וואַסער.

— קענעדי האָט זיך אָנגעשטויסען, וואָס מען מיינט, האָט באַלד גע־נומען דאָס קעסטעלע וואַסער, וואָס האָט געוועגען מעהר פון הונדערט פונט, און עס אַראָבגעשליידערט אויף דער ערד. דער לופטבאַלאָן איז געוואָרען פּלוצלים גרינגער און האָט זיך אַ הייב געטאָן אויף הונדערט מיט פופציג איילען איבער דער האַפּטע נעגערן, וואָס פאַר זייערע אויגען איז דער גע־פאַנגענער פערשוואונדען צווישען פייערדיגע שטראַהלען. פּלוצלים האָט דער לופטבאַלאָן ווידער אַ שפּרונג געטאָן אין דער הויך און האָט זיך אויפ־געהויבען אויף פינף הונדערט איילען ווייטער.

— שרעקט זיך ניט, האָט דער דאָקטאָר גאַנץ רוהיג געזאָגט, דאָס האָט אונז דער נעגער שוין אַוועקגעוואָרפען און גרינגער געמאַכט דעם לופטבאַלאָן.

— אַז דזשאָע האָט זיך אַראָבגעבויגען, האָט ער נאָך געקענט זעהן, ווי אַזוי דערווילדער דרעהט זיך אין דער לופט, צושפּרייט מיט די הענד און מיט די פיס, און ווי ער איז מיט אַ מאָל אַראָבגעפאַלען אויף דער ערד און צוזעצט געוואָרען. דער דאָקטאָר האָט באַלד צונומען די קוילען, ס'איז ווידער געוואָרען שטאָק־פינסטער. עס איז געוועזען זייגער איינס נאָך האַלבערנאַכט. דער פראַנצויז, וואָס האָט, נעבעך, אַלץ גע'חלש'ט, האָט לסוף געעפענט די אויגען.

— בערוהיגט זיך, האָט איהם דער דאָקטאָר געזאָגט. איהר זייט ניצול געוואָרען.

— יאָ, איך בין ניצול געוואָרען פון אַ שרעקליכען טויט, האָט ער גע־ענטפערט אויף ענגליש, איך דאַנק אייך זעהר, מיינע ברידער. נאָר איך פיהל, אַז איך וועל שוין לאַנג ניט לעבען.

און באלד טאקי איז ער אין חלשות געבליבען.

— ער איז, נעבעך, שטארק אבגעשוואכט, — האט דער דאקטאר געזאגט, לאמיר איהם אריינטראגען אין דער פאלאטקע אריין.

זיי האבען איהם אנידערגעלעגט אויף די קאלדרעס. דאס גאנצע לייב איז ביי איהם געוועזען צושניטען מיט מעסערעס, פארברענט, פערבראטען פון צוגליהעטע אייזענס. דער דאקטאר האט איהם אבגעוואשען די וואונדען מיט וואסער און זיי אלע פערבונדען ווי עס געהער צו זיין. דערנאך האט ער איהם אריינגעגאסען עטליכע שטארקע טראפען אין מויל אריין, און דער קראנקער האט זיך אביסעל דערמינטערט.

— איצט, האט דער דאקטאר געזאגט, דארף מען איהם גאר צו רוה לאזען, אפשר וועט גאט העלפען, אז דורך דער ריינער לופט און אונזער השגחה וועט ער געזונט ווערען.

דער לופטבאלאן, וואס האט געהאט איצט אויף זיך ווייניגער מיט הונדערט און אכטציג פונט משא, האט זיך געהאלטען גאנץ הויך, חאטשע דער גאז איז ניט געוועזען אזוי שטארק דערווארעמט. מיט דעם טאג גלייך האט דער ווינד א טראג געגעבען דעם לופטבאלאן מעהר קיין מערב־זייט. דעם גאנצען טאג איז דער קראנקער געלעגען ווי אין היגער־פלעט, נאר צייטענווייז האט ער שטארק געזיפצט. אז עס איז נאר נאכט געווארען, האט זיך דער לופטבאלאן אנידערגעשטעלט. די גאנצע נאכט האבען אלע אכטונג געגעבען אויף דעם קראנקען, אין דער פריה האט זיך געשטעלט א שענער טאג און דער לופטבאלאן איז אוועקגעפלויגען קיין מערב־זייט. דער קראנקער איז צו זיך געקומען און האט אריינגעבעטען זיינע נייע פריינד.

— ווי פיהלט איהר זיך? — האט איהם דער דאקטאר געפרעגט.

— איך פיהל מיך עפים בעסער — האט ער געענטפערט — נאר מיר ווייזט זיך אוים אלצדינג ווי א חלום, איך געדענק גאר נישט, וואס עס האט זיך מיט מיר פאסירט. איך בעט אייך, מיינע פריינד, זאגט מיר, ווער איהר זייט, איך זאל קענען פאר אייך גאט בעטען.

— מיר זענען ענגלענדער — האט דער דאקטאר געענטפערט — און פריוון זיך איבערפליהען אפריקא אין א לופטבאלאן. אויף דעם וועג האט אונז גאט באשערט אייך מציל צו זיין, נאר זאגט אונז ווער זענט איהר.

— איך בין א פראנצויז — האט דער קראנקער געענטפערט, מיך האט א חברה געשיקט קיין אפריקא ארויסצופיהרען די ווילדע נעגערן פון זייער נארישער נאמנה. פינף יאהר בין איך שוין דא נע ונד און ווייס גאר נישט, וואס טהוט זיך אין מיין לאנד. דערצעהלט מיר עפים פון אונזער אייראפא, דערצעהלט מיר עפים פון מיין פראנקרייך.

דער דאָקטאָר האָט איהם צוליעב געטאָן און האָט איהם דערצעהלט א סך זאכען, וואָס אין די פינף יאָהר איז געשעהן אין אייראָפּא.

דער קראַנקער האָט מיט גרויס תענוג צוגעהערט דעם דאָקטאָרס רעד און טרעהרען האָבען זיך איהם געגאָסען פון די אויגען. דער דאָקטאָר האָט איהם באלד געמאכט עטליכע גלעזלעך טהעע, און אז דער קראנקער האָט זיי אויסגעטרונקען, איז ער געקומען אביסעל צו די קרעפטען, ער האָט זיך אויפגעזעצט מיט א שמייכעל פאר שמחה, וואָס ער געפינט זיך צווישען גוטע מענשען און אין אזא ריינער לופט.

— גאָט וועט אייך אודאי העלפען, האָט ער זיך אָנגערופען — איהר וועט מאכען אייער רייזע און קומען בשלום א היים צו אייערע קרובים, צו אייערע פריינד אין אייער לאנד אריין.

ער האָט געוואָלט ווייטער רעדען, נאָר ער איז אזוי מאַט געוואָרען, אז מען האָט איהם געמוזט ווידער אנידערלעגען. עטליכע שעה כסדר האָט דער דאָקטאָר געהאַלטען אויף די הענד און געפּיהלט, ווי די נשמה געהט איהם אויס. ער האָט איהם נאָך א מאָל אָבגעוואַשען די וואונדען און דערויף פערניצט א סך פון דעם אָנגעגרייטען וואסער, און ווידער זיי פערבונדען. דעם קראנקען איז בעסער געוואָרען, און אז ער איז געקומען צו זיינע גע־דאנקען, האט ער אנגעהייבען צו דערצעהלען, וואס מיט איהם האט זיך געטאָן די גאַנצע צייט אין אפריקא. פאר גרויס שלאָפקייט האָט ער געמוזט אלע מינוט אויפהערען צו רעדען, נאר פון דעם ביסעל ווערטער האט מען שוין געקענט וויסען זיין גאַנצע געשיכטע.

דער אומגליקליכער פראנצויז איז געבארען פון ארעמע עלטערן אין דעם דארף אראדאָן. ביי עטליכע און צוואנציג יאהר איז ער אוועק פון זיין לאנד קיין אפריקא. מיט גענוג צרות און סכנות איז ער געקומען ארעם און נאקעט צו די פעלקער, וואס זיצען נעבען די קוועלען פון דעם טייך נילוס. צוויי יאהר כסדר איז ער געפאנגען געוועזען ביי זעהר א ווילד פאלק, און האטשע ער האט דארטען געהאט פיעל צרות אויסצושטעהן, פונדעסטוועגען האט ער קיין מורא ניט געהאט זיי צו זאגען דעם אמת, ווי פערפיהרט זיי זיינען אין א סך נארישקייטען. אין איינער פון די שרעקליכע מלחמות, וואס דארטען הערען כמעט ניט אויף, איז דאס ווילדע פאלק אינגאנצען גע'הרג'עט געווארען. די וואס זענען געבליבען לעבען, זענען אנטלאפען. ער איז אויך לעבען געבליבען און האט זיך געלאזט אלץ ווייטער. די בעסטע צייט איז געוועזען פאר איהם וואס מען האט איהם געהאלטען פאר א משוגענעם. צוויי יאהר האט ער געוואנדערט אין די ווילדע לענדער, ער האט זיך אויס־געלערענט דאס דארטיגע לשון און האט געשטראפט אומעדום די פעלקער, ביז וואנען וועלען זיי זיך בוקען צו די אבגעטער. דאס לעצטע יאהר האט ער

צוגעבראכט ביי די מענשענפרעסער ניא־ניאם. אז זייער עלטסטער איז פלוצלים געשטארבען, האבען זיי איהם אין דעם שולדיג געמאכט און געוואלט טויטען. פערציג שעה כסדר האבען זיי איהם געפייניגט און געהאט ברעה איהם אויפצוהענגען, אויף דעם אנדערן טאג, ווען די זון וועט שיינען. אז ער האט דערהערט ביי דער נאכט א שאס פון א ביקס, האט ער אנגעהייבען צו שרייען: ראטעוועט, ראטעוועט! מיר טהוט ניט באנג דאס לעבען אויף דער נארישער וועלט, האט ער צום סוף געזאגט ווארום מיין נשמה גיב איך איבער אין גאטס האנד.

— לאזט זיך נישט אב, האט איהם דער דאקטאר געטרייסט, איהר וועט נאך מיט גאטס הילף געזונד ווערען.

— אזוי פיעל פערלאנג איך גאר ניט פון גאט, האט דער קראנקער גענענטפערט, איך לייב זיין ליבען נאמען דערפאר, וואס פאר מיין טויט האטשע האב איך זוכה געוועזען צו זעהן מענשען פון אייראפע און הערען דאס לשון פון מיין טייער לאנד.

דער קראנקער איז ווידער שוואך געווארען און האט אויפגעהערט צו רעדען. אזוי איז פערגאנגען דער גאנצער טאג. קענעדי איז זעהר טרויעריג געווארען און דזשאע האט אלעמאל געווישט די אייגען. „וויקטאריע" איז זעהר שטיל געשוואומען אין דער לופט און עס האט זיך אויסגעוויזען, אז דער ווינד האט רחמנות און וויל ניט בעאומרוהיגען דעם אומגליקליכען קראנקען.

פאר־נאכט האט דזשאע אנגעוויזען, ווי העט אין מערב־זייט איז דער הימעל איינגאנצען רויט ווי פייער. דער דאקטאר האט דאס גוט בעטראכט און געזאגט, אז די רויטקייט קומט פון א בארג, וואס ווארפט פון זיך ארויס א גאנצען גיהנום פייער.

— זעהר שלעכט, האט זיך קענעדי אנגערופען, דער ווינד טראגט אונז פונקט אקעגען דעם פייערשפייענדיגען בארג. גוט, וואס מיר זענען האטש אין דער לופט, ווארום אונטען געהער זיין א שרעקליכע ערדציטערניש.

— אזוי ווי דו האסט איצט ניט מורא פאר די ערדציטערניש, אזוי דארפסט דו אויך ניט מורא האבען פאר דעם פייערשפייעדיגען בארג, האט איהם דער דאקטאר גענענטפערט, מיר וועלען איהם אם ירצה השם בשלום אריבערפליהען.

אין דריי שעה ארום איז דער לופטבאלאן שוין געוועזען נאהענט פון דעם בארג, וואס אויבען דורך זיין שרעקליך ברייט מויל האט די ערד ארויס־געווארפען פון אינווענינ גאנצע טייכען פון צו שמאלצענע מאטריאלען איינ־איינעם מיט צוגליהטע שטיינער, וואס זענען געפלויגען שטארק הויך אין דער לופט, טייכען פייער האבען ארויסגעזעצט איינס נאך דאס נאדערע. עס

איז געוועזען זעהר שרעקליך, אבער פארט זעהר שען פאר דעם אויג. דער דאקטאר האט שטארק דערהיצט דעם נאז, דער לופטבאלאן האט זיך אויפ־געהייבען אויף דריי טויזענד איילען און איז העכער פון די אלע פייערדיגע זיילען אריבערגעפלייגען בשלום.

דער קראנקער האט נאך פון זיין טויטענבעט געקענט בעטראכטען דעם בארג. וואס פון זיין מויל זיינען ארויסגעפלויגען טויזענדערליי פייערדיגע צונגען און האבען פארבלענדט די אויגען מיט זייער ליכטיגקייט.

— אך ווי גרויס זיינען גאטס וואונדער, האט ער געזאגט, זיינע מעשים זענען גאר אהן אן עק, שען אפילו ווען זיי זענען שרעקליך.

די טייכען צושמאלצענע מאטעריאלען האבען בעדעקט אינגאנצען דעם בארג מיט פלאמען, דער לופטבאלאן האט אויך געשיינט פון דעם פייער אין דער פינסטערער נאכט. דער דאקטאר האט זיך געאיילט צו אנטלויפען פון דעם שרעקליכען ארט. ארום זייגער צעהן ביי נאכט האבען אונזערע רייזענדע שוין געזעהן דעם בארג פון דערווייטענס ווי א קליין שטערענדיל. דער לופטבאלאן האט זיך גאנץ רוהיג אראבגעלאזט אביסעל נידעריגער.

טו

די נאַכט איז געווען זעהר אַ שענע, און דער קראַנקער איז מחמת גרויס שלאַפקייט אַנשלאָפען געוואָרען.

— ער וועט אויסגעהן אויף אונזערע הענד, האָט זיך דער דאָקטאָר אָנגערופען מיט אַ פערביטערטע האַרץ, קוים, נעבעך, וואָס ער זשיפּעט און איך קען איהם גאָר ניט העלפען.

— אַ שאָד אַזאַ טייערער מענש, — האָט דזשאָע געזאָגט מיט אַ וויי־נענדיג קול, — די רוצחים האָבען איהם אַזוי געמוטשעט און ער בעט נאָך פאַר זיי גאָט, ער זאָל זיי מוחל זיין. אַזוי יונג און האָט אַזוי פיעל געליטען, נאָר באַלד וועט איהם דער טויט אויסלייזען פון אַלע צרות און זיין נשמה וועט אודאי קומען גלייך אין גן עדן אריין.

דער קראַנקער האָט אָנגעהויבען שווער צו אָטהמען און האָט געבעט־טען אַ ביסעל פרישע לופט. מען האָט אויפגעעפענט דעם פאָרהאַנג פון דער פּאַלאַטקע, האָט זיך דער קראַנקער גאָר דערקוויקט.

— מיינע פריינד, — האָט ער גאַנץ שטיל געזאָגט, — איך שטאַרב שוין, לאָז אייך גאָט בעלוינען דערפאַר, וואָס איהר האָט מיט מיר געטאָן און אייך ברענגען גליקליך אַ היים. איך זעה שוין דעם טויט פאַר די אויגען, נאָר דאָס איז דער אָנהויב פון דעם אייביגען לעבען אויף יענער וועלט און דער סוף פון אַלע צרות אויף דער וועלט. הייבט מיט אַביסעל אויף, מיינע פריינד, לאָם איך קענען ווידוי זאָגען.

קענעדי האָט איהם אַביסעל אויפגעהויבען, דער קראַנקער האָט גע־בענשט זיינע פריינד, אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל און שטילערהייט ווידוי געזאָגט, אין מיטען זאָגען איז ער געפאַלען אויף קענעדי׳ס הענד און געשטאָרבען.

— מאָרגען אין דער פריה, האָט זיך דער דאָקטאָר אָנגערופען מיט אַ זיפץ, וועלען מיר איהם מקבר זיין אין דעם לאַנד, וואָס איז בעפלעקט גע־וואָרען מיט זיין בלוט.

— די גאַנצע נאַכט זענען אַלע געזעסען נעבען דעם מת, האָבען צווישען זיך קיין וואָרט ניט גערעדט, נאָר געוויינט.

אז עס איז טאָג געוואָרען, איז דער לופּטבאַלאָן געפלויגען איבער א טרוקען לאנד, וואָס מען האָט דאָרטען ניט געזעהן קיין שום געוויקס, קיין טראָפּען וואסער, נאָר הימעל און ערד און אויסגעלאָשענע פייערשפּייענדיגע בערג. ארום האַלבענטאָג האָט זיך דער דאָקטאָר אָנגעהויבען אָראָבצולאָזען, נאָר ער האָט שוין איצט געמוזט דערביי ארויסלאָזען אַביסעל גאַז, מחמת עס האָט איהם געפעהלט די משא, וואָס מען האָט פריהער ארויסגעוואָרפען. ווי באַלד דאָס שיפעלע האָט זיך צוגעריהרט צו דער ערד, האָט עס דזשאָע אָנגעפילט מיט שטיינער, ביז פינף הונדערט פונט משא, דער לופּטבאַלאָן איז געבליבען שטעהן, און אונזערע רייזענדע זיינען ארויסגעגאַנגען. די שטיינער, וואָס מען האָט אריינגעלעגט אין דעם שיפעל, זענען געוועזען עפּיס צו שווער פאר זייער גרויס, דאָס איז געפאַלען דעם דאָקטאָר אין די אויגען. דזשאָע און קענעדי האָבען אויסגעגראָבען דעם קבר און די היץ האָט אין דרויסען געברענט ווי אין א קאַלכאויווען. זיי האָבען מקבר געווען דעם מת און ארויפגעלעגט אויף זיין קבר א גאַנצען הויפען מיט שטיינער. דער דאָקטאָר איז די גאַנצע צייט געשטאַנען פערטראַכט, און האָט אפילו ניט געהערט ווי קענעדי רופט איהם.

— וואָס האָסטו זיך אזוי פערטראַכט? — האָט קענעדי געפרעגט צוגעהענדיג צו איהם.

— איך טראַכט, וואָס פאר א זעלטענע זאכען עס קענען געשעהן אין דער וועלט. דער אומגליקליכען פראַנצויז, וואָס האָט זיך אָבגעזאָגט פון דער וועלט און זיך ניט זאַט אָנגעגעסען מיט קיין שטיקעל ברויט, ליגט איצט בעגראָבען אין א גאָלדענעם קבר. די אלע שטיינער, וואָס וואַלגערען זיך דאָ אונטער אונזערע פיס, זענען ריין גאָלד.

קוים האָט עס דזשאָע דערהערט, האָט ער זיך א וואָרף געטאָן ווי א משוגענער צונויפקלייבען די שטיינער.

— וואָס טויג דיר דאָס גאָלד, האָט איהם דער דאָקטאָר געזאָגט, אז מיר קענען עס ניט מיטנעהמען.

— וואָס הייסט, האָט דזשאָע א געשריי געטאָן, אוועקוואַרפען אזא אוצר? א קלייניגקייט עפּיס! עס איז מיר אודאי זעהר ביטער, אז איך קען ניט פאַרנעהמען איינגאַנצען דאָס גאָלד, וואָס דאָ געפינט זיך, נאָר לכל הפּחות לאָזט מיר חאָטשע אזוי פיעל מיטנעהמען, וויפיעל מיר דאַרפען האָבען משא.

— האָסט עס גע'פּועל'ט, האָט איהם דער דאָקטאָר געענטפערט, נאָר זעה, עס זאָל דיך ניט אַרען, אז מען וועט דאַרפען אויף דער רייזע אראָבוואַרפען עטליכע טויזענד רענדלעך פון דיין גאָלד.

דזשאָע האָט גאָרנישט געענטפערט און אָנגעהויבען אָנצופילען דאָס שיפעלע מיט גאָלדענע שטיינער.

דער דאָקטאָר האָט דערווייל אָבגעמאָלט אויף פּאַפּיר דאָס שטיקעל לאַנד, וואָס דאָרטען איז געלעגען אַזאַ איין עשירות, וואָס וואָלט געקענט רייך מאַכען אַ האַלבע וועלט, און ביי זיך האָט ער געטראַכט, אַז מיט פער־גניגען וואָלט ער אַוועקגעגעבען דאָס גאַנצע גאָלד פאַר איין קעסטעלע וואַ־סער, וואָס מען האָט אַרויסגעוואָרפען בשעת דער נענער האָט זיך אָנגעטשע־פּעט אין שיפעלע, וואָרום דאָס וואַסער האָט מען נייטיג געדאַרפט האָבען אי צום גאַז־רעהריל אי צום טרינקען און דאָ, האָט ער געזעהן, קומט איהם אוים צו פליהען אין אַזאַ טרוקען ווינקעל, וואָס דאָרטען איז ניטאָ קיין טראָ־פען וואַסער.

אַז אַלע האָבען זיך אַריינגעזעצט אין דעם שיפעל און דער דאָקטאָר האָט אָנגעצונדען דאָס גאַז־רעהריל אויף אַוועקצופליהען, איז דער לופט־באַלאָן געשטאַנען אויף איין אָרט און האָט זיך ניט געקענט ריהרען. דער דאָקטאָר האָט געהייסען גרינגער מאַכען די משא. דזשאָע, נעבעך, האָט זיך שטאַרק געקווינקעלט, נאָר אַז ער האָט געזעהן, אַז עס איז אין ברירה, האָט ער מיט גרוים עגמת נפש אָנגעהויבען ביסלעכווייז אַראָבצעוואָרפען פון זיין גאָלד, ביז דער לופטבאַלאָן האָט זיך אויפגעהויבען אין דער הויך.

— עס איז דיר נאָך געבליבען אַ גרוים עשירות, — האָט דער דאָקטאָר צו דזשאָען געזאָגט, — אַז גאָט וועט העלפען, מיר זאָלען עס נאָר בשלום אַ היים ברענגען, וועסט דו זיין פערזאָרגט אויף דיין גאַנץ לעבען.

דזשאָע האָט דערויף גאָרנישט געענטפערט און האָט זיך אויסגעצווי־גען אויף זיין גילדען בעטעל.

— זעהסט דו, קענעדי, האָט זיך דער דאָקטאָר אָנגערופען, וואָס גאָלד קען מאַכען, עס קען אַראָבפיהרען פון דעם גלייכען וועג, פון דעם שכל און דעם בעסטען מענשען קען עס פערדאַרבען.

ביז פאַר־נאַכט איז „וויקטאָריע“ איינגעפלויגען אַ מייל ניינציג קיין מערב־זייט, און פון זאַנזיבאַר זענען זיי געוועזען טויזענד מיט פיער הונדערט מייל.

טז

אונערע רייזענדע זענען די גאנצע נאכט געשמאק געשלאָפֿען נאָך אַלע צרות און עגמת נפש, וואָס זיי זענען אויסגעשטאנען די לעצטע טעג. אין דער פריה איז דער הימעל ווידער געוועזען לויטער און די היץ אזוי שטארק ווי נעכטען. א קליין ווינטעלע האָט גאנץ פֿאמעליך אוועקגעטראָגען דעם לופטבאלאָן.

— מיר פֿליהען זעהר שלעכט, האָט זיך דער דאָקטאָר אָנגערופֿען, ווען איך האָב קיין טעות ניט, האָבען מיר שוין געמאכט א האלבען וועג אין צעהן טעג, די אנדערע העלפֿט וועג אָבער וועלען מיר אפילו אין עטליכע חדשים ניט מאכען, אויב מיר וועלען ווייטער אזוי פֿאמעליך פֿליהען, ווי איצט, און דאָס גרעסטע אומגליק איז, וואָס מיר האָבען ווייניג וואסער.

אלע דריי רייזענדע זענען טרויעריג געוואָרען און האָבען ניט גערעדט קיין וואָרט. איטליכער האָט געטראכט פֿאר זיך, דזשאָ איז געלעגען אויס־געצויגען אויף זיין גאָלד און האָט נאָר געטראכט, ווי אזוי דאָס רייכקייט א היים צו ברענגען. באמת איז דזשאָ געוואָרען גאָר אן אנדער מענש, זינט ער האָט דערזעהן די גרודעס גאָלד, דער קאָפּ האָט זיך איהם פֿון יענער צייט אָן פֿארדרעהט און ער האָט ניט בעוויזען קיין פֿרעהליכע מינע.

דאָס לאנד איז געוואָרען וואָס ווייטער וויסטער, מען זאָל דאָס ערגעץ זעהן א בוים אָדער א ביסעל גראָז, פֿון דערפֿער רעדט מען שוין ניט, אפילו א קליין שטיבעלע האָט מען אויך מעהר ניט געזעהן. אומעדום איז די ערד געוועזען בעדעקט מיט ווייסען זאמד און מיט הויכע סקאלעס אָהן א שום גע־וויקס, אזוי ווי בשעת זיי זענען בעשאפֿען געוואָרען. דאָס אָרט האָט טאקי געקענט מאכען מרה־שחורה׳דיג. עס האָט אויסגעזעהן, אז אין דעם וויסטען חלק אפֿריקא זענען קיינמאָל קיין שידות ניט דורכגעצויגען, זיסט וואָלט דאָך געבליבען עפּיס א זכר אויף דעם אָרט, אָדער ווי וואָלט זיך ניט ערגעץ געוואלגערט ווייסע אויסגעטריקענטע ביינער פֿון מענשען אָדער פֿון חיות. דער דאָקטאָר איז געוועזען שטארק אומרוהיג און עס איז איהם פֿון די גע־דאנקען ניט אראָבגעגאנגען די שרעקליכע מדבר סאהארא, וואָס רייזענדע געפֿינען דאָרטען נישט וואָכענלאנג אביסעל וואסער צו שטילען דעם דאָרשט. ער וואָלט זעהר פֿאר ליעב אָנגענומען, אז עס זאָל ווערען א שטורעמווינד

און זאָל איהם פון דאַנען העט־ווייט אַוועקטראָגען. נאָר דער הימעל איז אָבער געוועזען לויטער אָהן אַ פּיצעל וואָלקען. „וויקטאָריע" איז דעם גאַנצען טאָג איינגעפלויגען קוים דרייסיג מייל. דאָס וואַסער איז אינגאַנצען בעשטאַנען פון זעקס קוואָרט, צוויי קוואָרט האָט דער דאָקטאָר ארויסגעגעבען צום טרינקען אין דער ברענענדיגער היץ פון פופציג גראַד, און פיער קוואָרט האָט ער איבערגעלאָזט פון דעם גאַז־רעהרילס וועגען.

— איך מוז אייך זאָגען, מיינע פריינד, האָט זיך דער דאָקטאָר אָנגערופען, אַז די פיער קוואָרט וואַסער וועלען קוים קלעקען אויף פיער און פופציג שעה פליהען, נאָר אַזוי ווי מיר וועלען ביינאַכט שטעהן, קענען מיר דאָס געגנוג האָבען אויף פערטהאַלבען טאָג, נאָר לעת עתה לאָמיר ניט זאָרגען, גאָט קען נאָך העלפען.

די נאַכט האָבען אונזערע רייזענדע צוגעבראַכט אויף אַ גלייכען פּלאַץ און חאָטשע עס האָט זיי שטאַרק געדאָרשט, האָבען זיי זיך, נעבעך, איינגעהאַלטען און זעהר ווענינ געטרונקען. נאָך דער שטילער אויסגעשטערענטער נאַכט האָט זיך געשטעלט דער לאַנגער הייסער טאָג. קוים איז די זון אויפגעגאַנגען, איז געוואָרען אַ ברענענדיגע היץ ניט אויסצוהאַלטען. זייגער פינף האָט זיך דער לופטבאַלאָן אויפגעהויבען, נאָר ער איז געבליבען שטעהן אין דער לופט און האָט זיך אַ צייט ניט געקענט ריהרען. דער דאָקטאָר וואָלט אפילו געקענט פּטור ווערען פון דער היץ, זיך אויפהויבענדיג העט אין דער הויך, וואָס דאָרט איז די לופט תמיד קאַלט, נאָר עס איז איהם איצט געוועזען אונמעגליך דאָס צו טאָן מחמת ער האָט געדאַרפט דערצו האָבען זעהר אַ סך וואַסער און האָט זיך געמוזט בעגנינען, אַז דער לופטבאַלאָן זאָל פליהען נאָר פופציג איילען אין דער הויך.

— די היץ איז גאָר נישט צום אויסהלטען, האָט דזשאָע געזאָגט זיך אָבווישענדיג דעם שווייס פון דעם פּנים. דער רוח האָט דענסטמאָל אָנגעטראָגען דעם ווילדען נעגער און דורך איהם האָבען מיר געמוזט אראָבוואַרפען דאָס טייערע קעסטעלע מיט וואַסער.

אודאי, ווען מיר זאָלען איצט האָבען די הונדערט פונט וואַסער, וואָלטען זיי אונז שטאַרק צוניץ געקומען, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, דערמיט וואָלטען מיר געקענט פליהען אַ טאָג דרייצעהן און ארויסגעהן פון דער מדבר. אָט איצט, מיינע פריינד, זענען מיר באמת אין אפריקא, ארום אונז איז אַ גליהענדע היץ, אַ ברענענדיגער זאַמד, און וואַסער איז ניטאָ קיין טראָפּען.

ביז נאַכט איז דער לופטבאַלאָן קוים צוואַנציג מייל איינגעפלויגען. די לופט איז געוועזען אַזוי דעמפּיג און אַזוי הייס ווי ביי טאָג. אין דער פריה, דעם ערשטען מאַי, האָבען די רייזענדע ניט געזעהן קיין שום פאַרענדערונג פון נעכטען. אַזוי זענען פערגאַנגען נאָך אַ פּאָר טעג, איינער ניט בעסער

פון דעם אַנדערען   דער פריהמאָרגען הייס, נישט צום אויסהאַלטען, נאָך האַלבען טאָג האָט די זון פשוט געבראָטען, די נאַכט איז געוועזען אַזוי דעמפּיג האָטשע משוגע צו ווערען, דאָס קליינע ווינטעלע האָט קוים וואָס געבלאָזען און די גאַנצע לופט האָט אויסגעזעהן, ווי אָט, אָט ווערט זי אַנשלאָפען.

דער דאָקטאָר איז אַלץ געשטאַנען און האָט געקוקט אויף דעם שפּאַק־טיוו, נאָר פאַר זיינע אויגען האָט זיך מעהר נישט געוויזען ווי מדבר, וואָס האָט זיך געצויגען גאַנץ ווייט אָהן אַנ'עק און אָהן אַ סוף.

דער דאָקטאָר האָט חרטה געהאט אין הארצען, למאי ער האָט נאָך מיט־גענומען קענעדיי'ן און דזשאָען, זיי זאָלען אַזוי פיעל ליידען אין דער מדבר און אפשר זיך טאַקי געזעגענען מיט דעם לעבען. ער האָט שוין אפילו ביי זיך געטראַכט צוריק צופליהען און האָט מכח דעם איבערגעשמועסט מיט זיינע פריינד. זיי האָבען איהם געענטפערט, אַז זיי זענען מוסכם אויף אַלצדינג, וואָס ער וועט טאָן. מען האָט די זאַך גוט איבערגעלעגט אַהין און אַהער און עס איז געבליבען בעסער ווייטער צו פליהען. דער דאָקטאָר האָט געדאַנקט זיינע פריינד דערפאַר, וואָס זיי פערלאָזען זיך אויף איהם אינגאַנ־צען און האָט זיי אַזוי געזאָגט:

— וועדליג מיין רעכנונג, זענען מיר איצט ווייט דריי הונדערט מייל פון דעם ים, וואָס נעבען איהם וואוינען מענשען. פליהענדיג אַהינצו קענען מיר אפשר אין מיטען מדבר געפינען אַ פערוואַקסען שטיקעל לאַנד מיט קוואַלען וואַסער, נאָר די גאַנצע צרה איז אָבער, וואָס עס איז ניטאָ קיין ווינד, אָהן איהם וועלען מיר בלייבען שטעהן אין דער לופט אויף איין אָרט.

דעם גאַנצען טאָג איז איטליכען די אויגען ארויסגעקראָכען זוכענדיג אַ פּי־צעל וואָלקען, דער הימעל איז געבליבען אַלץ לויטער ווי פריהער, און ווי ווייט דאָס אויג האָט געקענט גרייכען, האָט מען מעהר נישט געזעהן נאָר מדבר און מדבר. די רייזענדע זענען דעם טאָג איינגעפלויגען קוים פופצעהן מייל. דאָס וואַסער צום גאַז־רעהריל און צום טרינקען איז אַלץ וועניגער געוואָרען און דאָ איז ניט געוועזען קיין שום האָפנונג באַלד אַנדערע צו געפינען. די נאַכט איז פערגאַנגען גאַנץ רוהיג, נאָר דער דאָקטאָר איז ניט געשלאָפען.

יז.

אויף דעם אַנדערען טאָג איז דער הימעל אַלץ געוועזען לויטער און די לופט שטיל, אָהן אַ שום ווינטעלע, ווי פריהער. דער לופטבאלאָן האָט זיך אויפגעהויבען אַ צוויי הונדערט איילען אין דער הויך, נאָר קוים־קוים וואָס ער האָט זיך גערירט קיין מערב־זייט.

— איצט געפינען מיר זיך סאַמע אין דער רעכטער מדבר, האָט זיך דער דאָקטאָר אָנגערופען, וואָס פאַר אַ שרעקליכער זאַמד ציהט זיך דאָ אַוועק אויף טויזענדער מײלען. די היץ איז דאָ אַזוי ברענענדיג אַקוראַט ווי אין אַ קאַלכאויוועןֿ.

— מיר דאַכט זיך, האָט דזשאָע געזאָגט, אַז באַלד וועלען מיר געהאָלפען ווערען. וואָרום דאָרטען אין מזרח־זייט ווייזט זיך עפּיס אויף דעם הימעל ווי אַ שטיקעל וואָלקען. עס קען געמאָלט זיין, אַז באַלד נאָך זאָל ווערען אַ ווינד מיט אַ רעגען.

אין אַ פּאָר שעה אַרום האָט אַ גרויסער שטיק וואָלקען בעדעקט די זון.

— איך האָב אויף דעם וואָלקען גאָר נישט צו רעכענען, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, פון איהם וועט קיין רעגען ניט ווערען, נאָר אַז ער וויל זיך צו אונז נישט אַראָבלאָזען, לאָמיר־זשע זיך אויפהויבען צו איהם.

ער האָט באַלד פאַרגרעסערט דעם פלאַם אין דעם גאַז־רעהריל, און דער לופטבאלאָן האָט זיך אויפגעהויבען אַקעגען אַכט הונדערט איילען אין דער הויך, סאַמע אין וואָלקען אַריין. נאָר דאָס האָט אָבער גאָר נישט געהאָלפען. די חמאַרע איז געוועזען גאַנץ טרוקען און האָט אפילו ניט פייכט געמאַכט דעם לופטבאלאָן.

— טהוט נאָר אַ קוק, האָט דזשאָע פּלוצלים אַ געשריי געטאָן, ניט ווייט פון אונז פליהט נאָך אַ לופטבאלאָן מיט עטליכע מענשען.

דער דאָקטאָר און קענעדי האָבען זיך אַרויסגעבויגען פון דעם שיפעל און האָבען געזעהן, אַז הונדערט איילען פון זיי פליהט טאַקי אַ לופטבאלאָן.

— שטעל אַרויס אַ פענדיל, דזשאָע, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, און גיב זיי אַ סימן, אַז מיר דאַרפען האָבען זייער הילף.

דזשאַע האָט קיין שיחות ניט געמאַכט און אַרויסגעשטעלט אַ פּענדיל. יענע רייזענדע זענען אויך דערויף געפאַלען און האָבן אויך אַרויסגעשטעלט פּונקט אַזאַ פּענדיל.

— וואָס זאָל עס באַטייטען, צו אַלדי שווארץ יאָהר, האָט דזשאַע גע־פּרעגט. זיצען ניט אפשר אין יענעם לופטבאַלאָן מאַלפּעס, וואָס שפּעטען אונז נאָך.

— ניין, האָט דער דאָקטאָר געענטפערט מיט אַ שמייכעל, מיר אַלע האָבען דאָ געהאַט אַ גרויסען טעות. דאָס וואָס מיר זעהען, איז גאָר ניט קיין לופטבאַלאָן, נאָר אונזער אייגענער שפּיגעלט זיך אָב אין דער לופט. אַזעלכעס טרעפט זיך אָפט אין דער מדבר, מחמת די לופט איז דאָרטען ניט אומעדום אַלץ איינס. באַלד איז דער פאַלשער לופטבאַלאָן פערשוואונדען געוואָרען, דער וואָלקען האָט זיך אויפגעהויבען גאַנץ הויך, אַז מען האָט איהם שוין מעהר ניט געזעהן און דער דאָקטאָר האָט זיך אַראָבגעלאָזט אויף דער ערד. אונזערע רייזענדע זענען געבליבען זיצען זעהר טרויעריג און די היץ איז געוואָרען נאָך דושנער.

אַרום זייגער פיער האָט דזשאַע אָנגעוויזען, אַז העט פון דער וויטענס, דאַכט זיך איהם אויס, שטעהען צווי טייטעלבוימער.

— עס איז טאַקי אמת, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, אַז ער האָט אַ קוק געגעבען אויף דעם שפּאַקטיוו, לאָמיר זיך לאָזען צו די בוימער. דאָרטען וועלען מיר אודאי געפינען וואַסער.

אויף דעם סמך האָבען די רייזענדע אויסגעטרונקען נאָך אַ קוואַטירעל און עס איז זיי מעהר ניט איבערגעבליבען ווי דריי.

דער לופטבאַלאָן איז געפלויגען זעהר פּאַמעליך און ערשט זייגער זעקס איז ער געקומען צו דעם אָרט. די צוויי טייטעלבוימער זענען געווען שטאַרק פּערדאַרט אָהן איין בלעטעל, און אַרום זיי איז אפילו קיין סימן ניט גע־וועזען פון אַ פּייכט שטיקעל אָרט. נישט ווייט איז געוועזען אַ ברונעם פערוואָרפען מיט שטיינער און מיט זאַמד. פון דעם ברונעם אָן ביז העט גאַנץ ווייט זענען אויף דעם הייסען זאַמד געלעגען אויסגעשפּרייט איינס נאָך דעם אַנדערען ווייסע ביינער פון מענשען. אין די ביינער האָבען אונ־זערע רייזענדע דערקענט, אַז צו דעם ברונען האָט זיך געמוזט אַ מאָל פּער־שלעפּען אַ שיירא מיט מענשען, וואָס אַלע, נעבעך, זענען אויסגעשטאָרבען פערשמאַכט פון דאָרשט. די רייזענדע האָבען זיך אָנגעקוקט מיט גרויס שרעק.

— לאָמיר גיך אַנטלויפען פון דאַנען, האָט קענעדי געזאָגט, דאָ איז אודאי קיין טראָפּען וואַסער ניטאָ.

— סיי ווי סיי, האָט דזשאַע געזאָגט, מוזען מיר דאָך ערגעץ נעכטיגען,

לאָמיר־זשע בעסער דאָ בלייבען און אויסריינינגען דעם ברונען, טאָמער וועלען מיר פאָרט עפעס וואַסער געפינען.

ער איז מיט קענעדי׳ן אראָבגעגאנגען אין ברונען אריין, זיי האָבען געהאָרעוועט מיט שווייס, ארויסצוואוואַרפען די שטיינער. נאָר די גאנצע האָרעוואניע איז געוועזען אומזיסט, זיי האָבען אפילו קיין איין טראָפּען וואַסער ניט געפונען. עס האָט אויסגעוויזען, אז דער קוואל איז שוין גאנץ לאנג אויסגעטריקענט געוואָרען. די רייזענדע זענען ארויס פון דעם ברונען מיט א פערקלעמט הארץ. ביי נאכט האָבען זיי פאר צרות ניט געקענט עסען און חאָטשע איצט האָבען זיי נאָך ניט אזוי שטארק געליטען פון דאָרשט, נאָר זיי האָבען מורא געהאַט פאר שפּעטער, וואָס וועט זיין, אז דאָס איבריגע ביסעל וואַסער וועט אויך אויסגעהן.

אין דער פריה האָט דער דאָקטאָר אוועקפליהענדיג פון דעם אָרט געזאָגט מיט א צובראָכענעם הארץ :

— איהר זאָלט וויסען, מיינע פריינד, אז מיר האָבען וואַסער ניט מעהר ווי אויף זעקס שעה צו פליהען. ווען מיר וועלען, חלילה, אין דער צייט ניט ניט געפינען קיין קוואל, ווייסט נאָר איין גאָט, וואָס פון אונז קען ווערען. איבריגענס לאָמיר ניט פערלירען דעם בטחון, אפשר וועט דער ווינד אָנהויבען שטארקער צו בלאָזען און וועט אונז ברענגען צו איין אָרט מיט וואַסער.

נאָר די האָפנונג איז אָבער געוועזען גאָר אומזיסט. די לופט איז אלץ טאקי געבליבען שטיל און די היץ אזוי ברענענדיג ווי פריהער.

קענעדי׳ן און דזשאָע׳ן האָט דער דאָרשט אָנגעהויבען שוין שטארק צו מוטשען. איינגאנצען איז נאָך געבליבען צוויי קוואַטירלעך וואַסער. זיי האָבען שיער עס מיט די אויגען ניט איינגעשלונגען, נאָר דאָס הארץ האָט זיי ניט פערטראָגען אויסצוטרינקען דאָס לעצטע ביסעל וואַסער, און בלייבען אין דער מדבר אָהן איין טראָפּען.

דער דאָקטאָר האָט אָנגעהויבען חרטה צו האָבען, פאר וואָס ער האָט אויסגעבראכט וואַסער צו פליהען אין דער מדבר, בעסער וואָלט ער געשטאַנען אויף איין אָרט, דאָס וואַסער וואָלט איהם געקענט דיענען צום טרינקען אויף ניין טעג, אפשר אין דער צייט וואָלט געוואָרען א שטורעם־ווינד און איהם פערטראָגען צו א קוואל.

אז קענעדי און דזשאָע זענען פערשמאכטערהייד איינגעדרעמעלט געוואָרען, האָט זיך דער דאָקטאָר ענטשלאָסען צו זוכען עפּיס אין דער הויך א ווינטעלע, וואָס זאָל טראָגען דעם לופטבאלאָן. ער האָט זיך אויפגעהויבען אויף דריטהאלבען טויזענד איילען, נאָר די לופט איז דאָרטען אויך געשטאַנען שטיל און האָט זיך ניט געריהרט. דאָס וואַסער האָט זיך לעת עתה אויסגעלאָזט ביז איין טראָפּען, דאָס גאַז־רעהריל האָט אויפגעהערט צו ברע־

נען און דער לופטבאלאן האט זיך אראבגעלאזט פונקט אויף דעם אייגענעם ארט, פון וואנען עס איז אוועקגעפלויגען.

— וואס איז? מיר בלייבען שטעהן? — האט קענעדי געפרעגט, אויפ־חאפענדיג זיך פון דעם שלאף.

— יא, האט דער דאקטאר געענטפערט טרויעריג. מיר האבען שוין ניט מעהר, מיט וואס צו פליהען.

די רייזענדע זענען ארויסגעגאנגען פון דעם שיפעלע און האבען עס אנ־געפילט מיט זאמד, עס זאל זיך ניט ריהרען פון דעם ארט. עטליכע שעה כסדר האט איינער צום אנדערען קיין ווארט ניט גערעדט, נאר געטראכט פאר זיך אליין. צו דער וועטשערע האט זיך קיינער ניט צוגעריהרט, נאר איטליכער האט גענומען צו ביסלעך וואסער. ביי נאכט איז קיינער ניט גע־שלאפען. די היץ איז געוועזען שרעקליך שטארק. אויף דעם אנדערען טאג אין דער פריה איז שוין מעהר ניט געבליבען ווי איין האלב קוואטירעל וואַ־סער.

— איך ווער אקארשט ניט דערשטיקט פאר היץ, האט זיך דזשאָ אנ־גערופען.

— דער זאמד בריהט פשוט ווי מען וואלט איהם ערשט ארויסגענומען פון א צוגליהעטען אויווען, האט קענעדי געזאגט, קיין שטיקעל וואלקען זעהט מען ניט אויף דעם פייערדיגען הימעל, עס קומט נאר משוגע צו ווערען.

— זייט זיך נאך ניט אזוי מיאש, האט זיי דער דאקטאר געטרייסט, אין מיטען דער היץ און ווי דער הימעל איז אזוי לויטער, קען אין דעם לאנד פלוצלים ווערען א שטורמווינד. וואס ער הייסט סאמום, און זאל אונז פער־טראגען ערגיץ צו א קוואל מיט וואסער.

דער דאקטארס ווערטער האבען אבער גאר נישט געהאלפען, די אומ־גליקליכע רייזענדע, וואס האבען געלעכצט נאך וואסער אין דער גליהענדער לופט, האבען אנגעהויבען צו פיהלען, אז אט באלד קומען זיי פון דעם זינען, די אויגען זענען ביי זיי געווארען גרוים און מוטנע.

אז עס איז נאר נאכט געווארען, האט דער דאקטאר גערופען זיינע פריינד, זיי זאלען זיך מיט איהם אביסעל דורכגעהן, טאמער וועלען זיי זיך אביסעל דערפרישען. נאר קענעדי און דזשאָ האבען איהם בשום אופן ניט געוואלט פאלגען און ער איז אליין אוועקגעגאנגען. לכתחילה ווי ער האט אנגעהויבען צו געהן, איז איהם טאקי בעסער געווארען, נאר קוים איז ער אבגעגאנגען א פאר ווייערסט, האט ער אנגעהויבען צו פיהלען, ווי דער קאפ דרעהט זיך איהם און אז ער פאלט פון די פיס, ער האט זיך שטארק דער־שראקען און געוואלט צוריק געהן, נאר די כוחות האבען זיך איהם אויסגע־לאזט. ער האט אנגעהויבען רופען צו הילף, נאר קיינער האט איהם ניט

געענטפערט. ער איז אַנידערגעפאַלען אויף דער ערד אָהן כוחות, איינער אַליין אין מיטען דער מדבר. ארום האלבע נאַכט האָט ער זיך ערשט אויפ־געחאפּט און געזעהן, ווי דזשאָע, וואָס ער האָט איהם קוים אויפגעזוכט, מינטערט איהם.

— שטעהט אויף, מיין ליעבער האר, האָט איהם דזשאָע געזאָגט, און קומט מיט מיר צום לופטבאלאָן. איהר וועט זיך דאָרטען אָברוהען, און איך וועל מיך לאָזען אויף גאָט'ס בעראָטה אויפזוכען ערגיץ א קוואל מיט וואסער, וואָרום אזוי זיצען איז געווים קיין תכלית ניט. מיר אַלע קענען אויסגעהן פאר דאָרשט. ווען גאָט וועט אייך דערוויייל אין דער צייט צושיקען א ווינד, מעגט איהר אייך אוועקפליהען געזונטערהייד און אויף מיר ניט וואַרטען, נו, ווי געפעלט אייך מיין פּלאַן?

— ניין, דזשאָע, האָט איהם דער דאָקטאָר געענטפערט, איך קען דאָס ניט צולאָזען, מיר טאָרען זיך ניט צושיידען.

— איך וועל וואַרטען נאָך איין טאָג, האָט דזשאָע געזאָגט, און אויב עס וועט אַלץ ניט בעסער ווערען, וועל איך זיך גאָר ניט אָנפרעגען ביי אייך און מיר לאָזען אויף גליק.

דער דאָקטאָר האָט איהם ניט געענטפערט און איז באַלד געקומען צום לופטבאלאָן. ער האָט זיך בעזעצט נעבען קענעדי'ן, וואָס ער איז געלעגען ווי שטארק פערטשאדעט.

יח

אויף דעם אנדערען טאג אין דער פריה האט דער דאקטאר צום אלעם ערשטען א קוק געגעבען אויף דעם באראמעטער, צו ווייזט ער נישט אויף עפים א פערענדערונג אין דער לופט. דער קוועקזילבער האט זיך אין דעם גלעזערנעם רעהריל נאר עטוואס אראבגעלאזט.

— דערפון קען מען נאך גאר נישט וויסען, האט דער דאקטאר צו זיך אליין געזאגט, און איז ארויסגעגאנגען פון דעם שיפעלע בעטראכטען דעם הימעל. מען האט אבער אויף איהם ניט געזעהן קיין פיצעל וואלקען און די זון האט געבראטען אזוי ווי נעכטען.

דזשאע האט ניט גערעדט קיין ווארט און נאר געטראכט פון זיין פלאן. קענעדי איז געלעגען, עס האט איהם געווארפען ווי אין קדחת. די צונג און די ליפען זענען איהם פאר דארשט געווען געשוואלען, צושפאלטען און האט נישט געקענט קיין ווארט ארויסרעדען. וואסער איז געבליבען נאך עטליכע טראפען, אלע האבען צו דעם שטארק חשק געהאט, נאר קיינער האט פארט קיין הארץ ניט געהאט דאס אנצוריהרען. דעם גאנצען טאג איז קענעדי געווען ווי משוגע, ער איז ארומגעלאפען אהין און אהער, גערעוועט ווי א בער און איז פארטיג געווען זיך איבערצובייסען איין אדער פון זיין האנד און אנטרינקען זיך מיט אייגען בלוט. נאך דעם איז ער אנידערגעפאלען כמעט טויט און געחראפעט מיט א משונה קול. אקעגען נאכט איז דזשאע אויך אראב פון דעם זינען, דער זאמד פון דער מדבר האט זיך איהם אויסגעוויזען ווי א גרויסע אזיערע מיט וואסער, ריין ווי קריסטאל. ער האט זיך עטליכע מאל אווארף געטאן אויף דער ברענענדיגער ערד און האט אנגענומען א מויל מיט זאמד. קענעדי האט שוין מעהר קיין כח ניט געהאט זיך איינצוהאלטען און איז צוגעקראכען אויף די קניעס צו דעם ביסעל וואסער, וואס עס איז נאך געווען אין שיפעלע און האט אנגעהויבען צו שרייען אויף א שרעקליך קול:

— א טרונק! א טרונק!

דזשאע האט פאר גרויס רחמנות איהם צוגעטראגען דאס פלעשעלע צום מויל און קענעדי האט אויסגעטרונקען דאס קאפ וואסער ביז צום לעצטען טראפען, און באלד טאקי זיינען ביידע ווידער אנידערגעפאלען אויף דעם זאמד.

ווי אַזוי זיי האָבען די נאַכט צוגעבראַכט, ווייסט מען ניט, נאָר דיענסטאָג אין דער פריה האָבען די אומגליקליכע רייזענדע געפיהלט, ווי דער מאַרך פון די ביינער טריקענט ביי זיי אויס פון דער ברענענדיגער זון. דזשאָע האָט זיך ניט געקענט ריהרען פון דעם אָרט און זיין פלאַץ איז איהם שוין מעהר ניט געגאַנגען אין קאָפּ אַריין, ער האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזעהן, ווי דער דאָקטאָר זיצט אין שיפעלע גאָר אָהן כחות און קוקט אין דער ווייטענס מיט אַ פּאָר אויסגעגלאָצטע אויגען. קענעדי איז געוועזען אַ שרעק אָנצוקוקען, ער האָט געשאָקעלט דעם קאָפּ אַהין און אַהער ווי אַ ווילדע חיה, וואָס איז פארשפּאַרט אין אַ שטייג. מיט אַ מאָל האָט ער זיך ווי אַ משוגענער געהאַפּט צו זיין ביקס און זי אַריינגעשטעלט מיט דער לאָך אין מויל אַריין. דזשאָע איז צוגעלאָפען און האָט איהם אָנגענומען ביי דער האנד.

— לאָז מיך אָב, האָט קענעדי אַ געשריי געטאָן. ווען ניט, וועל איך דיך דערשיסען ווי אַ הונד.

דזשאָע אָבער האָט זיך אין איהם שטאַרק אָנגעטשעפּעט און ביידע האָבען זיך געראַנגעלט מיט אַלע כחות. דער דאָקטאָר האָט די גאַנצע מעשה ניט געזעהן, נאָר פּלוצלינג האָט די ביקס אויסגעשאָסען. ווי באַלד דער דאָקטאָר האָט דערהערט דעם שאָס, איז ער אַרונטערגעשפּרונגען און זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטען, ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנד און אָנגעהויבען שרייען ניט מיט זיין קול:

— קוקט נאָר אַהין, אָן דאָרטען, דאָרטען.

קענעדי און דזשאָע האָט זיך די רגע אויפגעהערט צו שלאָגען און אויסגעשטעלט די אויגען, וואוהין דער דאָקטאָר האָט געוויזען מיט דער האנד. זיי האָבען דערזעהן, ווי דער זאַמד פון דער מדבר הייבט זיך אויף פון דער ווייטענס, ווי גרויסע חוואַליעס אויף דעם ים בשעת עס איז אויף איהם אַ שטורמווינד. פאַר די חוואַליעס איז געגאַנגען זעהר געשווינד אַ גרויסע זייל פון שטויב. די זון האָט זיך פערבאָרגען אונטער אַ שוואַרצען וואָלקען און עס האָט אויסגעוויזען, אַט קומען די חוואַליעס און שלינגען זיי איין אינאיינעם מיט דעם לופטבאַלאָן.

— אַריין גיך אין שיפעל, האָט דער דאָקטאָר אַ געשריי געטאָן, דער סאַמום געהט, און באַלד טאַקי האָט ער זיך גענומען אַרויסוואַרפען דעם זאַמד פון דעם שיפעלע. זיינע פריינד האָבען איהם אויך געהאָלפען, דזשאָע האָט נאָך געמוזט אַראָבוואַרפען אַ פופציג פונט גאָלד און דער לופטבאַלאָן האָט זיך אויפגעהויבען.

דער סאַמום איז טאַקי אָנגעקומען אַזוי גיך ווי אַ פייל אויס דעם בויגען, און נאָך אין איין מינוט שפּעטער וואָלט ער צעריסען דעם לופטבאַלאָן אין שטיקער.

— שטעה ניט דזשאָע! — האָט דער דאָקטאָר אַ געשריי געטאָן, — און וואָרף אַראָב נאָך משא.

ער האָט געפאָלגט און באַלד אַראָבגעשליידערט נאָך אַ שטיק גאָלד, דער לופטבאַלאָן איז אין איין מינוט אַרויף העכער פון דעם שטורמווינד, און איז געפלויגען זעהר געשווינד. די רייזענדע האָבען געשוויגען און האָבען געהאָפט, אַז זיי וועלען בקרוב געהאָלפען ווערען. די לופט אין דער הויך האָט זיי אַביסעל דערפרישט. זייגער דריי האָט זיך דער ווינד געלעגט און איבערגעלאָזט נאָך זיך אין דער מדבר גרויסע בערג פון זאמד. דער הימעל איז ווידער געוואָרען ריין און לויטער. און „וויקטאָריע" איז געפלויגען פאַמעליך איבער אַ גרין שטיקעל אָרט בעוואַקסען מיט בוימער, וואָס אַזעלכע ערטער אין דער מדבר זענען אַקוראַט ווי קעמפּס אויף דעם ים, און מען רופט זיי אָאַזיס.

— אָט דאָ געפינט זיך וואַסער, האָט דער דאָקטאָר אַ געשריי געטאָן. און האָט אַרויסגעלאָזט אַביסעל גאַז. איז דער לופטבאַלאָן אַראָב גלייך אויף דער ערד אַ הונדערט איילען ווייט פון דעם אָאַזיס.

אין פיער שעה האָבען די רייזענדע געמאַכט צוויי הונדערט און פערציג מייל. דאָס שיפעלע האָט זיך ווידער אָנגעפילט מיט זאמד, קענעדי און דזשאָע האָבען גענומען געלאָדענע ביקסען און אַריינגעגאַנגען אין דעם גרי־נעם אָאַזיס: וואָס דאָרטען האָבען זיי געהאָפט צו געפינען אַ קוואַל מיט וואַסער. געהענדיג האָבען זיי דערהערט אַ שרעקליכען ברום ווי פון אַ לייב. קענעדי האָט זיך דערווים גאָר נישט געמאַכט און איז וויטער געגאַנגען מיט דער ביקס אין דער האַנד, זיינע אויגען האָבען געפלאַקערט ווי פייער און ער איז געוועזען שרעקליך. אונטער אַ טייטעלבוים איז געשטאַנען אַ גרויסער לייב מיט אַ שוואַרצער גריווע. קוים האָט ער דערזעהן דעם יעגער מיט דעם ביקס, האָט ער געגעבען אַ שפּרונג אין דער לופט, נאָר אין דער מינוט איז איהם אַריין אַ קויל אין האַרצען: און ער איז אַנידערגעפאַלען טויט.

— אוררא, האָט דזשאָע אַ געשריי געטאָן. קענעדי האָט זיך אַראָבגע־לאָזט דורך טרעפּלעך אין ברונען אַריין און איז צוגעפאַלען מיט זיינע פּער־דאַרטע ליפּען צו דעם פרישען קלאָרען וואַסער. דזשאָע איז איהם נאָכגע־גאַנגען. זייט אַביסעל פאַרזיכטיג, האָט ער געזאָגט צו קענעדין, מען טאָר נאָך אַזאַ דאָרשט קיין סך ניט טרינקען.

נאָר קענעדי האָט איהם אָבער ניט געהערט, ער האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ מיט די הענד אין וואַסער און האָט זיך גאָר מחיה געוועזען.

— און דעם דאָקטאָר, אַ פּנים, האָט איהר גאָר פאַרגעסען? — האָט דזשאָע געפרעגט.

ווי באַלד ער האָט נאָר די ווערטער אַרויסגערעדט, האָט זיך קענעדי

אַ חאַפּ געטאָן, אָנגעפּילט די בוטעלקע מיט וואַסער און זיך געלאָזט אַרויס־געהן פון דעם ברונען, נאָר דער ברונען איז אויבען געוועזען פאַרשטעלט און קענעדי האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס זאָל עס באַטייטען. באַלד אָבער האָ־בען זיי דערהערט איבער זיך אַ שטאַרקען ברום.

— דאָס איז אודאי דעם לייבס ווייב — האָט קענעדי געזאָגט און תיכף אויסגעשאָסען. איבער דעם ברונען איז באַלד ליכטיג געוואָרען.

— חאַפּט זיך נאָר ניט, האר קענעדי, — האָט זיך דזשאָע אָנגערופען, — מיר קענען נאָך פון דעם ברונען ניט אַרויסגעהן, די אַלמנה איז ניט אוועק־געלאָפען. זי געהער וואַרטען אויף אונז, נאָר איך וועל איהר אָבטאָן אַ שפּיצעל

דזשאָע האָט אויפגעהאַנגען זיין מלבוש אויף דער ביקס און אַרויסגע־שטעלט פון דעם ברונען. דער צערייצטער לייב האָט זיך באַלד דערויף אַ וואָרף געטאָן מיט כעס, נאָר קענעדי האָט איהם מיט אַ קויל דורכגעלעכערט די פּלייצע. דער לייב האָט זיך מיט אַ גרויס געשריי אַראָבגעקאַטשעט פון די טרעפּ און אומגעוואָרפען דזשאָען, אין דער מינוט האָט מען דערהערט נאָך אַ שאָס און דער דאָקטאָר פערגיסאָן האָט זיך בעוויזען נעבען ברונען מיט אַ ביקס אין דער האַנד.

דזשאָע האָט זיך גיך אַרויסגעחאַפּט פון אונטער דעם לייב און דערלאַנגט זיין בעל־הבית אַ בוטעלקע מיט וואַסער. דער דאָקטאָר האָט זי גיך אויסגע־טרונקען און אַלע האָבען געדאַנקט גאָט, וואָס ער האָט זיי מציל געווען פון דעם טויט.

די נאַכט האָבען אונזערע רייזענדע צוגעבראַכט אונטער מימאָזען־ביימער, האָבען געגעסען, געטרונקען, פאַרגעסען אין אַלע צרות און זיי זענען געוועזען זעהר פרעהליך. קענעדי איז אויסגעגאַנגען דעם גאַנצען אָאַזיס אין דער לענג און אין דער ברייט, און האָט געזעהן, אַז חוץ זיי איז דאָרטען ניטאָ קיין לעבעדיגע נשמה. זיי האָבען זיך געלעגט אויף די קאָלדרעס און האָבען גאַנץ רוהיג געשלאָפען.

די פאָגאָדע האָט זיך אויף דעם אַנדערען טאָג גאָר נישט פאַרענדערט, די זון האָט געבראָטען, געשמאָליעט, און ביי דעם דאָקטאָר איז געבליבען, אַזוי, ווי זיי האָבען נאָך גענוג עסענוואַרג, זאָלען זיי בעסער וואַרטען אין קיהלען וועלדעל, ביז עס וועט זיך אויפחאַפּען אַ ווינד. דזשאָע האָט באַלד צורעכט געמאַכט זיין קיך און אָנגעגרייט אַלערליי מאכלים, קיין וואַסער דערביי האָט ער גאָר ניט געזשאַלעוועט.

— זעהט נאָר, וואָס דער מענש איז, משטיינס־געזאָגט, — האָט זיך קענעדי אָנגערופען, — נעכטען ערשט בין איך אַראָב פון דעם זינען פאַר אַביסעל וואַסער און שיער ניט געשטאָרבען, איצט, דאַנקען גאָט, געהט אונז

גאָר נישט אָב; עס זאָל נאָך זיין אין וועלדעל עפּיס וואָס צו שיסען, וואָלט מיר שוין קיינער ניט גלייך געוועזען.

— די צוויי לייבען, אפנים, זענען דיר קארג, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, איך פון מיין זייט בין זעהר צופרידען, וואָס מיר האָבען דאָ ניט אזעלכע שכנים ווי דו ווילסט.

— מיר דאכט זיך, האָט קענעדי געזאָגט, אז די פּאָר לייבען ווייזען, אז ניט ווייט פון דאנען דארף זיך געפינען א אָרט בעוואקסען מיט גראָז און מיט ביימער.

— דאָס איז נאָך גאָר קיין סימן ניט, האָט דער דאָקטאָר געענטפערט, די לייבען, אז זיי ווערען דאָרשטיג, קענען אָבלויפען הונדערטער מיילען אין דער מדבר, ביז זיי בעקומען א ביסעל וואסער. ביי נאכט דארף מען זיך דאָ היטען און עס וועט גאָר ניט שאדען, מען זאָל דאָ צולעגען א פייער, פון זיי־כערונג וועגען, חאָטשע עס איז געווען היים. נאָר מיר מוזען זיך אָבער אָב־היטען ניט אונטערצוציינדען דאָס טייערע וועלדעל, וואָס קען נאָך א מאָל אנדערע צוניץ קומען ווי היינט אונז. צו דער אָאזיס ציהען זיך די קאראַ־וואנען, וואָס געהען קיין טיעף אפריקא, און ווען עס זאָל איצט גראָד אָנקו־מען אזא קאראוואן, וואָלט איהר, דאכט זיך, גאָר ניט צופרידען געוועזען מחמת אין דעם קאנט געפינען זיך אויך די מענשענפרעסער ניאם־ניאם.

די צווייטע נאכט איז אויך אריבערגעגאנגען בשלום, און אין דער פריה האָט זיך אַלץ קיין ווינטעל ניט געוויזען. דער דאָקטאָר האָט א קוק געגעבען אויף דעם באַראָמעטער און איז פרעהליך געוואָרען, אז ער האָט דערזעהן, ווי דער קוועקזילבער שטעהט נידריגער און טאקי באלד האָבען זיך געוויזען סימנים פון אַן־ענדערונג אין דער לופט.

דער דאָקטאָר האָט באלד אַלצדינג צוגעגרייט און אָנגעפילט די קעסטע־לעך מיט וואסער. דזשאָע האָט, נעבעך, געמוזט אראָבוואַרפען נאָך עטליכע גרודעס גאָלד. ער האָט זיך דערביי אפילו געקווייקעלט, נאָר עס האָט אָבער נישט געהאָלפען. דער דאָקטאָר האָט אָבער אומזיסט געוואַרט דעם גאנצען טאָג, קיין וואָלקען האָבען זיך ניט געוויזען און די היץ איז געוואָרען שטארק ביז זעכציג גראד, און ווען די רייזענדע זאָלען ניט געווען זיצען אונטער די געדיכטע בוימער, וואָלטען זיי פּשוט פון דער היץ פארברענט געוואָרען.

ביי נאכט אז דזשאָע איז געשטאנען אויף דער וואך, האָט זיך פּלוצים דער הימעל בעדעקט מיט שווארצע וואָלקען, אז עס איז אזש פינסטער גע־וואָרען.

— שטעהט אויף, האָט ער א געשריי געגעבען, א ווינד האָט זיך אויפ־געחאפּט.

— ניין, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט קוקענדיג אויף דעם הימעל, עס איז גראָד אַ בורע, קומט גיך צום לופטבאלאָן.

דער לופטבאלאָן האָט זיך שוין געשלעפּט איבער דער ערד מיט דעם שיפעלע, און ווען די רייזענדע זאָלען נאָך געוועזען איין מינוט פארשפּע־טיגען, וואָלט דער לופטבאלאָן אוועקגעפלויגען און זיי איבערגעלאָזט אין דער מדבר. אַלע זענען באַלד אריין אין שיפעלע, דער דאָקטאָר האָט אָנגע־צונדען דאָס גאַז־רעהריל, ארויסגעוואָרפען אביסעל משא און דער לופט־באלאָן איז תיכף ארויף אין דער הויך.

יט

די רייזענדע זענען זעהר געשווינד געפלויגען, און געוועזען מלא שמחה, וואָס זיי פאַרלאָזען די מדבר, וואָס זיי זענען דאָרט שיער ניט אומגעקומען. אַרום זייגער ניין אין דער פריה האָבען זיך שוין אָנגעהויבען צו ווייזען אויף דער ערד פערוואַקסענע ערטער.

— מיר זענען שוין ווידער אין אַ בעוואוינט לאַנד, האָט דער דאָקטאָר אַ געשריי געטאָן פאַר גרויס שמחה, אַקוראַט ווי קאָלאָמבוס בשעת ער האָט דערזעהן אַמעריקאַ.

פליהענדיג ווייטער האָבען אונזערע רייזענדע באַלד דערזעהן אַ קליינע אָזערע אַרומגערינגעלט מיט בערגלעך. אין דער לופט האָט זיך געהערט אַ זיסער ריח פון אַלערליי שמעקענדיגע קרייטעכצער, פון באָאָבאַען, באַנאַנען און ניסענבוימער, וואָס זענען געוואַקסען אין די גרינע טאָלען צווישען די בערגלעך און זיך אָבגעשפיגעלט אין דער אָזערע.

ווילדע אָקסען האָבען זיך געקאַטשעט אין דעם הויכען גראָז, וואָס עס האָט זיי אינגאַנצען בעדעקט, שרעקליך גרויסע עלפאַנטען פון אַלערליי קאָלי־רען זענען אַרומגעלאָפען אין וואַלד און געבראָכען ביימער ווי אַ שטורמווינד.

פון די גרינע בערג האָבען זיך אַראָבגעגאָסען מיט אַ רעש גאַנצע טיי־כען, בעהאָמאָסען האָבען געשטיפט אין וואַסער און גרויסע ים־בהמות פון זעקס איילען די לענג זענען געלעגען אויסגעצויגען אויף דעם גראָז.

אין דעם שענעם וואַלד האָבען זיך נאָך אַרויסגעזעהן צווישען די צווייגען פון די בוימער כל אַ מיני פייגעל, וואָס זייערע פעדערען האָבען גע־בלישטשעט ווי טייערע בריליאַנטען.

אַרום זייגער דריי איז דער לופטבאַלאָן געקומען צו דער גרעניץ פון ניגריציע. די אַראַבער פון דעם שבט שואס, וואָס זיצען דאָרטען, האָבען געפּאַסעט זייערע טשערעדעס.

באַלד זענען די רייזענדע געפלויגען איבער דעם גרויסען טייך בענוע, און דער דאָקטאָר האָט דערצעהלט, אַז אויף דעם טייך איז אַ מאָל גענאַנגען דאָס דאַמפשיף פלעיאַדע ביז דער שטאָדט יאָלאַ.

— פון דעם קענט איהר זעהן, האָט ער געזאָגט, אַז מיר געפינען זיך אין אַ בעקענט ווינקעל.

פאַרנאַכט האָט זיך „וויקטאָריע" אַנידערגעשטעלט פערציג מייל פאַר דער שטאָדט יאָלאַ, וואָס פון דאָרטען האָט מען אַרויסגעזעהן דעם הויכען באַרג מענדיף. דער דאָקטאָר האָט די גאַנצע נאַכט קיין אויג ניט צוגעטאָן, מחמת עס איז געוועזען זעהר אַ גרויסער ווינד און דער לופטבאַלאָן האָט זיך קוים געהאַלטען אויף דעם אַנקער.

אויף דעם אַנדערען טאָג זענען זיי ווייטער אַוועקגעפלויגען, דער גרויסער ווינד האָט זיי ניט געלאָזט זיך צושטעלען אין דער שטאָדט יאָלאַ און זיי אַוועקגעטראָגען אַקעגען דעם באַרג מענדיף, וואָס זיינע שפיצען גרייכען העכער פון די וואָלקען. באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזען דער באַרג באַזונדערס מיט זיינע אַכטצעהן דערפער, וואָס ליגען אויף זיינע זייטען, ווי קינדער אַרום זייער מאַמע, און זייגער דריי איז „וויקטאָריע" שוין געוועזען נעבען באַרג מענדיף, וואָס עס איז אונמעגליך געוועזען איהם אויסצומיידען.

— דער דאָקטאָר האָט דערהיצט דעם גאַז ביז הונדערט גראַד און זיך אויפגעהויבען ביז פיער טויזענד איילען אין דער הויך. די לופט איז דאָרטען אַזוי שטאַרק קאַלט געוועזען, אַז זיי האָבען זיך געמוזט איינוויקלען אין זייערע קאָלדרעס.

מענדיף איז געוועזען אַ מאָל אַ פייערשפייענדיגער באַרג, דאָס האָט מען אַרויסגעזעהן פון זיינע גרויסע טיפע לעכער, אויבען איז ער געוועזען בעדעקט מיט זעהר פיעל גואַנאָ (צואה פון פייגעל), וואָס מען וואָלט דערמיט געקענט אויסמיסטיגען אַלע פעלדער פון גאַנץ ענגלאַנד. זייגער פינף האָט זיך דער לופטבאַלאָן געשטעלט אויף אַ פעלד אין מיטען וואַלד. קענעדי האָט געשאָסען עטליכע ווילדע קאַטשקעס, מען האָט דערפון געמאַכט אַ גוטע וועטשערע און זיי האָבען רוהיג איבערגעשלאָפען די נאַכט.

אויף דעם אַנדערען טאָג, דעם עלפטען מאַי, האָבען זיך אונזערע רייזענדע געלאָזט ווייטער אין וועג אַריין. דער ווינד האָט זיי אַוועקגעטראָגען קיין צפון־זייט און אַרום זייגער ניין האָבען זיי דערזעהן די גרויסע שטאָדט מאָספעיאַ, וואָס זי געפינט זיך צווישען צוויי הויכע בערג.

בשעת זיי זענען געפלויגען איבער דער שטאָדט, איז אין איהר אַריינגעפאָהרען דער שייך אַרומגערינגעלט מיט רייטער. ער האָט געטראָגען אַ מלבוש פון ליכטיגע קאָלירען, פאַר איהם זענען געגאַנגען טרומייטערס און לייפערס, וואָס האָבען געמאַכט אַ וואַרע. דער דאָקטאָר האָט זיך אַראָבגעלאָזט, כדי צו בעטראַכטען דעם עולם פון דער נאָהענט, די אַלע לייט זענען זיך צולאָפען ווי באַלד זיי האָבען דערזעהן דעם לופטבאַלאָן, נאָר דער מושל איז געבליבען שטעהן, האָט אָנגעלאָדען זיין ביקס און געוואַרט ביז דער לופטבאַלאָן וועט צו איהם צוקומען.

— אַז דער דאָקטאָר איז געוועזען זעכציג איילען פון דער ערד, האָט ער

אָבגעגעבען דעם שייך א גוט מאָרגען אויף אַראַביש. ווי דער שייך האָט דערהערט א קול פון אויבען, האָט ער זיך אָנגעהויבען צו בוקען און ניט גע־וואָלט בשום אופן אויפהערען.

— עס איז גאַנץ פּשוט, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, אַז די היגע מענ־שען נעהמען אונז אָן פאַר מלאכים. איהר קענט אייך משער זיין, וואָס פאַר א ניסים ונפלאות זיי וועלען האָבען צו דערצעהלען פון אונז זייערע קינדס־קינדער. גלייכער וואָלט געוועזען, זיי זאָלען אונז אָננעהמען פּראָסט פאַר מענשען. דורך דעם וואָלטען מיר געקענט אויספאָרשען דאָס גאַנצע לאַנד, נאָר איהר ווייסט זיי אָבער ניט ארויסשלאָגען פון דעם קאָפּ, אַז מיר זענען ניט קיין מלאכים, וואָרום זיי וועלען בשום אופן ניט גלויבען, אַז דער לופט־באַלאָן איז א מאַשין. אין דעם לאַנד זענען שוין אומגעקומען א סך גע־לערענטע מענשען, וואָס האָבען דאָ געוואַנדערט. באַלד וועלען מיר צו־פליהען נאָהענט צו דעם קעניגרייך באַרגימי, דורך וועלכען דער בעריהמטער רייזענדער פאָגעל האָט געוואַנדערט אין יאָהר 1865 געהענדיג קיין וואַדאַי. דאָרטען איז ער פערפאַלען געוואָרען און מען האָט פון איהם נישט קיין שום ידיעה. פאָגעל, וואָס זיין שם געהט אין דער גאַנצער וועלט, איז אינגאַנצען אַלט געוועזען דריי און צוואַנציג יאָהר, אַז ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט קיין אַפריקאַ. אין זיין לעצטען בריעף שרייבט ער, אַז ער געהט קיין וואַדאַי, וואָס דאָרט איז נאָך קיין שום מענש פון אייראָפּע ניט געוועזען. פון דענסט־מאָל אָן איז פון איהם שוין ניטאָ קיין איינגעטונקטע פּען. א טייל מיינען, אַז ער זיצט געפאַנגען ביי דעם דאָרטיגען סולטאַן, און אַנדערע זאָגען, אַז מען האָט איהם גאָר געהרגעט דערפאַר, וואָס ער האָט געוואָלט ארויפגעהן אויף זייער הייליגען באַרג. נאָר מיר וועלען אָבער באַלד הערען, וואָס מיט איהם טהוט זיך, מחמת מען האָט פון לייפּציג ארויסגעשיקט דעם געלערנטען געגלין מיט א גאַנצער מחנה, זיי זאָלען איהם אויפזוכען.

די שטאָדט מאַספּעיאַ איז שוין לאַנג פערשוואונדען געוואָרען און דער לופטבאַלאָן איז געפלויגען איבער פעלדער מיט אינדיגאָ און מיט נאָך אַלער־ליי בשמים, וועלדער מיט שמעקענדיגע אַקאַציענבוימער זענען געלאָפען פאַר זייערע אויגען און באַלד האָבען זיי דערזעהן דעם גרויסען טייך סאַרי, וואָס ער פאַלט אריין אין די אָזערע טשאַד.

— איצט, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, קומען מיר אָן צו דעם קעניג־רייך לאָגום, אָדער אין דער הויפּטשטאָדט קערנאַק. דאָ זענען אויך אומגע־קומען געגוג פון אונזערע מענשען. מען קען זאָגען, אַז אַפריקאַ איז דער בית־עלמין פון אייראָפּע.

פליהענדיג איבער דעם טייך סאַרי, האָט דער ווינד אָנגעהויבען שטי־לער צו ווערען און אין א האַלבער שעה ארום האָט זיך דער לופטבאַלאָן אָני־

דערגעשטעלט פאַר דער שטאָדט קערנאַק אַ הונדערט איילען הויך פון דער ערד. צווישען בוימער זענען געשטאַנען אַ סך וועבערס און האָבען געוועבט לייוונט.

די גאַנצע שטאָדט איז גוט געבויט מיט שענע הייזער און ברייטע גאַסען. אויף דעם גרויסען מאַרק, וואָס מען פערקויפט שקלאַפען, זענען געשטאַנען אַ סך סוחרים. ווי באַלד מען האָט נאָר דערזעהן דעם לופטבאַלאָן, זענען זיך אַלע צולאָפען.

דער שייך פון לאַגוס איז אַרויסגעגאַנגען אַקעגען דעם לופטבאַלאָן מיט אַ גאַנצער קאַפעליע מיט אַ גרינעם פאָהן אין דער האַנד. פון דערווייטענס האָט מען געזעהן, ווי רייטערס לויפען פון אַלע זייטען און דאָס גאַנצע חיל גרייט זיך אָן צו אַ מלחמה. דער שייך האָט געגעבען אַ מאַך מיט דער האַנד און אַלע זיינע לייט זענען שטיל געבליבען. ער האָט לאַנג עפּיס גערעדט, נאָר דער דאָקטאָר האָט גאָרנישט פערשטאַנען. געשטויסען האָט ער זיך פון זיינע מינעס, אַז ער פערלאַנגט דער לופטבאַלאָן זאָל אוועקפליהען. נאָר אַז די גרויסע לייט האָבען געזעהן, אַז דער לופטבאַלאָן שטעהט אַלץ אויף איין אָרט, האָבען זיי אָנגעהויבען שרעקליך צו רעווען. איטליכער פון די פיינע־בריות האָט געהאַט אַ גרויסען בויך און געטראָגען אויף זיך עט־ליכע העמדער פון כל אַ מיני קאָלירען. צו דער כנופיא האָבען זיך נאָך צוגעלאָזט עטליכע טויזענד נעגערן און געמאַכט מיט די הענד.

דאָס חיל האָט זיך דערווייל אויסגעשטעלט צו דער מלחמה, געוואָפענט מיט בויגענס און מיט פיילען.

דער לופטבאַלאָן האָט זיך אויפגעהויבען אַזוי הויך, אַז די פיילען זאָ־לען צו איהם ניט גרייכען, דער שייך האָט אָבער אָנגעלאָדען זיין ביקס און געצילט פונקט אין לופטבאַלאָן. מיט איין שאָס האָט קענעדי פון אויבען צובראָכען דעם שייקס ביקס אויף שטיקלעך. אַלע זענען זיך צולאָפען פאַר פחד און די שטאָדט איז געבליבען לעדיג.

ביי נאַכט איז די לופט געוועזען אַלץ שטיל און אונזערע רייזענדע האָבען געמוזט בלייבען נעכטיגען איבער דער שטאָדט, וואָס מען האָט דאַר־טען ניט געזעהן ערגיץ קיין פייער און ניט געהערט קיין שאַרך. דעם דאָק־טאָר איז די מעשה גאָר נישט געפעלען, און ער האָט טאַקי רעכט געהאַט. וואָרום אַרום האַלבע נאַכט איז פּלוצים די שטאָדט געוואָרען איינגעטונקט אין פלאַם פייער, און הונדערטער פייערדיגע שנירעלעך זענען געפלויגען אין דער לופט אַהין און אַהער. די רייזענדע האָבען זיך שטאַרק דערשראָקען, אַז זיי האָבען דערזעהן, ווי די גאַנצע שרפה הויבט זיך אויף צו דעם שיפעלע און אונטען איז אַ גרויס געשריי און אַ געשיסעריי פון ביקסען. דער דאָק־טאָר האָט זיך אָנגעשטויסען, וואָס דאָס בעטייט.

די ווילדע האָבען אַרויסגעלאָזט אויף „וויקטאָריען" טויזענדער טויבען, מיט אָנגעצונדענע ליכטלעך צוגעבונדען צו די עקען. קענעדי האָט אָנגע־הויבען צו שיסען פון אַלע זיינע ביקסען אין דעם חיל אריין, נאָר וואָס האָט ער אָבער געקענט מאַכען אַקעגען אַזאַ מחנה. די טויבען זענען שוין געווע־זען נאָהענט פון דעם שיפעלע, דער דאָקטאָר האָט גיך אַראָבגעוואָרפען אַ שטיק גאָלד און דער לופטבאַלאָן האָט זיך אויפגעהויבען גאַנץ הויך און ארויס פון דער סכנה. צוויי שעה כסדר האָבען זיי נאָך געזעהן, ווי די טוי־בען דרעהען זיך אונטען אין דער לופט מיט דעם פייער, דערנאָך האָט אָנ־געהויבען טונקעלער צו ווערען ביז עס איז געוואָרען גאָר פינסטער.

— אַט אַזוי טהוען די ווילדע, אַז זיי ווילען פאַרברענען ביי דעם שונא אַ דאָרף, — האָט דער דאָקטאָר זיך אָנגערופען, — נאָר אונזער דאָרף איז אוועקגעפלויגען העכער פון זייער פייער, און מיר מעגען דאָ שלאָפען גאַנץ רוהיג.

כ

ארום זייגער דריי אין דער פריה האָט זיך אויפגעהאפּט א ווינטעל און דער לופטבאלאָן איז אוועקגעפלויגען.

— מיר פליהען זעהר גוט, האָט דער דאָקטער געזאָגט א קוק געבענדיג אויף דעם קאָמפּאַס, מיר וועלען נאָך היינט זעהן די גרויסע אָזערע טשאַד, וואָס איהר וועט זעהר הנאה האָבען איבער איהר צו פליהען. מיר האָבען זיך, אמת, אזוי אויך ניט וואָס צו בעקלאָגען. א חוץ דעם שטיקעל מדבר, וואָס מיר האָבען דאָרטען געליטען, איז אונז אויף דער רייזע אומעדום, דאַנקען גאָט, גוט געגאַנגען און „וויקטאָריע" האָט זיך תמיד אויסגעדרעהט פון אלע צרות. היינט איז דער צוועלפטער מאַי, דעם אכטצעהנטען אַפּריל זענען מיר אוועקגעפלויגען פון זאַנזיבאַר, האָט איהר שוין פינף און צוואַנציג טעג, אז מיר זענען אויף דער רייזע, און אין צעהן טעג האָף איך מיט גאָטס הילף צו ענדיגען די נסיעה. צו וועלכען אָרט מיר וועלען צום סוף צופליהען, ווייס איך ניט, נאָר מסתמא וועט אונז גאָט אויספיהרען ווי ביז אהער, דאָס מוז איך אייך זאָגען, מיינע ליבע פריינד, אז מיר זענען גליקליכער ווי אנדערע רייזענדע, ווי, א שטייגער, בארט, ריטשארדסאָן און פאָגעל, וואָס זענען צושיידט געוואָרען אין מיטען וועג. מיר, דאנקען גאָט, זענען נאָך אלע אינאיינעם, און איך בעט דיך, ליבער קענעדי, אז ווייטער זאָלסט דו ניט אוועקגעהן אויף געיעג, וואָרום עס קען אויסקומען, דער לופטבאלאָן זאָל דאַרפען אוועקפליהען פונקט ווען דו וועסט זיין אין וואַלד.

קענעדי האָט אראָבגעוויזען דעם דאָקטאָר אויף גאַנצע סטאַדעס פון זשיראַפען און גאַזעלען, וואָס זיי האָבען אויסגעזעהן פון דער הויך ווי קעצלעך, און אויף שטרויסען, וואָס האָבען אויסגעוויזען ווי היהנער, און האָט איהם געבעטען, ער זאָל זיך אראָבלאָזען נידריגער, בכדי ער זאָל קענען שיסען.

— איך וועל דיר דאָס צוליעב טאָן, האָט דער דאָקטאָר געענטפערט, נאָר איך פרעג דיך, צו וואָס זאָלסטו שיסען אזעלכע אומשולדיגע חיות? זעהסט דו, א לייב אָדער א לעמפּערט — דאָס איז עפּיס אנדערש. זיי זענען מזיקים.

„וויקטאָריע" האָט זיך אַראָבגעלאָזט נידריגער און איז געפלויגען אי־בער דעם טייך סאַרי, זיינע ברעגען זענען געווען בעדעקט מיט ביימער און גראָז און צווישען זיי האָבען זיך געשפּילט קראָקאָדילען און אריינגעשפּרונ־גען אין וואַסער גאַנץ געשווינד ווי יאַשטשערקעס.

זייגער ניין אין דער פריה זענען די רייזענדע אָנגעקומען צו דער אָזערע טשאַד, וואָס זי איז אזוי גרויס ווי אַ ים און וואָס אַ לאַנגע צייט האָט מען נישט געגלויבט, אויב זי איז דאָ אויף דער וועלט. די אָזערע איז אַרומ־גערינגעלט מיט גרויסע זומפּען, אין וועלכע באַרט איז שיער ניט דערטרונ־קען געוואָרען. גאַנצע שטעדט, וואָס שטעהען אויף זיינע ברעגען, ווערען אָפט פערזונקען. אזוי איז אין יאָהר 1856 פערשוואונדען געוואָרען די שטאָדט נהאַרנא, וואָס אויף איהר שווימען איצט אַרום בעהאַמאָטען און די גרויסע קראָקאָדילען. דאָס וואַסער פון דער אָזערע קען מען ניט טרינקען. עס האָט אַ טעם ווי סאָדע.

בשעת דער דאָקטאָר האָט זיך בעשעפטיגט אַראָבצונעהמען אויף דער לאַנדקאַרטע די אָזערע, האָט זיך קענעדי ניט געקענט איינהאַלטען און אויס־געשאָסען אויף אַ גרויסען בעהאַמאָט, וואָס ער איז אַרויסגעשוואומען אויף דעם וואַסער. די שפּיצעבדיגע קויל אָבער האָט איהם גאָר ניט געריהרט.

— אומזיסט, כ׳לעבען, דיין שיסען, האָט זיך דער דאָקטאָר אָנגערופען, די קויל האָט איהם אפילו קיין דראָפּ ניט געטאָן: איהם קען נאָר די קויל נעהמען, אַז זי טרעפט אין בויך אריין. נאָר האָב נישט קיין עגמת נפש, קענעדי, אַז עס וועט אונז געראָטען צו קומען קיין צפון־זייט פון דער אָזערע, וועסט דו דאָרט האָבען אַ גאַנצען זווערינעץ און שיסען וויפיעל דיין האַרץ גלוסט.

נאָהענט פון דער אָזערע טשאַד האָט זיך דער לופטבאַלאָן גענומען אביסעל קיין מערב־זייט.

די וואָלקען און דאָס וואַסער פון דער אָזערע האָבען אביסעל אָבגעג־קיהלט די לופט.

דער ווינד האָט פערטראָגען דעם לופטבאַלאָן צו דער שטאָדט קוקו, וואָס זי איז די רעזידענץ פון דעם לאַנד באָרנוא, אָדער ווי אַנדערע רופען עס בר־נח, דאָס הייסט דאָס לאַנד וואָס דאָרט האָט זיך בעזעצט חם, נח׳ס זוהן. די שטאָדט איז אַרומגערינגעלט מיט אַ מויער פון ווייס ליים. די שטאָדט איז צוטיילט אין צווייען, אין איין חלק וואוינען די רייכע און אין דעם אַנדערען די אָרימעלייט. אין מיטען מאַרק וואַקסען הויכע טיטעלבוי־מער, וואָס בשעת אַ גרויסער היץ זיצט מען אונטער זיי ווי אונטער אַ פּאַ־ראַסאָל.

די רייזענדע האָבען נאָך ניט צייט געהאַט צו בעטראַכטען די שטאָדט,

האָט זיי דער ווינד אַ טראָג געגעבען ווידער איבער דער אָזערע. די ווילדע מענשען פון די קעמפּעס האָבען געשאָסען אַקעגען דעם לופטבאַלאָן, נאָר ער איז בשלום געפלויגען זיין וועג.

— טהוט נאָר אַ קוק, האָר קענעדי, האָט זיך דזשאָע אָנגערופען. עפּיס העט דאָרטען גאַנץ הויך פליהען פויגעל, איהר מעגט אָנגרייטען אייער ביקס. דער דאָקטאָר, דאכט זיך, וועט אייך ערלויבען זיי צו שיסען.

— ערלויבען וועל איך אודאי, האָט זיך דער דאָקטאָר אָנגערופען, אַ קוק געבענדיג אויף זיין שפּאַקטיוו, נאָר איך וואָלט בעסער געוואונשען, אַז זיי זאָלען זיין פון אונז אביסעל ווייטער, וואָרום דאָ פליהען פערצעהן אָד־לערס פון דער גרעסטער גאַטונג, און אויב זיי וועלען אויף אונז אָנפאַלען, איז גאָר ניט גוט.

— עס, פאָר וואָס דאָ איז מורא צו האָבען, האָט קענעדי אַ לאַך געטאָן, פון פערצעהן שטיקלעך עופות וועגען איז נאָך דאָ ביי מיר גענוג קוילען.

אין צעהן מינוט אַרום זענען די אָדלערס שוין ניט ווייט געוועזען פון דעם לופטבאַלאָן און האָבען זעהר הויך געשריגען. זיי זענען געפלויגען ווי די רוחות און זיך אַלץ צוגעלאָזט נעהענטער. דער דאָקטאָר האָט זיך גע־פּרואווט אויפהויבען העכער, זיי זענען איהם אָבער נאָכגעפלויגען. קענעדי האָט שוין געוואָלט אויף זיי שיסען, נאָר דער דאָקטאָר האָט איהם אָבגע־האַלטען.

— וואָס וועט דיר אַרויסקומען, — האָט דער דאָקטאָר צו איהם גע־זאָגט, — אַז דו וועסט צוויי, דריי הרגענען, די איבריגע קענען אַרויף אויפ׳ן לופטבאַלאָן און דו וועסט זיי אפילו גאָר ניט זעהן. מיר זענען איצט פּונקט אין אַזאַ סכנה, ווי איינער אויף דער ערד, צווישען אַ גאַנצע טשאַטע לייב־בען און לעמפּערטען. איך בעט דיך, זאָלסט ניט שיסען, ביז איך וועל דיר הייסען.

די אָדלערס זענען שוין געוועזען גאַנץ נאָהענט, זיי זענען געפלויגען מיט אויסגעשטרעקטע העלזער, די אויגען האָבען ביי זיי געברענט ווי פייער און זיי האָבען געשריגען אויף אַ אומגעלומפּערט קול. איינער פון זיי איז גלייך צוגעפלויגען צו דעם לופטבאַלאָן מיט אַ אָפענעם פּיסק און מיט צו־לאָזטע נעגעל. עס האָט אויסגעוויזען, אַז ער איז מלא רציחה, פאַר וואָס מענשען פליהען אין דער לופט, וואָס דאָרטען איז זיין קעניגרייך.

— שיס אויס, האָט דער דאָקטאָר אַ געשריי געטאָן, און דער דערשאָ־סענער אָדלער איז באַלד אראָבגעפאַלען, דרעהענדיג זיך אין דער לופט.

די איבריגע אָדלער האָבען זיך דערשראָקען און אוועקגעפלויגען. נאָר באַלד זענען זיי צוריקגעקומען נאָך מיט מעהר כעס.

קענעדי האָט איינעם אָבגעשאָסען דעם קאָפּ און דזשאָע האָט נאָך

איינעם געטראָפּען אין אַ פליגעל, די איבעריגע אָדלערס האָבען זיך אַלע מיט אַ מאָל אויפגעהויבען העכער פון דעם לופטבאַלאָן, גלייך ווי זיי וואָל־טען זיך דערצו אָנגערעדט.

דער דאָקטאָר איז פאַר שרעק געוואָרען ווייס ווי קאַלך און טאַקי באַלד האָט מען געהערט, ווי דער לופטבאַלאָן צורייסט זיך און ווי דאָס שיפעלע גליטשט זיך ארויס פון אונטער די פיס.

— מיר זענען אויסגעשטעלט, האָט דער דאָקטאָר אַ געשריי געטאָן, ווארפט גיכער אראָב די משא!

און אין איין רגע זענען אַלע שטיקער גאָלד אראָב אויף דער ערד.

— מיר פאַלען נאָך, האָט ער ווייטער געשריגען, גיסט גיך אויס דאָס וואסער, מיר פאַלען גלייך אין אָזערע אריין.

דזשאָע האָט דאָס אויך געטאָן, נאָר דאָס שיפעל איז אַלץ געפאַלען נידריגער און עס איז שוין מעהר ניט געוועזען הונדערט איילען ווייט פון דעם וואסער.

און דאָס איז אויך באַלד געשעהן. דאָס שיפעלע איז שוין אפילו ניט אזוי גיך געפאַלען, אָבער פונדעסטוועגען האָט עס זיך נאָך פאַרט געלאָזט אין וואסער אריין.

— ווארפט ווייטער! האָט דער דאָקטאָר געשריגען.

— עס איז שוין מעהר ניטאָ וואס צו ווארפען, האָט קענעדי געזאָגט.

— עס איז נאָך דאָ, האָט דזשאָע געענטפערט און האָט זיך באַלד אראָבגעוואָרפען פון דעם שיפעלע.

— דזשאָע! דזשאָע! האָט דער דאָקטאָר אָנגעהויבען צו שרייען.

נאָר דזשאָע האָט שוין ניט געקענט הערען מחמת „וויקטאָריע" ווי זי איז נאָר גרינגער געוואָרען, האָט זיך אויפגעהויבען פינף הונדערט איילען אין דער הויך און דער ווינד האָט זיי אוועקגעטראָגען צו די ברעגען פון דער אָזערע קיין צפון־זייט.

— ער איז, נעבעך, אומגעקומען, האָט קענעדי געזאָגט.

— יאָ, האָט דער דאָקטאָר געענטפערט, ער האָט זיך מפקיר געווע־זען, כדי אונז צוראַטעווען.

אוןביידע האָבען אָנגעהויבען שטאַרק צו וויינען, זיי האָבען זיך אראָב־

געבויגען צו געפינען האָטשע אַ שפור פון דעם אומגליקליכען דזשאָען, נאָר זיי זענען שוין געוועזען צו ווייט.

— מיר מוזען זעהן זיך אַראָבלאָזען, ווען עס וועט נאָר מעגליך זיין, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, און אויסוואַרטען.

נאָך זעכציג מייל פליהען האָט זיך „וויקטאָריע“ אַראָבגעלאָזט אין צפון־זייט אויף אַ פוסטען ברעג.

דער אַנקער האָט זיך פאַרטשעפּעט אין אַ בוים און קענעדי האָט איהם שטאַרק צוגעבונדען.

עס איז געוואָרען נאַכט, נאָר דער דאָקטאָר און קענעדי האָבען קיין אויג ניט צוגעמאַכט.

כא.

דעם דרייצעהנטען מאי אין דער פריה האָבען אונזערע רייזענדע צום ערשטען בעטראַכט דאָס אָרט אויף וועלכען דער לופטבאַלאָן איז געשטאַנען פעראַנקערט. דאָס איז געוועזען אַ טרוקען שטיקעל ערד, ווי אַ קעמפּע אין מיטען אַ גרויסער בלאָטע, און אַרום איהם האָט זיך געצווייגט גאָר אָהן איין עק אַ גאַנצער וואַלד פון טשערעט, אַזוי הויך און גרויס ווי אונזערע ביימער. פון איין זייט קעמפּע האָט זיך די אָזערע צוגאָסען שרעקליך ברייט ווי אַ ים און „וויקטאָריע" איז געוועזען זיכער פון אַלע זייטען.

ביז איצט זענען די צוויי רייזענדע געוועזען אַזוי בעטריבט און דער־שלאָגען, אַז עס האָט זיך זיי ניט געעפּענט דאָס מויל צו רעדען איבער דעם אומגליקליכען דזשאָען. קענעדי האָט צום ערשטען געמאַכט אַ שמועס מיט דעם דאָקטאָר.

— עס קען געמאָלט זיין, האָט ער געזאָגט, אַז דזשאָע איז ניט אומ־געקומען. דו ווייסט דאָך, וואָס פאַר אַ פלינקער יונג ער איז, און צו זיין שווימען איז נאָך אויף דער וועלט זיין גלייכען ניטאָ. עפּיס זאָגט מיר דאָס הארץ, אַז מיר וועלען איהם נאָך זעהן, ווי און ווען וויים איך ניט. נאָר מיר דאַרפען אַלצדינג טאָן איהם אויפצוזוכען.

— הלואי פון דיין מויל אין גאָטס אויערען, האָט דער דאָקטאָר גע־ענטפערט פון גאַנצען הארצען, מיר וועלען אודאי קיין מיה ניט שפּאָרען און טאָן וואָס נאָר מעגליך איז. קודם כל אָבער לאָמיר אַראָבנעהמען די צורישענע שמאַטעס, וואָס עס איז געבליבען פון דעם אויסוועניגסטען גרויסען לופטבאַלאָן, און דורך דעם וועלען מיר בעפרייען „וויקטאָריען" פון זעקס הונדערט מיט פופציג פונט משא, וואָס באַמבעלט זיך גאָר אומ־זיסט אויף איהר אַרום.

פיער שעה כסדר האָבען די רייזענדע געהאָרעוועט ביז זיי זענען פאַר־טיג געוואָרען מיט זייער אַרבייט. דער אינוועניגסטער לופטבאַלאָן איז געבליבען גאַנץ אויף אַ האָר נישט געריהרט.

— אונזער „וויקטאָריע" איז איצט קלענער געוואָרען מיט אַ פינפט־חלק, האָט זיך דער דאָקטאָר אָנגערופען, פונדעסטוועגען וועל איך אויס־

רעכענען, אז זי זאָל אונז קענען טראָגן אינאיינעם מיט דזשאָען, ווען מיר וועלען איהם געפינען.

— ווי מיר דאכט זיך, האָט קענעדי געזאָגט, זענען מיר געוועזען בשעת פאלע ניט ווייט פון א קעמפּע.

— עס איז טאַקי אמת האָט דער דאָקטאָר געענטפערט, נאָר די אלע קעמפּעס אויף דער אַזיערע טשאַד זענען בעזעצט מיט מענשענפרעסער און אויב דזשאָע איז אריינגעפאלען צו זיי אין די הענד, ווייסט נאָר איין גאָט וואָס מיט איהם קען זיין.

— גלויב מיר, האָט זיך קענעדי אָנגערופען, אזא מענש ווי אונזער דזשאָע, וועט אויף דעם פייער אפילו אויך ניט פארברענט ווערען, ער וועט זיך פון די ווילדע אויך קענען אויסדרעהען.

— מהיכא־תיתי, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, הלואי דו זאָלסט אמת זאָגען. איצט, זעהסט דו, קענסט־דו געהן אויף געיעג, מיר דארפען זיך טאַקי פערזאָרגען מיט עסען. נאָר איך בעט דיך פערשלאָג זיך ניט גאַנץ ווייט.

בשעת קענעדי איז געוועזען אויף דער יאַכט, האָט דער דאָקטאָר דער־ווייל אויסגערעכענט, וויפיעל משא דער קליינער לופטבאלאָן קען אויפ־הייבען. פארנאכט איז קענעדי צוריקגעקומען מיט א סך געשאָסענע ווילדע גענז און קאַטשקעס, וואָס ער האָט זיי אליין אָבגעבראָטען און איינגעפּאַקט אין דעם שיפעלע.

ביי נאכט האָט איטליכער אויף זיין וואך גוט געקוקט אין אלע זייטען. עס האָט זיך זיי אלע מאָל געדאכט, אז זיי הערען דזשאָעס קול. נאָר עס איז אָבער געוועזען א טעות, מען האָט ניט געהערט און ניט געזעהן. אין דער פריה האָט דער דאָקטאָר אויפגעוועקט קענעדי'ן און איהם גע־זאָגט, אז ער האָט בדעה צוריקצופליהען אויף דער אַזערע. אזוי ווי דער ווינד בלאָזט בלויז אהין, און דאַרטען זיך האלטען אין דער הויך דעם גאַנ־צען טאָג, בכדי דזשאָע זאָל זעהן, אז מען זוכט איהם, וועט ער געוויס גע־בען פון זיך א ידיעה.

— און לאָמיר אפילו אָננעהמען, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, אז דזשאָע איז געפאנגען, וועט ער אין דעם פאל אויך אונז קענען צו וויסען טאָן, אז מיר זאָלען איהם ראַטעווען, מחמת ביי די ווילדע געהען די גע־פאנגענע ארום פריי, אָהן שומרים. באַם אָבער, אז מיר וועלען איהם אויף די קעמפּעס ניט געפינען, וועלען מיר זיך לאָזען צוריק צו דעם איצטיגען אָרט, און גוט בעטראַכטען דעם גאַנצען ברעג און אין דער צייט וועט זיך אפשר דזשאָע צו אונז צו־שלאָגען.

דער דאָקטאָר האָט אָבגעמאָלט דאָס שטיקעל אָרט, אויף וועלכען ער

איז געשטאַנען און בערעכענט, אַז ער געפינט זיך אין צפון־זייט פון דער אָזיערע טשאַד, צווישען דער שטאָדט לאַרי און דעם דאָרף אינזעמיני. זיי־גער זיבען איז דער לופטבאַלאָן אוועקגעפלויגען גלייך אויף דער אָזערע נישט מעהר ווי הונדערט איילען די הויך. קענעדי האָט אָפט געשאָסען פון דעם ביקס, און זיך צוגעקוקט אומעדום אויף אַלע ערטער, וואָס אַ מענש קען זיך דאָרט בעהאַלטען. אַזוי איז פערגאַנגען צוויי שעה און דאָס זוכען איז געווען אומזיסט.

ביז זייגער עלף איז „וויקטאָריע" איינגעפלויגען אַכציג מייל. דער ווינד האָט זי דערנאָך אַ טראָג געגעבען קיין מזרח־זייט, און זי איז געפלויגען איבער דער גרויסער קעמפּע פאַראַם, וואָס זי איז בעזעצט מיט מענשען. דער דאָקטאָר האָט זיך געשטעלט דאָרטען וואַרטען, טאָמער וועט דזשאָע געבען פון זיך עפּיס אַ ידיעה. איז ער פריי, האָט ער ביי זיך געטראַכט, וועט ער איהם אַרויפנעהמען צו זיך גאָר אָהן צרות, און אויב ער איז געפאַנ־גען, וועט ער געברויכען דאָ די אייגענע קונץ, ווי בשעת ער האָט מציל גע־וועזען דעם פראַנצויז. נאָר אומזיסט זיין טראַכטען, פון דזשאָען האָט מען קיין שום שפור ניט געקענט חאַפּען. זיי זענען געוועזען אויסער זיך פאַר עגמת נפש.

דער דאָקטאָר האָט געהאַט גרויס האַרצוועהטאָג, וואָס דער ווינד בלאָזט אַלץ קיין מזרח־זייט און האָט מורא געהאַט, אַז זיי זאָלען ניט פערטראָגען ווערען ווידער אין דער מדבר אריין. אַ גאַנצע שעה האָט ער זיך געדרעהט אין דער לופט אַרויף און אַראָב ביז ער האָט צום סוף געפונען אַ ווינד, וואָס האָט איהם נאָך אַמאָל אוועקגעטראָגען צו דער אָזערע. דער דאָקטאָר האָט שוין אָנגעהויבען מסופק צו ווערען, צו געפינט זיך גאָר דזשאָע אויף איינער פון די קעמפּעס, וואָרום ווי וואָלט ער ביז אַהער שוין ניט געגעבען פון זיך אַ ידיעה, אפשר איז ער, חלילה, דערטרונקען געוואָרען, אָדער אפשר האָט איהם גאָר אַ קראָקאָדיל איינגעשלונגען, נאָר ער האָט זיך אָבער אין האַרצען געטרייסט, אַז די קראָקאָדילען געפינען זיך מיינסטענס נאָר נעבען ברעג, און ווידער זענען זיי דאָ ניט אַזוי מסוכן.

אַרום זייגער פינף פאַר נאַכט האָט דער דאָקטאָר דערזעהן די שטאָדט לאַרי. די איינוואוינער האָבען אַראָבגענומען פון די פעלדער זייער בוימ־וואָל. דער ווינד האָט זיי געטראָגען און געבראַכט צוריק אויף דעם אייגענעם אָרט, פון וואַנען זיי זענען אין דער פריה אוועקגעפלויגען, דער אַנקער איז פערשמירט געוואָרען אין בלאָטע צווישען טשערעט. דער ווינד איז שטיל געבליבען און די רייזענדע זענען די נאַכט ניט געשלאָפען.

כב.

זייגער דריי אין דער פריה איז דער ווינד אזוי שטארק געוואָרען, אז „וויקטאָריע" האָט זיך קוים געהאַלטען אויף דעם אנקער.

— מיר מוזען פון דאַנען באַלד אוועקפליהען, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, וואָרום ווען ניט, קען נאָך דער לופטבאַלאָן צעריסען ווערען. ווען אפילו דער שטורמווינד זאָל אונז פערטראָגען גאַנץ ווייט, וועל איך אהער צוריק קומען אויפצוזוכען דזשאָען. דאָס הארץ וויינט אין מיר, אז מיר מוזען אוועקפליהען אָהן איהם, נאָר וואָס העלפט דאָס, אז מען קען בעסער ניט מאַכען.

ביי דעם אוועקפליהען האָבען אונזערע רייזענדע ערשט געפיהלט, אז אָהן דזשאָען זענען זיי ווי אָהן א האַנד. זיי האָבען זיך ביידע, נעבעך, שטארק געמוטשעט ארויסצוציהען דעם אנקער, נאָר עס איז זיי ניט געגאַנגען, דער דאָקטאָר האָט פשוט איבערגעהאַקט דעם שטריק און געלאָזט דעם אנקער אין בלאָטע, וויקטאָריע האָט באַלד געגעבען א שפּרונג אויף הונדערט איילען פון דער ערד. עטליכע מינוט זענען זיי געזעסען ווי דער־שלאָגענע און ניט גערעדט קיין וואָרט. דערנאָך האָט זיך דער דאָקטאָר אָנגערופען צו קענעדי'ן:

— עס קען זיין, אז גאָט שטראָפט אונז דערפאַר, וואָס מיר האָבען זיך מפקיר געווען, ארויפצופליהען אויף די וואָלקען. אפשר טאָהרען עס מענשען גאָר ניט פּרוּוען. ערשט צוריק מיט עטליכע טעג זענען מיר קוים ארויס פון אזוי פיעל סכנות און איצט האָבען מיר פערלאָרען אונזער טייערען דזשאָען און דער ווינד טראָגט אונז נאָך אוועק ווייט פון איהם.

— איך פרעג דיר נאָר, סאַמועל, האָט קענעדי געזאָגט, פאַר וואָס זאָל אונזער דזשאָע, ווען ער לעבט נאָר, זיך אויך ניט קענען אויסדרעהען פון די ווילדע, אזוי ווי אנדערע רייזענדע, א שטייגער, ווי דענהאַם און באַרט.

— עס איז א גרויסער חילוק, מיין ליבער פריינד, האָט דער דאָקטאָר געענטפערט, יענע האָבען געקענט דאָס לשון פון די ווילדע מענשען און האָבען געהאַט ארום זיך סאָלדאַטען מיט געוועהר. א חוץ דעם האָבען זיי

געגעבען אומעדום די עלטסטע פון די ווילדע גרויסע מתנות און נאָך די אַלע זאַכען האָבען זיי פונעסטוועגען געהאַט גענוג צו זינגען און צו זאָגען, אונזער דזשאָע אָבער איז איין מוטערמענש, נאַקעט און בלויז און פאַרשטעהט ניט דאָס לשון פון די ווילדע פעלקער. גאָט ווייסט, וואָס פאַר א צרות ער וועט, נעבעך, דאָרטען אויסשטעהן, נאָר מיר וועלען זיך אָבער אומקעהרען אהער און איהם אויפזוכען, אפילו ווען מען וועט דאַרפען געהן אַליין צו דעם ווילדען סולטאַן פון באָרנוּאָ און איהם בעטען.

— איך וועל מיט דיר אומעדום געהן, האָט קענעדי געזאָגט, אז דזשאָע האָט איינגעשטעלט זיין לעבען פאַר אונז, מוזען מיר אויך דאָס אייגענע טאָן.

דער שמועס האָט די רייזענדע אביסעל שטאַרקער געמאַכט און דער דאָקטאָר האָט אָנגעהויבען צו זוכען אין דער לופט א ווינטעל, וואָס ער זאָל איהם טראָגען צו דער אָזערע טשאַד, נאָר אומזיסט, דער ווינד האָט פערטראָגען „וויקטאָריען" צוריק אין דער מדבר, וואָס דאָרט האָט זיך נאָך געזעהן א שפּור פון קאַראַוואַנעס. באַלד איז פאַר זיי פערשוואונדען געוואָרען דער בעריהמטער אָאזיס, וואָס האָט א סך בוימער און פופציג ברונענס. זיי זענען אריינגעפלויגען אין דער טיפער מדבר.

דער ווינד איז אַלע מאָל שטאַרקער געוואָרען און האָט אויפגעהויבען גאַנצע בערג זאַמד. א קאַראַוואַן, נעבעך, וואָס איז דאָרט געגאַנגען, האָט אָנגעהויבען פערשוואונדען צו ווערען אונטער די דאָזיגע בערג. די קעמלען זענען זיך צולאָפען און האָבען שרעקליך געברומט. א געשריי, א געוויין פון מענשען איז געגאַנגען ביז אין הימעל אריין, און אין מיטען דעם חורבן האָט דער ווינד געשטורעמט מיט א וויינענדיג קול. באַלד איז אויף דעם גלייכען סטעפּ געוואָרען א הויכער באַרג פון זאַמד, וואָס אונטער איהם איז בעגראָבען געוואָרען דער גאַנצער קאַראַוואַן.

דער דאָקטאָר און קענעדי, וואָס האָבען צוגעזעהן די אַלע זאַכען, זענען געוועזען טויט פאַר שרעק. דער לופטבאַלאָן האָט זיך אזוי שטאַרק געדרעהט אין דעם שטורמווינד, אז ס'איז איהם אונמעגליך געוועזען זיך אויפצוהייבען העכער, דאָס שיפעלע האָט זיך אזוי געשאָקעלט, אז די רייזענדע האָבען זיך געמוזט אָנהאַלטען אין די שטריק, זיי זאָלען ניט ארויספאַלען, מיט א מאָל איז וויקטאָריע געבליבען שטעהן און געגעבען א פליה אין איין אַנדער זייט. דער צפון-ווינד האָט בייגעקומען דעם דרום-ווינד און האָט אוועקגעטראָגען דעם לופטבאַלאָן צוריק פון וואַנען ער איז אוועקגעפלויגען.

— גאָט ווייסט, וואָס ער טהוט, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, דער ווינד טראָגט אונז צוריק אויף דעם אָרט, וואָס מיר האָבען שוין ניט גע-

האָפט עס צו זעהן. מיך אַרט ניט וואוהין ער וועט מיך פערטראָגען, קיין קוקוא אָדער קיין וואַדי, אַנידערשטעלען וועל איך מיר שוין.

— מיר דאַכט זיך, אַז דער ווינד ווערט שטילער, האָט קענעדי געזאָגט, דער הימעל הויבט זי אָן אויסצולייטערן.

— זעהר גוט, האָט דער דאָקטאָר געענטפערט, איצט דאַרף מען קוקען אויף דעם שפּאַקטיוו, אַז קיין שום זאַך זאָל מען פון די אויגען ניט אָבלאָזען.

קענעדי האָט גענומען דעם שפּאַקטיוו און האָט זיך געזעצט אַראָבקוקען פון דעם שיפעלע.

כג.

לאָמיר ־אָזען די רייזענדע פֿליהען און זיך נעהמען צו אונזער דזשאָען.

ווי ער איז אַריינגעפֿאַלען אין אָזערע, האָט ער צו אַלעם ערשטען געגעבען אַ קוק אַרויף, וואוהין איז היגעקומען דער לופֿטבאַלאָן, און אַז ער האָט איהם דערזעהן פֿליהען, איז איהם פּשוט אַראָב ווי אַ שטיין פֿון דעם הארצען.

— אַ גליק, כּ׳לעבען, האָט ער צו זיך אַליין געזאָגט. וואָס איך בין גע־פֿאַלען אויף דעם שכל אַראָבצושפּרינגען. ווען איך זאָל דאָס ניט געווען טאָן, וואָלטען מיר אַלע דריי אומגעקומען. נאָר איצט, אַז איך לעב, דאַרף מען טראַכטען אַרום זיך.

ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אַראָבקוקענדיג פֿון דעם שיפֿעלע בשעת ער איז געפֿלויגען, האָט ער געזעהן אַ קעמפּע. בכדי צו־צושווימען צו איהר האָט ער אַראָבגעוואָרפֿען פֿון זיך אַ טהייל פֿון זיינע קליידער. וואָס נעהנטער ער איז אָנגעקומען צו דער קעמפּע, האָט ער זיך אַלץ מעהר געשראָקען פֿאַר די ווילדע פֿעלקער, וואָס זיצען דאָרטען און פֿאַר די קראָקאָדילען, וואָס געפֿינען זיך אין וואַסער. ער האָט זיך אָנגעהויבען אַרומצוקוקען אין אַלע זייטען און איז געשוואומען זעהר פֿאַרזיכטיג. עטליכע הונדערט איילען פֿון דעם ברעג האָט ער דערפֿיהלט דעם ריח פֿון אַ קראָקאָדיל, ער איז גיך אַראָב אונטער דעם וואַסער און שווימענדיג אַזוי, האָט ער זיך צודראַפּעט די פֿליי־צע אין דעם קראָקאָדילס שאַרפֿע שופּען. ער האָט געמיינט, אַז ער איז שוין פֿערפֿאַלען, און האָט אָנגעהויבען צו שווימען מיט אַלע זיינע כּחות. עס האָט זיך איהם אַלץ אויסגעוויזען, אַז דער קראָקאָדיל לויפֿט איהם נאָך און וויל איהם איינשלינגען. מיט אַ מאָל האָט ער דערפֿיהלט, ווי מען האָט איהם אָנגעכאַפּט אין דער קווער און מען ציהט איהם ניט אַראָב צום אָב־גרונד, אַזוי ווי די קראָקאָדילען טהוען, נאָר אַרויס פֿון דעם וואַסער.

אַז ער האָט געעפֿענט די אויגען, האָט ער דערזעהן, אַז איהם האַלטען צוויי שוואַרצע נעגערען, זיי האָבען איהם אַוועקגעפֿיהרט צום ברעג און ער איז מיט זיי געגאַנגען גאָר אָהן פּחד. מסתמא האָבען זיי געזעהן, האָט ער ביי זיך געטראַכט, ווי איך בין אַראָבגעפֿאַלען פֿון דער הויך, ווע‎לען זיי

פאַר מיר אודאי דרך ארץ האָבען. טראַכטענדיג אַזוי, איז דזשאָע אַנגע־קומען צום ברעג, וואָס דאָרטען זענען איהם אַקעגען געקומען אַ גאַנצע מחנה פון מאַנסבילען, ווייבער און קינדער, אַלע שוואַרץ ווי קויל. דאָס זענען געוועזען די בידיאַמאַגען. ער האָט באַלד דערשמעקט, אַז דער עולם בוקט זיך צו איהם, און חאָטש די מעשה פון קאַזעג איז איהם געקומען אויף די געדאַנקען, פונדעסוועגען האָט ער זיך בערוהיגט.

— מיר דאַכט זיך, האָט ער ביי זיך געטראַכט, אַז איך וועל נאָך אַ מאָל ווערען אַיין אָבגאָט, מען נעהמט מיך דאָ, אַ פּנים, אויך אָן פאַר דער לבנה'ס זוהן. נאָר וואָס זאָל מען טאָן, אַז עס איז ניטאָ קיין אַנדער מלאָכה, מוז דאָס אויך גוט זיין. טאָמער וועט דערווייל אָנקומען „וויקטאָריע", וועל איך זיי ווייזען, ווי איך וועל אַרויף גלייך אין הימעל.

דער עולם האָט זיך לעת עתה געשטופּט אַרום דזשאָען, אָנגעהויבען איהם צו גלעטען און ווערען מיט איהם נעהנטער. מען האָט איהם געבראַכט אַ גרויסע שיסעל פול מיט זויערמילך, מיט רייז און מיט האָניג. דזשאָע האָט גאַנץ געשמאַק געגעסען און דער עולם האָט געגאַפט אויף איהם קוקענדיג. ווי די נאַכט איז נאָר צוגעפאַלען, האָבען איהם די מכשפים פון דער קעמפּע גענומען אונטער די הענד און איהם אַריינגעפיהרט אין אַ שטיבעל, וואָס עס איז געוועזען אַרום און אַרום בעהאַנגען מיט קמיעות.

דזשאָען האָט געגרוילט דאָס לייב, אַז ער האָט אַ קוק געגעבען אויף דעם הויפען ביינער פון מענשען, וואָס עס איז געלעגען פאַר דעם שטיבעלע, און ער האָט געגוג געטראַכט דעריבער, אַז ער איז דאָרטען געבליבען איינער אַליין פערשלאָסען. ביז האַלבער נאַכט האָט ער געהערט, ווי מען טאַנצט, מען זינגט און מען שפּרינגט אַרום דעם שטיבעל. אין איין אַנדער צייט וואָלט דזשאָע פון דעם גאַנצען טאַראַם געהאַט גרויסע הנאה, נאָר איצט אָבער האָט ער מורא געהאַט, דער כבוד זאָל איהם ניט טייער קאָסטען.

— אפשר קען זיין, האָט ער ביי זיך געטראַכט, אַז די לייט עסען דערנאָך גאָר אויף זייער אָבגאָט.

נאָר פאַר גרוים מידיקייט האָט ער אין אַלע צרות פאַרגעסען און איז אנשלאָפען געוואָרען. ער וואָלט זיכער געוועזען אַזוי געשלאָפען ביז טאָג, נאָר עס איז איהם מיט אַ מאָל קאַלט געוואָרען און ער האָט זיך אויפגע־חאַפּט. דאָס שטיבעל איז געוועזען האַלב מיט וואַסער, וואָס איז געגאַנגען אַלע מאָל העכער. דזשאָע האָט לאַנג ניט געטראַכט און האָט דורכגעבראָכען מיט דער פּלייצע די וואַנד, וואָס איז געוועזען געמאַכט פון טשערעט, די קעמפּע איז געוועזען איינגאַנצען פאַרטרונקען, אַזוי ווי עס טרעפט זיך אָפט מיט די קעמפּעס פון דער אָזערע טשאַד. דזשאָע האָט זיך אַריינגעוואָרפען אין וואַסער און זיך געלאָזט שווימען, באַלד האָט ער דערזעהן אַ לעדיג

שיפעל. ער האָט זיך אין דעם געשווינד אַריינגעחאַפּט און דער שטראָם האָט איהם פּערטראָגען צו אַ ברעג. דאָרט האָט ער געפונען אַ בוים, אויף וועלכען ער איז אַרויפגעקראָכען און געוואַרט ביז די זון וועט אויפגעהן.

קוים איז נאָר ליכטיג געוואָרען, האָט זיך דזשאָע שרעקליך דערשראָ־קען, אַ קוק געבענדיג אויף דעם בוים, ווי ער איז בעדעקט פון אויבען ביז אַראָב מיט שלאַנגען און יאַשטשערקעס. ער איז גיך פון דאַנען אַוועק אין וועג אַריין און האָט זיך געלאָזט זעהר פאָרזיכטיג אַלץ קיין צפון־זייט. אַ גאַנצען טאָג האָט ער זיך אומזיסט די אויגען אַרויסגענומען, קוקענדיג אויף דעם הימעל צו זוכען „וויקטאָריען". דער הונגער האָט איהם שטאַרק גע־מוטשעט און ער האָט זיך געמוזט בעגנוגען מיט בלעטער און עטליכע טייט־לען, וואָס ער האָט געפונען אויף דעם וועג.

אזוי איז ער געלאָפען אַלץ ווייטער אָהן אַ נשמה און האָט אפילו ניט געפיהלט, ווי די דערנער האָבען איהם אויף דעם וועג צוריסען דאָס לייב און צושטאָכען די פיס. אַז די זון איז אונטערגעגאַנגען, האָט ער זיך גע־שטעלט נעכטיגען.

איצט האָט ער ערשט געזעהן, וואָס הייסט אַזוינס צו־ברייננגען אַ נאַכט אויף דעם ברעג פון דער אַזערע טשאַד. די גאַנצע ערד איז געוועזען בעדעקט מיט אַלערליי פליגען און גרויסע מורעשקעס, וואָס אין צוויי שעה האָבען זיי אויפגעגעסען דאָס לעצטע ביסעל קליידער, וואָס איז נאָך אויף איהם געבליבען,און האָבען איהם ניט געלאָזט קיין אויג צו־מאַכען. אין די וועלדלעך, אין די וואַסערען האָט זיך געהערט אַ שרעקליכער קאָנצערט פוןווילדע חיות, וואָס האָבען די גאַנצע נאַכט גערעוועט און געברומט, אַז דזשאָען האָבען זיך די האָר געשטעלט קאַפּויר און ער האָט זיך מורא געהאַט אַ ריהר צו טאָן.

קוים איז נאָר טאָג געוואָרען, האָט ער זיך אָבגעבאָדען און זיך געלאָזט ווידער אין וועג אַריין, און אַלץ געקוקט, טאָמער פליהט ערגיץ „וויקטאָריע". געהענדיג אַזוי איז ער אַריין אין אַ וואַלד, וואָס דאָרטען זענען געשטאַנען נעגערען און האָבען בעשמירט זייערע פיילען מיט אַ מין גיפטיגע סאָק, וואָס ער הייסט וואָלפסמילך. ער האָט זיך גיך פערטאַיעט אונטער אַ בוים, אַז די נעגערע זאָלען איהם ניט זעהען. אין דער מינוט טאַקי אָבער האָט ער דערזעהן דורך די צווייגען, ווי „וויקטאָריע" פליהט גלייך צום אַזערע, איננאַנצען פּופּציג איילען פון איהם אין דער הויך, און דאָ טאָהר ער ניט גע־בען פון זיך קיין שום צייכען, דער דאָקטאָר זאָל זיך צו איהם אַראָבלאָזען. ער האָט פערשטאַנען, אַז דער דאָקטאָר זוכט איהם, און ווי באַלד די נעגערן זע־נען אַוועקגעגאַנגען, האָט ער זיך געלאָזט לויפען נאָך דעם לופטבאַלאָן, ער האָט געמאַכט מיט די הענד און געשריגען אויף אַ קול, נאָר אַלץ אומזיסט. דער

ווינד האָט פערטראָגען דעם לופטבאַלאָן זעהר ווייט און ער איז פערשוואונדען געוואָרען פון די אויגען.

א גאַנצען טאָג און אַ טייל פון דער נאַכט איז ער געגאַנגען ווי אַ משוגע־נער, דאָס גאַנצע לייב און די פיס זענען איהם געוועזען צובלוטיגט, ער איז געקראָכען אויף אַלע פיער און האָט געפיהלט, ווי די כחות געהען איהם אויס. קריכענדיג אַזוי איז ער אַריין אין אַ זומפּ, און וואָס מעהר ער האָט זיך געמוטשעט אַרויסצוקאַראַפקען, איז ער אַלץ מעהר געזונקען אין דער בלאָטע. ער האָט געפיהלט ווי ער גראָבט אַליין פאַר זיך אַ קבר. די אויגען האָבען זיך איהם פערמאַכט פאַר שרעק.

— העלפט מיר, האַר פערגיסאָן, האָט ער געגעבען אַ געשריי נאָר קיינער אָבער האָט איהם ניט געהערט אין דער פינסטערער נאַכט.

כד.

איצט לאָמיר זיך אומקערן צו די רייזנדע און זעהן, וואָס זיי מאַכן.

קענעדי איז אַלץ געזעסן און האָט בעטראַכט דורך דעם שפּאַקטיוו אַלע זאַכן, וואָס זענען איהם נאָר געפאַלען אין אויג אַריין.

— מיר דאַכט זיך, האָט ער זיך אָנגערופען צום דאָקטאָר, אַז העט גאַנץ ווייט זעה איך עפּיס אַ מחנה פון מענשען אָדער פון חיות, איך וועל זיי פון דעם אויג ניט אָבלאָזען ביז איך וועל וויסען אַקוראַט.

דער דאָקטאָר האָט אויך אַ קוק געגעבען אויף דעם שפּאַקטיוו און געזאָגט.

— איך מיין, אַז דאָרטען פאָהרען רייטענדיג אַראַבער פּונקט אויף דעם איינענעם וועג, וואָס אונזער לופטבאַלאָן פליהט.

אין אַ האַלבער שעה אַרום וועלען מיר זיי שוין זעהן און וויסען, וואָס מיר האָבען צו טאָן.

— דו האָסט רעכט. האָט איהם קענעדי געזאָגט אַביסעל שפּעטער, אַ פּנים דאָס זענען טאַקי אַראַבער, וואָס פאָהרען אויף גמלים און יאָגען זיך נאָך עפּיס גאַנץ געשווינד. איך זעה שוין אפילו זייערע בורנאָסען און זייער עלטסטען, וואָס לויפט אַ הונדערט איילען פריהער. נאָר ווייסט דו וואָס איך וועל דיר זאָגען, אַז דאָס איז גאָר ניט קיין גמלים, נאָר זיי יאָגען זיך נאָך דעם אומגליקליכען מענשען, וואָס ער לויפט פריהער.

— לאָז־זשע איהם ניט אָב פון דעם אויג און מיר וועלען זעהן, וואָס עס וועט ווערען.

דער לופטבאַלאָן איז נעהענטער צוגעפלויגען צו די רייטערס, וואָס זענען געלאָפען ווי די רוחות.

— דאָס ראַטעוועט ער זיך, האָט קענעדי אַ געשריי געטאָן מיט אַ ציטערדיג קול, סאַמועל, דאָס איז ער.

— יאָ, דאָס איז דזשאָע, האָט דער דאָקטאָר אויך אַ געשריי געגעבען, מיר מוזען גיך איבעריאָגען די אַראַבער, בכדי דזשאָע זאָל אונז דערזעהען. ווען זיין פערד וועט נאָר אויסהאַלטען יאָגענדיג, וועלען מיר איהם מציל זיין פון זייערע הענד.

— געוואלד, ער איז פערפאלען, האט קענעדי א געשריי געטאן מיט גרוים שרעק, ווי ער האט דערזעהן, אז דזשאָ איז אראבגעפלויגען פון דעם פערד, וואס איז געבליבען אונטער איהם טויט אט דעריאגען איהם די אראבער און דערשטעכען איהם.

טאקי באלד איז צוגעלאפען א אראבער מיט איין אויסגעשטרעקטער שפיז, נאר דזשאָ האט זיך געשווינד ווי א לעמפערט ארויפגעחאפט צו איהם אויף דעם פערד, האט איהם ביי דעם גארגעל אראבגעשליידערט אין זאמד אריין און אליין איז ער אנטלאפען רייטענדיג ווייטער.

— א העלד דזשאָ, האט קענעדי געזאגט מיט שמחה, ער האט זיך גוט אבגערעכענט מיט דעם אראבער און נאך צייט געהאט צו געבען א צייכען, אז ער זעהט אונז.

די אראבער האט מיט גרוים אימפעטנד נאכגעיאגט דזשאָען און האבען מחמת גרוים איילעניש ניט געזעהן, אז נאהענט פון זיי פליהט א לופטבאלאן. איינער פון זיי האט שוין דעריאגט דזשאָען און האט איהם געוואלט דורכשטעכען. קענעדי האט אויסגעשאסען און דער אראבער איז אראבגעפאלען טויט אויף דער ערד. א טייל זענען געבליבען שטעהן, אז זיי האבען פלוצלים דערזעהן דעם לופטבאלאן. די איבריגע אבער האבען נאך געיאגט דזשאָען, וואס ער האט זיך ניט אבגעשטעלט אויף איין מינוט.

דער דאָקטאר האט געגעבען קענעדי'ן הונדערט מיט פופציג פונט משא, ער זאל דאס האלטען גרייט אויף אראבצווארפען און אליין האט ער גענומען דאס לייטעריל. אז דער לופטבאלאן איז שוין געקומען נאהענט, האט דער דאָקטאר אראבגעלאזט דאס לייטעריל דזשאָען פאר די אויגען און ער האט זיך גיך אנגעטשעפעט אין דעם זיצענדיג אויף דעם פערד. קענעדי האט באלד אראבגעווארפען די משא און דער לופטבאלאן האט זיך אויפגעהויבען מיט א הונדערט איילען העכער. דזשאָ האט זיך געהויערט מיט דעם לייטעריל אין דער לופט. ער האט ארויסגעשטעלט א צונג די אראבער, וואס זענען געבליבען שטעהן, ווי אבגעשמיסען, און האט זיך ארויפגעקאראפקעט ווי א קאץ אין שיפעלע אריין. ער האט מעהר ניט געקענט א געשריי טאן: מיין ליבער האר דאָקטאר, מיין ליבער האר קענעדי!" און איז געבליבען חלשות.

דער דאָקטאר האט איהם פערבונדען די וואונדען, וואס זענען געוועזען אויף דעם גאנצען לייב, און האט איהם אנידערגעלעגט אין דער פאלאטקע.

דזשאָ איז באלד געקומען צו זיך און האט געבעטען א קעלישעקעל בראנפען. ער האט געוואלט דערצעהלען, וואס מיט איהם האט זיך פאסירט, נאר זיינע פריינד האבען איהם ניט ערלויבט צו רעדען און ער איז ווידער אנשלאפען געווארען. פון דזשאָעס אנקומען ביז נאכט איז „וויקטאריע"

איינגעפֿלויגען צוויי הונדערט מייל און דער ווינד האָט זי ווידער פּערטראָ־גען צו דער מדבר.

דער לופט באַלאָן איז געשטאַנען פערזאַנקערט אויף א בוים. דזשאָע איז געשלאָפען פיער און צוואנציג שעה כסדר, דער דאָקטאָר און קענעדי האָבען אויף איהם די גאַנצע צייט אַכטונג געגעבען.

אין דער פריה האָט זיך דער ווינד אוועקגעטראָגען דעם לופטבאַלאָן קיין מערב־זייט. דער דאָקטאָר האָט א קוק געגעבען זיין לאַנדקארטע און געזעהען, אז זיי געפינען זיך אין דעם קעניגרייך דאַמערגא! די דער־פער פון דעם לאַנד זענען אַלע געוועזען אויסגעבויעט פון טשערעט און געפלאָכטען מיט צווייגען פון בוימער. גרויסע סטערטעס תבואה זענען געשטאַנען אין מיטען די פעלדער אויף ברעטער הויך פון דער ערד, בכדי זיי זאָלען בעוואָהרענט זיין פאַר מייז און פאַר די גרויסע ווייסע מורעשקעס, וואָס הייסען טערמיטען.

באַלד זענען זיי אָנגעקומען צו דער שטאָדט זינדער. אויף דעם פּלאַץ אין מיטען דער שטאָדט שטעהט א בוים, נעבען איהם שטעהט א תלין, וואָס ער הייננט אויף איטליכען, ווער עס געהט דורך דעם שאָטען פון דעם בוים.

ווי דער קאָמפּאַס ווייזט, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, פליהען מיר ווידער קיין צפון־זייט און אויב מיר וועלען אָנקומען קיין טעמבוקטו, וועט שוין זיין איין עק פון אונזער נסיעה.

דזשאָע איז אויפגעשטאַנען און האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון דער פּאַלאַטקע.

— האָט א פּנים, האָט ער געזאָגט, דער האַר קענעדי איז ניט געזעסען לעדיג, אין דער צייט וואָס איך בין ניט געוועזען. גיט נאָר מיר אויך עפּיס פערזוכען פון אייערע קאַטשקעס, וואָס ליגען דאָ, וועל איך אייך דערצעהלען אינגאַנצען, וואָס מיט מיר האָט זיך פּאַסירט, אז דזשאָע האָט אָבגעגעסען האָט ער דערצעהלט אַלצדינג, וואָס עס האָט זיך מיט איהם געטראָפען ביז ער איז אַריין אין דער בלאָטע.

— איך האָב געמיינט, האָט ער געזאָגט, אז דאָ איז שוין איין עק פון מיין לעבען, נאָר פּלוצלים האָב איך דערזעהן צוויי טריט פון מיר עפּיס אַ שטריק הייננט אין דער לופט. איך האָב מיך אין איהם אָנגעחאַפּט מיט אַלע כחות און בין אַרויס אויף דער טריקעניש. דאָס איז געוועזען דער שטריק מיט דעם אַנקער פון דעם לופטבאַלאָן. דאָס איז מיר געוועזען א סימן, וואוהין איהר זייט אוועקגעפלויגען און איך האָב מיך געלאָזט אין וועג. געהענדיג נעבען א וועלדיל האָב איך דערזעהן א גאַנצע סטאַדע מיט פערד. מיינער איז אַרויף אויף א פערדעל און מאַרש אין וועג אַריין. איך וועל אייך ניט מאריך בדרוש זיין, דורך וואָס פאַר א פעלדער און

וועלדער איך בין געפאָהרען, קורץ איך האָב מיך צוגעשלאָגען ביז צו דער מדבר און האָב אָנגעהויבען צו קוקען אין אַלע זייטען, פליהט ניט ערגיץ וויקטאָריע. אין דריי שעה ארום בין איך אריינגעפאַלען אומגעריכט אין א לאַגער פון אראבער, זיי האָבען זיך אָנגעהויבען צו יאָגען נאָך מיר און איך בין פלינק אנטלאָפען. איך בין אזוי לאַנג געלאָפען ביז דאָס פערדיל איז געפאַלען אונטער מיר טויט און איך האָב דערזעהן „וויקטאָריען". דעם שפּיץ פון דער מעשה ווייסט איהר אַליין. קיין גרויסער שכל שטעקט ניט אין דעם, עס איז גאַנץ פּראָסט און עס איז ניט ווערט די רייד.

דער לופטבאַלאָן איז אין דעם טאָג זעהר פיעל איינגעפלויגען און זייגער צעהן ביי נאַכט האָט ער זיך געשטעלט אויף א פעלד מיט הירז ניט ווייט פון דער שטאָדט אַגאַדעס.

די נאַכט איז געוועזען זעהר א שטילע. ערשט א קעגען טאָג האָט אָנגעהויבען בלאָזען א קליין ווינטעל קיין מערב־זייט און אונזערע רייזענדע זענען ווייטער אוועקגעפלויגען.

כה.

דעם גאַנצען טאָג האָט זיך מיט די רייזענדע גאָר נישט געטראָפען. ביי נאַכט האָט דער דאָקטאָר געהייסען אָנפילען אַלע כלים מיט וואַסער און האָט געזאָגט זיינע פריינד, אַז ער וועט שוין כסדר פליהען און ערגיץ ניט נעכטיגען, מחמת עס ווייזט זיך איהם אויס, אַז דער לופטבאלאָן איז אַביסעל קאַליע. דער גאַז געהט ביסלעכווייז פון איהם ארויס און ער קען זיך שוין ניט אויפהויבען אַזוי הויך ווי פריהער.

דריי טעג זענען אונזערע רייזענדע געפלויגען איבער פערשיעדענע לענדער און איבער דעם גרויסען טייך ניגערא. דער דאָקטאָר האָט זיי דערצעהלט, וויפיעל בלוט עס האָט געקאָסט די מענשען פון אייראָפּא איידער מען האָט געפונען די קוועלען פון דעם דאָזיגען טייך.

דעם צוואַנציגסטען מאַי אין דער פריה זענען די רייזענדע געפלויגען איבער דער בעריהמטער שטאָדט טעמבוקטי, וואָס פאַרצייטען איז זי געווען די גרעסטע שטאָדט אין גאַנץ אפריקא און דאָרטען האָבען זיך געפונען אַ סך פילאָזאָפען און געלעהרנטע מענשען. איבער די גרויסע מלחמות, וואָס די שטאָדט פיהרט שוין אַכט הונדערט יאָהר, איז זי היינט שטאַרק געפאַלען.

— מיר מוזען נאָך אַביסעל משא אַראָבוואַרפען, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט אַריבערפליהענדיג איבער דער שטאָדט טעמבוקטו, וואָרום דער גאַז איז נאָך וועניגער געוואָרען און דער לופטבאלאָן קען שוין אַזוי פיעל ניט אויפהויבען. ווי העלפט גאָט צו־שלאָגען קיין סיערא־ליענא, וועלען מיר שוין זיין ווי אין דער היים, מחמת דאָרטען וואוינען פראַנצויזען און ענג־לענדער.

ווי עס איז נאָר נאַכט געוואָרען, האָט דער דאָקטאָר אַראָבגעוואָרפען די לעצטע זעקלעך מיט זאמד, נאָר דער לופטבאלאָן האָט זיך פונדעסט־וועגען פאָרט ניט אויפגעהויבען הויך, חאָטשע דאָס גאַז־רעהריל האָט שטאַרק געברענט. אויף דעם אַנדערען טאָג האָבען זיך אונזערע רייזענדע געפונען ניט ווייט פון דער אַזערע רעבאַ.

דער ווינד האָט זעהר שטאַרק געטראָגען דעם לופטבאלאָן קיין דרום־

זייט. דער דאָקטאָר האָט מורא געהאַט, ער זאָל, חלילה, ניט פערטראָגען ווערען קיין גווינעא, אָדער קיין דאַגאָמעא, וואָס דער דאָרטיגער קעניג קוילעט אַלע יאָהר צו זיינע אָבגעטער קרבנות פון מענשען. דער לופט־באַלאָן איז וואָס ווייטער אַלץ שוואַכער געוואָרען און קוים מיט צרות געטראָגען דאָס ביסעלע משא, וואָס עס האָט זיך געפונען אין שיפעלע.

פליהענדיג האָבען די רייזענדע פלוצלים בעגעגענט אַ שווארצע גע־דיכטע חמאַרע, וואָס האָט אין מיטען העלען טאָג פינסטער געמאַכט די זון. זיי האָבען זיך דערשראָקען און מורא געהאַט, אַז די חמאַרע זאָל ניט אויס־גיסען אַ גאַנצען מבול און זאָל ניט עקען מיט דעם לופטבאַלאָן. נאָר באַלד אָבער האָבען זיי דערזעהן, אַז דאָס איז גאָר אַ מחנה פון טויזענדער מיל־יאָנען היישרעקען, וואָס האָבען זיך אַראָבגעלאָזט אויף די פעלדער און אויפגעגעסען ביז איין קערנדיל תבואה און אַלע בלעטער פון די בוימער.

— דאָס איז די גרעסטע פלאָג פון דעם קאַנט, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, אַקעגען זיי איז ניטאָ קיין שום רפואה, מען האָט שוין געפרוווט אַנצינדען אונטער זיי גאַנצע וועלדער, נאָר דאָס האָט אויך ניט געהאָלפען. זיי זענען אַזוי פיעל אַראָבגעפאַלען, אַז זיי האָבען אַזש דאָס פייער פער־לאָשען און די איבריגע האָבען טאַקי ווייטער אויפגעגעסען אַלצדינג אויף די פעלדער.

ביי נאַכט זענען די רייזענדע אָנגעקומען צו דער שטאָדט זענע. דער דאָקטאָר האָט זיך אפילו געוואָלט דאָ אַנידערשטעלען, מחמת זענע איז זעהר אַ גרויסע האַנדעלשטאָדט און דאָרט זיצען אַראַבער, וואָס זיי זענען שוין געוועזען אין ענגלאַנד און אין פראַנקרייך, נאָר אַזוי ווי ער האָט געזעהן, אַז דער ווינד נעהמט זיך אַביסעל קיין מערב־זייט, האָט ער פאַרענדערט זיין פלאַן. ער האָט אַראָבגעוואָרפען אַלע זאַכען, וואָס זענען נישט נייטיג, און זיך ווייטער געלאָזט אין וועג אריין. זייגער פיער אין דער פריה זענען זיי שוין געפלויגען איבער דער שטאָדט סענאַ, וואָס זי איז די רעזידענץ פון באַמבאַרא.

— אַז מיר וועלען אַזוי גיך פליהען ווי איצט, האָט דער דאָקטאָר גע־זאָגט, וועלען מיר אין צוויי טעג אָנקומען צו דעם גרויסען טייך סענעגאַל, און דאָרטען, ווען אפילו דער לופטבאַלאָן וועט שוין אונז ניט מעהר וועלען דינען, וועלען מיר זיך ווי עס איז שוין קענען צו־שלאָגען צו אַ פראַנצויזישער קאָלאָניע.

אויף דעם אַנדערן טאָג אין דער פריה זענען אונזערע רייזענדע אָנגע־קומען צו דער גרעניץ פון דעם טייך סענעגאַל. דאָס שטיקעל לאַנד איז דאָס ערגסטע אין גאַנץ אפריקא, די לופט איז דאָ זעהר אומגעזונד און די מענשען זעהר ווילד. דער דאָקטאָר האָט עס געוואוסט פון די רייזענדע, וואָס זענען

דאָ געוועזען, און דעריבער האָט ער זיך ניט געוואָלט אַראָבלאָזען אין דעם לאַנד אפילו אויף איין מינוט.

דער לופטבאַלאָן איז נאָך שוואַכער געוואָרען און מען האָט געמוזט ווידער אַראָבוואַרפען זאַכען, בכדי מען זאָל קענען פליהען. א פּנים, די גוטאַ־פּערטשע איז צושמאָלצען געוואָרען פון דער היץ, און דער גאַז געהט אַרויס דורך די לעכלעך פון דער מאַטעריע.

— מיר האָבען איצט ניט קיין אַנדער מיטעל, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, נאָר אַראָבצוואַרפען משא און גרינגער מאַכען דעם לופטבאַלאָן.

דזשאָע האָט אַראָבגעוואָרפען די פּאַלאַטקע און דער לופטבאַלאָן האָט זיך אויפגעהויבען אַביסעל אין דער הויך, נאָר באַלד האָט ער זיך ווידער אָנגעהויבען אַראָבצולאָזען נידריגער.

— מיר מוזען אַראָבוואַרפען אַלצדינג, וואָס עס איז אונז ניט נייטיג, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, בכדי מיר זאָלען קענען פליהען און ניט בלייבען שטעהן אין אַזאַ לאַנד, וואָס די פעלקער זענען ערגער פון חיות רעות. מיר זענען שוין אפילו ניט ווייט פון דעם טייך סענעגאַל, נאָר איין זאַך מאַכט מיר עגמת נפש, וואָס מיר דאַרפען אַריבערפליהען איבער די הויכע בערג, וואָס געפינען זיך פאַר איהם און וועלכע עס איז אונמעגליך אויסצומיידען.

דער ווינד האָט געטראָגען דעם לופטבאַלאָן אַקעגען די בערג זעהר שטאַרק, אַז דער דאָקטאָר האָט מורא געהאַט, זיי זאָלען זיך חלילה ניט אָנשלאָגען אין די גרויסע פעלזענשטיינער. מען האָט אַראָבגעוואָרפען אינגאַנצען דאָס וואַסער און אַלע קעסטלעך מיט שפּייז, נאָר דער לופטבאַלאָן איז פאָרט געבליבען נידריגער מיט צוויי הונדערט איילען פון די בערג. מען האָט אַרויסגעוואָרפען נאָך א פופציג פונט משא. דער לופטבאַלאָן אָבער האָט אַליין ניט געקענט אַריבערפליהען דעם באַרג און דאָ טראָגט איהם דער ווינד אַזוי שטאַרק, אַז אָט, אָט שלאָגט ער זיך אָן אין באַרג און ווערט צושאָטען אויף שטיקלעך.

— דו וועסט מוזען אַראָבוואַרפען דיין געוועהר, קענעדי, האָט צו איהם דער דאָקטאָר געזאָגט, מיר זענען שוין גאָר נאָהענט און דער באַרג איז נאָך העכער פון אונז מיט א דרייסיג איילען.

דזשאָע האָט אַראָבגעוואָרפען די קאָלדרעס, די קוילען מיט פּולווער, און דער לופטבאַלאָן האָט זיך אויפגעהויבען ביז דעם שפּיץ פון דעם באַרג.

— קענעדי, וואַרף גיך אַראָב די ביקסען, האָט דער דאָקטאָר א געשריי געטאָן, וואָרום ווען ניט, זענען מיר פערפאַלען.

— האַפּט זיך ניט, האַר קענעדי, האָט דזשאָע געזאָגט, און איידער קענעדי האָט זיך נאָך אַרומגעקוקט, איז דזשאָע שוין פערשוואונדען געוואָרען.

— דזשאָע, דזשאָע, האָט דער דאָקטאָר און קענעדי א געשריי געטאָן.

— שרעקט זיך ניט, מיינע ליבע הארען, האָט זיך אָנגערופען אַ קול פון אונטער דער שיפעלע, מיר פליהען אַריבער גליקליך דעם בארג.

דזשאָע האָט זיך מיט די הענד אָנגעהאַלטען אונטען ביי דעם שיפעלע און ווי נאָר זיי זענען בשלום אַריבער דעם בארג, האָט ער זיך אַריינגעחאַפּט צוריק אין דעם שיפעלע.

— וואָס האָט איהר זיך דאָ אַזוי דערשראָקען, מיינע הארען, האָט דזשאָע זיך אָנגערופען אַריינגעהענדיג, איך האָב געזשאַלעוועט דעם האַר קענעדי׳ס ביקס, בין איך אַראָבגעשפּרונגען אביסעל צוגעהן די פּיס.

אויף יענער זייט בארג איז געוועזען אַ וואַלד מיט הויכע בוימער. דער לופטבאַלאָן האָט זיך פעראַנקערט אויף אַ בוים און די רייזענדע זענען גע־בליבען נעכטיגען.

כו

— אונז בלייבט נאָך אינגאַנצען פינף און צוואַנציג מייל ביז דעם טייך סענעגאַל, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, נאָר מיר מוזען פריהער פון דעם לופטבאַלאָן אַרויסנעהמען אַלע מאַשינען, וואָס וועגען ניין הונדערט פונט, בכדי מיר זאָלען קענען מיט איהם אַריבערפליהען דעם טייך און קומען גליק־ליך צום ברעג.

אַלע דריי האָבען זיך געשטעלט באַלד צו דער אַרבייט און עס האָט זיי גענוג מיה געקאָסט ביז זיי האָבען צונומען אַלע שרייפלעך, שפּרוזשינעס און מאַשינדלעך און זיי אַרויסגעוואָרפען פון דעם שיפעלע. אַז מען איז פאַר־טיג געוואָרען מיט דער אַרבייט און אָבגעגעסען, האָט זיך קענעדי און דזשאָ געלעגט שלאָפען, און דער דאָקטאָר האָט זיך געשטעלט אויף דער וואַך. עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז איין אַ וואַלד געהען עפּיס אום מענשען, און אַ פּאָר מאָל האָט אַ בלישטשע געטאָן פאַר זיינע אויגען ווי פייער, נאָר די וואַך איז איבערגעגאַנגען בשלום. זייגער צוועלף האָט ער אויפגעוועקט קע־נעדי׳ן און האָט איהם אָנגעזאָגט, ער זאָל גוט אַכטונג געבען, וואָרום איהם דאַכט זיך אויס, אַז אין וואַלד געפינען זיך ווילדע מענשען, וואָס מען דאַרף זיך פאַר זיי היטען.

קענעדי האָט עטליכע מאָל אַראָבגעקוקט, נאָר אַזוי ווי ער האָט גאָר נישט געהערט־געזעהן און דער שלאָף האָט איהם שטאַרק געמאַרעט, איז ער גאַנץ רוהיג אַנשלאָפען געוואָרען. מיט אַ מאָל אָבער איז איהם זעהר הייס געוואָרען און ער האָט זיך אויפגעחאַפּט.

— עס ברענט, האָט ער אַ געשריי געטאָן.

דער דאָקטאָר און דזשאָ האָבען זיך אויפגעחאַפּט און אין דער מינוט האָט ער דערהערט אַ געשריי פון אונטען, נעבען די ברענענדיגע בוימער.

דאָס האָבען די ווילדע טאַליבאַסען אונטערגעצונדען דעם וואַלד, מיר זאָלען פערברענט ווערען, האָט זיך דער דאָקטאָר אָנגערופען.

דאָס פייער האָט אַרומגערינגעלט דעם לופטבאַלאָן פון אַלע זייטען און אונזערע רייזענדע האָבען אונטער זיך געזעהן, ווי דער גרויסער וואַלד ברענט פון איין עק ביז דעם אַנדערן. דער דאָקטאָר האָט באַלד אָבגעהאַקט דעם שטריק פון דעם אַנקער און „וויקטאָריע“ איז אַרויפגעפלויגען פינף

הונדערט איילען אין דער הויך. פון דעם וואַלד האָט מען געהערט אַ שרעק־ליך געשריי און ווי אַ סך ביקסען האָבען מיט אַ מאָל אויסגעשאָסען. דער ווינד האָט אוועקגעטראָגען דעם לופטבאַלאָן קיין מערב־זייט. עס איז שוין געוועזען זייגער פיער אין דער פריה.

קוים זענען זיי אריבער דעם וואַלד, האָבען זיי געזעהן, ווי אַן דרייסיג רייטער געלאָדען מיט ביקסען און פיקעס לויפען זיי נאָך.

— אַט דאָס זענען די טאַליבאַסען, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, איך וואָלט בעסער געוואָלט בעגעגענען ווילדע חיות אין מיטען וואַלד איידער אריינצופאַלען צו די רוצחים אין די הענד אריין. טהוט אַ קוק די אַלע פער־ברענטע דערפער און פעלדער, דאָס איז אַלץ זייער ארבייט. עס איז נאָך אַ גליק, וואָס מיר האָבען ארויסגעוואָרפען איינגאַנצען די משא, ווען ניט, וואָל־טען מיר ניט געקענט איצט פליהען.

קענעדי האָט אָנגעלאָדען די ביקס און האָט זי געהאַלטען גרייט. דער לופטבאַלאָן איז געפלויגען פיער הונדערט איילען אין דער הויך און דער ווינד האָט אָנגעהויבען שטיל צו ווערען. די טאַליבאַסען האָבען נאָכגעיאָגט דעם לופטבאַלאָן אַ גאַנצען פריהמאָרגען און אונזערע רייזענדע זענען איינ־געפלויגען פופצעהן מייל קיין מערב־זייט. דער דאָקטאָר האָט געפיהלט, אַז זיי לאָזען זיך אַלץ נידריגער אראָב און צום טייך סענעגאַל איז נאָך גע־בליבען צוועלף מייל. די טאַליבאַסען האָבען שטאַרק צולאָזט זייערע פערד און מיט אַ מאָל אויסגעשאָסען פון אַלע ביקסען.

— מיר פליהען שטאַרק נידריג, האָט דער דאָקטאָר אַ געשריי געטאָן.

קענעדי האָט אויסגעשאָסען און געטראָפען דעם עלטסטען, וואָס ער איז אראָבגעפאַלען פון זיין פערד. די טאַליבאַסען האָבען זיך אָנידערגע־שטעלט און „וויקטאָריע" איז וווייטער געפלויגען.

— מיר מוזען זיך אויפהויבען העכער, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, וואָרום ווען ניט, וועלען זיי אונז געוויס דעריאָגען.

דזשאָ האָט אראָבגעוואָרפען דאָס לעצטע ביסעל סעחערעס און גע־רייכערט פלייש, וואָס האָט געוויגען דרייסיג פונט, און דאָס שיפעלע, וואָס איז שוין געוועזען הארט ביי דער ערד, האָט זיך אביסעל אויפגעהויבען, נאָר באַלד אָבער האָט זיך ווידער אראָבגעלאָזט און די ווילדע טאַליבאַסען זענען מיט אַ געשריי צוגעלאָפען צו דעם. דער לופטבאַלאָן האָט זיך צום גליק ווידער אויפגעהויבען און אָבגעפלויגען איין מייל. דער גאַז האָט אָנגעהויבען שטאַרק ארויסצוגעהן דורך די לעכער פון דער מאַטעריע און דאָס שיפעלע איז נאָך אַ מאָל אראָב.

— וואַרף גיך אראָב דעם בראַנפען, אַלע אינסטרומענטען און דעם לעצטען אַנקער, האָט דער דאָקטאָר אַ געשריי געטאָן צו דזשאָען.

דאָס אַלצדינג איז געשווינד געטאָן געוואָרען, נאָר דער לופטבאַלאָן, וואָס ער האָט זיך אויף איין מינוט אויפגעהויבען, איז ווידער אַראָבגעפאַלען און די טאַליבאַסען זענען געוועזען פון איהם אינגאַנצען צוויי הונדערט טריט.

— וואַרף אַראָבביידע ביקסען, האָט דער דאָקטאָר אַ געשריי געטאָן.

— איך וועל זיי צום ערשטען אויסלאָדען, האָט קענעדי געענטפערט, און אין דער מינוט זענען פיער קוילען אריין צווישען די רייטער און פיער טאַליבאַסען זענען אַראָבגעפאַלען טויט פון זייערע פערד.

דער לופטבאַלאָן האָט זיך ווידער אַביסעל אויפגעהויבען און האָט אָנגעהויבען צושפּרינגען אויף דער ערד.

— אָט אַ פּנים, גאָט וויל אונז פערלאָזען, אַז מיר זענען שוין ביי דעם ברעג, האָט זיך קענעדי אָנגערופען.

— מיר האָבען נאָך הונדערט מיט פופציג פונט משא אַראָבצוּוואַרפען, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט. איך מיין, מיר וועלען אַראָבוואַרפען דאָס שיי־פעלע און זיך אָנהאַלטען אין דער סיעטקע, און אַזוי וועלען מיר ווייטער פליהען.

דזשאָע האָט געחאַפּט דאָס מעסער און אָבגעשניטען די שטריק און קוים איז דאָס שיפעלע אַראָבגעפאַלען אויף דער ערד, האָט זיך דער לופט־באַלאָן ווידער אויפגעהויבען אין דער הויך.

— אוררא, האָבען זיי אַלע אַ געשריי געטאָן, בשעת זיי זענען אַרויף הייגנענדיג ביי די שטריק אין דער לופט.

די טאַליבאַסען האָבען אָנגעהויבען שרעקליך שטאַרק צו טרייבען זייערע פערד. נאָר דער ווינד האָט „וויקטאָריען“ אוועקגעטראָגען איבער אַ באַרג. דאָס איז געוועזען דאָס גליק פון די רייזענדע, וואָרום די טאַליבאַסען האָבען געדאַרפט דעם באַרג ארומפאָהרען און דערוויל איז דער לופטבאַלאָן אוועק־געפלויגען ווייטער.

צוויי מייל פון די רייזענדע האָט זיך טאַקי אַרויסגעזעהן דער גרויסער טייך סענעגאַל.

— נאָך איין פערטיל שעה, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, וועלען מיר אריבערפליהען דעם טייך און אַרויס פון דער סכנה.

נאָר זיין האָפנונג איז אָבער געוועזען אומזיסט. דער לופטבאַלאָן, וואָס האָט כמעט דעם גאַנצען גאַז פערלאָרען, האָט זיך אַראָבגעלאָזט אויף דער ערד. אויף דעם גאַנצען פּלאַץ האָט מען מעהר נישט געזעהן ווי שטיינער און פערטריקענט גראָז, פאַרברענט פון דער זון. „וויקטאָריע“ האָט שוין מעהר ניט געקענט פליהען, זי איז געשפּרונגען אויף דער ערד ביז די כוחות

זענען איהר אויסגעגאנגען און זי איז געבליבען שטעהן פארטשעפעט מיט דער סיעטקע אין א צווייג פון א בוים.

— איצט האָט זיך שוין אַלצדינג אויסגעלאָזט, האָט קענעדי געזאָגט, און אינגאנצען זענען מיר נישט מעהר ווייט ווי הונדערט איילען פון דעם טייך.

אַלע אונזערע דריי רייזענדע האָבען זיך אַראָבגעלאָזט אויף דער ערד און צוגעגאנגען צו דעם טייך. נעבען ברעג האָבען זיי געזעהן, ווי דער טייך פאַלט דאָרטען אַראָב מיט אַ שרעקליכען רעש. דאָס רוישען פון דעם וואסער האָט פארטויבט די אויערן, מחמת עס האָט זיך געמוזט דורכשלאָגען דורך די הויכע סקאַלעס, וואָס זענען געשטאַנען פונקט אויף דעם וועג. די רייזענדע האָבען ניט געפונען קיין שיפעלע, קיין שום לעבעדיגע נשמה, און האָבען געזעהן, אַז עס איז ניטאָ קיין שום מיטעל אריבערפּראַווען זיך דעם טייך, וואָס ער האַלט טויזענד איילען די ברייט.

— זייט זיך נאָך ניט מיאש, מיינע פריינד, האָט דער דאָקטאָר גאַנץ פרעהליך א געשריי געטאָן צו קענעדי'ן און דזשאָע'ן, וואָס זיי זענען גע־שטאַנען זעהר טרויעריג, מיר האָבען נאָך א גאנצע שעה צייט ביז די טאַלי־באסען וועלען אָנקומען אהער. מיר טאָרען ניט פערלירען קיין איין מינוט און לאָמיר דאָ צונויפנעהמען טרוקען גראָז אקעגען א הונדערט פונט. דאָס גראָז וועלען מיר אָנצינדען אונטער דעם לופטבאַלאָן. דורך דעם וועט איינ־וועניג אין איהם ווערען די לופט ווארמער און א סך גרינגער פון דער לופט אין דרויסען און מיט דער אָנגעוואָרעמטער לופט וועלען מיר ווי־עס־איז אריבערפליהען דעם טייך אקוראט ווי מיט גאַז.

דער דאָקטאָר איז צוגעגאנגען צו דעם לופטבאַלאָן און האָט אונטען אין איהם אויסגעשניטען א לאָך, בכדי עס זאָל ארויס דאָס לעצטע ביסעל גאַז, און באַלד טאַקי אָנגעצונדען אונטער איהם טרוקען גראָז. דער לופט־באַלאָן האָט זיך אָנגעהויבען אָנצופילען און קיילעכדיג ווערען ווי פריהער. עס איז דערווייל אוועקגעגאנגען דריי פערטעל שעה, און פון דערווייטענס האָט זיך שוין געהערט דאָס געשריי פון די טאַליבאסען און דאָס טופען פון זייערע פערדס קאָפּיטעס.

— גיך אהער נאָך גראָז, האָט דער דאָקטאָר א געשריי געטאָן, וואָרום נאָך אין צוואַנציג מינוט וועלען די רוצחים שוין דאָ זיין.

מען האָט באַלד פאָרגרעסערט דאָס פייער אונטער דעם לופטבאַלאָן און ער האָט זיך אָנגעפילט ביז צוויי דריטעל. אין צעהן מינוט ארום איז „וויקטאָריע" שוין פארטיג געוועזען אוועקצופליהען און די טאַליבאַסען זענען אָנגעקומען שוין גאָר נאָהענט, אינגאנצען א דריי הונדערט איילען.

— געשווינד צו דער סיעטקע, מײנע פֿרײַנד, האָט דער דאָקטאָר אַ געשרײ געטאָן.

אַלע דרײַ רײַזענדע האָבען זיך אָנגעכאַפּט אין די שטריק פֿון דער סיעטקע און דער לופטבאַלאָן האָט זיך מיט זײ אױפֿגעהױבען אין דער הײך.

— זײט געזונד, מײנע ליבע לײט, האָט דזשאָ פֿון דער הײך אַ געשרײ געגעבען צו די טאַליבאַסען.

אױף דעם „זײט געזונד" האָבען זײ געענטפֿערט מיט אַלע ביקסען און אײן קויל האָט טאַקי אַ דראַפּ געטאָן דזשאָען אין דער פּלײצע.

די טאַליבאַסען האָבען אַרױסגעלאָזט אַ שרעקליך געשרײ, אַז זײ האָבען דערזעהן, װי דער לופטבאַלאָן װערט פֿערשװאונדען אין דער הײך. אַ שטאַרקער װינד האָט אַ הױב געטאָן אױף פֿיער הונדערט אײלען אין דער לופֿט און איהם געטראָגען גלײך איבער דעם װאַסערפֿאַל. אין צעהן מינוט אַרום האָבען זײ אָנגעהױבען נעהענטער צו קומען צו יענער זײט ברעג.

דאָרטען פֿון יענער זײט זענען געשטאַנען אַ צעהן זעלנער אין פֿראַנצױזישע מונדירען. איהר קענט אײך משער זײן זײער גרױס פֿערװאונדערונג, אַז זײ האָבען פּלוצלים דערזעהן, װי מענשען פֿליהען אַראָב אַזױ װי פֿון דעם הימעל. נאָר זײערע צװײ אָפֿיצערען, װאָס האָבען געלײענט אין די צײטונגען פֿון דעם דאָקטאָר פֿערגיסאָנס נסיעה, האָבען זיך געשטױסען, װאָס דאָס בעטײט.

די הײסע לופֿט איז אַלע מאָל קיהלער געװאָרען אין דעם לופֿטבאַלאָן און ער האָט זיך אָנגעהױבען גלײך אַראָבצולאָזען, נאָר אַזױ װי ער איז נאָך עטליכע אײלען װײט געװעזען פֿון דעם ברעג, האָבען זיך די פֿראַנצױזען אַרײנגעװאָרפֿען אין װאַסער און אַרױסגעטראָגען די ענגלענדער אױף די הענד. אין דער מינוט האָבען די חװאַליעס פֿון דעם טײך אַװעקגעטראָגען דעם לופֿטבאַלאָן צו דעם װאַסערפֿאַל.

— זײט איהר דאָס דער האַר פֿערגיסאָ', האָט דער אָפֿיצער געפֿרעגט דעם דאָקטאָר.

— איך בין עס, האָט דער דאָקטאָר געענטפֿערט, און די צװײ זענען מײנע פֿרײַנד.

קענעדי און דזשאָ האָבען זיך אַ װאָרף געטאָן צו דעם דאָקטאָר און איהם אָנגעהױבען צו האַלזען און צו קושען. דער דאָקטאָר האָט געװײנט פֿאַר גרױס שמחה.

אין דער ישיבה של מעלה

א.

אין דער ישיבה של מעלה

איך וועל אייך דערצעהלען א מעשה, ווי אזוי איך האָב אמאָל געהאַט אין ווארשע אַנ׳עלית־נשמה. דאָס איז גראָד ניט געווען פון יענעם סאָרט עלית־נשמה, וואו דער גוף קלייבט זיך טאַקי פריש און געזונד אויף דער וועלט, עסט און טרינקט און טוט זיך אָן אלערליי וואוילטאָג, בשעת די נשמה איז ערגיץ נעלם געוואָרען ואיננה — חאָטש גערה זוך זי מיט ליכט. ניין, ביי מיר האָט טאַקי דער גוף, במחילה, געמוזט נאַכטאַנצען נאָך דער נשמה: הויבען הענד, אונטערשפּרינגען מיט די פיס, דראַפּען זיך פון דעם פּאָל אויפ׳ן פענסטער, פונ׳ם פענסטער אין הויף אריין, פונ׳ם הויף אויף א וואנד, פון דער וואנד ווידער אין א הויף, פון דאָרט אין א הויז אריין, פונ׳ם הויז אויף א לייטער, פונ׳ם לייטער אויפ׳ן בוידעם, העט־העט, אין א ווינקעלע, אונטער דער סטריכע.

איהר׳ט אמאָל געזעהען, ווי אזוי סע שפּרינגען און סע הויבען זיך בול־בעלעך אויף א וואסער? מיינט ניט, אז דאָס טוט זיך מיט נסים, אז מלאכים שפּיעלען זיך דאָ. ניין, די מעשה איז פּשוט בתכלית הפּשטות: סע וואַרפט עמיצער אריין א שטיין, אָדער מע דערוואַרימט דאָס וואַסער, הויבט עס אָן זיך הויבען. אזוי האָבען זיך דעמאָלט געהויבען אחינו בני ישראל, געדראַפּעט זיך, געקלעטערט, וואָס העכער. ס׳איז, ניט היינט געדאַכט, געווען דעמאָלט א קאָכעניש, א געוואַלד, א געפּילדער. שטיינער זענען געפלויגען, האַמערס האָבען געפּלעט יודישע קעפּ, שויבען האָבען געקלונגען...

אין אַזאַ מין בהלה האָב איך זיך אויך מישב געווען און פערלאָזען די זינדיגע ערד און בעקומען עלית־נשמה.

דער לייטער איז געווען משונה הויך און סטרימקע, און דראַפּענדיג זיך מיט ציטערדיגע קניה און מיט א קלאַפּענדיגען האַרצען, האָב איך זיך דערמאָנט אָן דעם לייטער, וואָס יעקב אבינו האָט געזעהען אין חלום, אנט־לויפענדיג פאַר זיין ברודער עשו. איך האָב א שאַרף געטאָן דעם מוח, און ס׳איז מיר באַלד פאַרענטפערט געוואָרען, וואָס דער פּסוק איז דאָ אויסען. דער לייטער, פערשטעהט איהר מיך, איז א רמז אויף יעקב אבינו׳ס קינ־

דער. ער שטעהט אָנגעבורייט פאַר אונז, יודעלעך, פון ששת ימי בראשית, און דורות קלעטערען אַרויף און קריכען וויעדער אַרונטער... איך מוז זיך מודה זיין: דער נייער דרש מיינער האָט מיר געטאָן ווילד הנאה. איך האָב זיך געפּרעהט, אַ שטייגער, ווי עמיצער, ווי עמיצער, וואָס געפינט אַ כשר׳ע מציאה, איך האָב מיר געטראַכט אין מיין הארצען: אַז וואויל און גוט איז דיר, פאָלק ישראל, וואָס דיין תורה שטעהט דיר ביי אין די נויטען, וואָס זי העלפט דיר, וואו דו קעהרסט זיך און ווענדסט זיך. מיט איהרע טייערע דרשות פערזיסט זי דיר דאָס ביטערקייט פון דיין לעבען, מיט איהרע ליעבע מעשיות פער־שלעפערט זי דיך, ווי אַ מאַמע איהר קינד אויף דעם שויס. צוליעב איהר פערגעסטו דיינע וועהטאָגען און צרות, זיסע חלומות ברייגגען דיר טרייסט און האָפנונג, אַ שטילער שמייכעל בעשיינט דיין פּנים בשעת אין די אויגען שטעהען נאָך טרעהרען, ווי ליכטיגער טהוי אויף די גראָזען. און ווען אַרום און אַרום אויף דער וועלט איז פינסטער חשך, ניטאָ קיין אמת, ניטאָ קיין גערעכטיגקייט, ניטאָ קיין ליעבע און קיין שלום, נאָר קנאה און שנאה, גזלה און רציחה פון אַלע זייטען. — עפענט זי דיר די טויערען פונ׳ם הימעל מיט איהרע הגדות, און דו זעהסט געטליכע געשטאַלטען, שוועבסט אויף די פליגלען פון דיין פאַנטאַזיע צווישען כתות פון הייליגע מלאכים, טראָגסט זיך אַוועק ווייט־ווייט, אין וואונדערבאַרע וועלטען. אַ צערטליכע מאַמע איז זי צו דיינע אומגליקליכע יתומים, אַ רייכע סעודה פאַר דיינע הונגעריגע און דאָרשטיגע קינדער, אַ טייערער אוצר פאַר דיינע פיעלע אביונים; אַ ליעבע פרוי איז זי צו דיינע פּרושים, אַ חנ׳ודיג כלה צו דיינע ישיבה־בחורים און תלמידי־חכמים. איהר ליעבע פילט אָן זייער נשמה, איהר געשטאַלט איז שטענדיג פאַר זייערע אויגען, און זיי גלעטען זי און האַלזען זי און שעפּען תענוג פון איהרען אַ בליק און געפינען אין איהר אַלע טאָג אַ נייעם טעם. אַז גוט און וואויל איז דיר, פאָלק ישראל, וואָס דו ביזט געבענטש מיט אַזאַ ברכה! — די דאָזיגע געדאַנקען האָבען מיר אונטערגעגעבען כח, און איך האָב געקלעטערט, מיט דעם אויבערשטענס הילף: גיך און גרינג, ווי אַ קאַץ, ביז איך בין געקומען אין דער ישיבה של מעלה.

און אַזוי ווי איך בין דאָרט געוואָהר געוואָרען זעהר אַ סך ניצליכע זאַכען, האַלט איך עס פאַר מיין חוב צו דערצעהלען וועגען זיי מיינע ברי־דער, כדי זיי זאָלען זיך היטען, ווען ס׳וועט קומען זייער צייט צו קריכען אויפ׳ן בוידעם, און ס׳זאָל זיך זיי ניט טרעפען דער אייגענער מכשול, וואָס מיר.

אַ יוד, אַז ער קומט אַרויף אויפ׳ן בוידעם, זאָל ער למען השם זיך אַני־דערזעצען נאָהענט ביי דער טהיר און זיך ניט ריהרען פונ׳ם אָרט, ביז ער וועט אַביסעל אָבחאַפּען דעם אָטעם און זיך צוגעוועהנען צו דער פינסטער־

ניש, וואָס הערשט אַרום און אַרום. און ער זאָל זיך ניט אַרומדרעהען אַהין און אַהער איבער'ן בוידעם, בשעת ס'איז איהם נאָך פינסטער אין די אוי־גען, כדי ער זאָל ניט געשעדיגט ווערען און ניט שעדיגען יענעם, חלילה, און ער זאָל ניט אַרומגעהן מיט אַ פאַררויסענעם קאָפּ, כדי ער זאָל זיך ניט אָנשלאָגען אָן דער קראָקווע און ניט בעקומען אַ בייל. און געדענקען זאָל דער יוד, אַז אַפילו אויפ'ן בוידעם, וואו קיינער זעהט איהם ניט און הערט איהם ניט, איז ער אויך ניט פריי, ווי אַ פויגעל. און ווער ס'וועט הערען די דאָזיגע עצות און וועט זיי מקיים זיין, ווען ער וועט געהויבען ווערען בשעת אַ מהומה, וועט איהם זיין גוט און וואויל, אמן סלה.

ואני — און איך מענדעלע, אַז איך בין געקומען אַרויף, האָב איך ניט אַזוי געטאָן: איך האָב זיך גענומען אַרומדרעהען צווישען די באַנטעס, ווי ניט אין זיך, אַלץ געאיילט זיך, געטאַפּט, געפּאַלען און ווידער אויפ־געשטאַנען און געבראָדזיעט, ווי אַ בלינדער, ביז איך האָב דערהערט — עמיצער קרעכצט.

— אוי, מיין פּוס! פּאַוואָליע מיין פוס!

דערהערט דאָס קול, טו איך אַ פאַל אַנידער, ווי גרויס איך בין, און שלאָג זיך אָן אָן עפּיס טעפּ און קריגלעך. די טעפּ פּלאַצען מיט אַ טראַסק, איך בלייב ליעגען ניט טויט ניט לעבעדיג, די שערבלעך און שטיקלעך גלאָז שטעכען מיך פון אונטען, און ביי דער זייט פּיהל איך — עמיצער באַברעט זיך אין שטויב, פּונקט ווי איך. איך קוק זי איין — דאַכט זיך אַ יוד, כ'וואָלט געמעגט שווערען. אויב אַזוי, ווערט מיר אַביסעל גרינגער אויפ'ן הארצען. איך שטעק איהם אָב אַ שלום־עליכם, ער ענטפערט מיר עליכם־שלום. איך פרעג איהם: מה שמכם? ענטפערט ער מיר אליהו. פרעגט ער מיך— זאָג איך איהם: מענדעלע מוכר ספרים. נו, ווי דער מנהג איז ביי יודען, ס'געהט ניט אַוועק קיין פינף מינוט, זענען מיר שוין איינער מיט'ן אַנדערען אַ נאָהענטער שמעלקע און מע דערצעהלט זיך בכל מכל כל. ר' אליהו, ווער איך געוואָהר, איז אַ ליטוואַק. ער פערמאָגט אַ ווייב מיט זעקס קינדער, זיין פּרנסה איז — מעקלעריי, אויפ'ן בוידעם איז ער אַרויף ווי איך, דורך עלית־נשמה בשעת דעם שטורעם. איך פון מיין זייט דערצעהל איהם אין איין אָטעם, מיט וואָס איך האַנדעל, פון וואַנען איך קום, וואָס איך האָב דאָ אין שטאָדט פאַר געשעפטען, וואו אַרום איך קום אויפ'ן בוי־דעם. מיר טוט שטאַרק הנאה, וואָס איך האָב דאָ געטראָפען אַ לעבעדיגען מענשען. איך בין זיך ממש מחיה. ניט אומזיסט זאָגט דער פסוק: מה טוב ומה נעים — ווי גוט און וואויל איז, ווען ברידער זיצען אין איינעם אַפילו אויפ'ן בוידעם.

געזעסען זענען מיר אַזוי הויך, אַז דער רעש און דאָס געפּילדער פון

דער שטאָדט האָט זיך דאָ געהערט זעהר שוואַך. האָבען מיר דעריבער גע־קענט שמועסען, וויפיעל דאָס הארץ גלוסט, דערצעהלען איינס דעם אַנדערען מעשיות מיט פּאַטשטען, ווי אין אַ שוהל אָדער אַ בית־מדרש להבדיל, ר׳ אליהו האָט מיר דערצעהלט, אַז דער בוידעם, וואו מיר געפינען זיך איצט איז איבער אַ שטאַל פון בהמות און אַז דער בעל־הבית פון דעם הויף איז אַ יוד, אַ סימן — די פּסח׳דיגע כוסות און טעפּלעך, וואָס איך האָב צוברא־כען. מסתמא, מאַכט צו מיר ר׳ אליהו, זיצט דער בעל־הבית אַליין אויך ערגיץ וואו אויפ׳ן בוידעם אין אַ ווינקעלע בעהאַלטען, סע העלפט ניט, וואָס ער האָט אַנ׳אייגענעם הויף מיט שטאַלען מיט כל־טוב. ווארום קריכען אויפ׳ן בוידעם איז ביי יודען אַ מצות עשה שהזמן גרמא — און די מצוה איז חל אויף אַלע יודען, גרוים און קליין, ווייבער און קינדער. אגב האָט מיר ר׳ אליהו איבערגעגעבען אייניגע פּרטים פון דער דריי־גאַרענדיגער שנאה, וואָס מיר זעהן אין ווארשע: דער פּוילישער יוד האָט פיינט דעם ליטווישען יודען; די פרומאַקעס, די גאָט׳ס סטראַפּאַטשעס, קענען ניט אָנקוקען די היינטוועל־טיגע אַפּיקורסים, און דער גוי האָט פיינט אַלע יודען צוזאַמען, סיי ליט־וואַקעס, סיי היימישע, סיי אויפגעקלעהרטע, סיי פרומע. די יודען צווישען זיך רייסען זיך פאַר כבוד. קריכען איינער דעם אַנדערען אויפ׳ן קאָפּ, בלאָ־זען פון זיך און זענען מאָדנע בעלי־גאוה׳ניקעס, אָבער נאָר דעמאָלט, ווען זיי האָבען צו טאָן מיט אחינו בני ישראל. קומט זיי אָבער אוים צו בעג־געגענען זיך מיט אַ גוי, זענען זיי שטיל, ווי די קאַטינקעס: מע זיידלט זיי — און זיי שווייגען, מען שפּייט זיי אין פּנים אַריין — און זיי מאַכען זיך ניט ווויסענדיג, מע גיעט זיי קלעפּ — און זיי בוקען זיך און קניען מיט גרוים הכנעה...

אינמיטען שמועס, ר׳אליהו האָט נאָך ניט אויסגעדערצעהלט אפילו אַ העלפט יודישע שבחים, ווערט ער פּלוצלונג אַנטשוויעגען און טוט אַ שמאָרע מיט דער נאָז, אַקוראַט ווי ער האָט דערשמעקט עפּים אַ פריקרע זאַך.

— וואָס איז אייך, ר׳ אליהו? — פרעג איך איהם פערוואונדערט — וואָס זענט איהר מיר אַנטשוויגען געוואָרען אינמיטען דערינען?

— דער בוידעם האָט אויערען! — שעפּטשעט ר׳ אליהו דערשראָקען און לעגט אַרויף אַ פינגער אויפ׳ן מויל, ווי איינער רעדט: פּתח שין שאָ!

מיר זיצען מיט קלאַפּענדיגע הערצער: פון ערגיץ אַ ווינקעל לאָזט זיך פּלוצלינג הערען אַ גערויש, ווי עמיצער סאָפּעט, עמיצער ניסט.

— גוים! — זאָג איך שטיל־ערהייד און ציטער מיט אַלע אברים.

„יאָ, געוויס, אַזוי איז דאָס. דער אייגענער טרעלבויך, די אייגענע זקנה, די אייגענע לאַנגע פּאות. ב׳וואָלט איהם דערקענט אפילו אַנ׳אָבגעשונ־

דענעם" — אזוי רעדט ר' אליהו צו זיך אליין, און צו מיר דרעהט ער זיך אוים און זאגט:

— גרייט זיך, רב מענדעלע, מקבל־פנים זיין אנ'אמת'ען ווארשעווער יודען, א ווארשעווער פון קאפ ביז די פיאטעס, א ווארשעווער מיט אלע פיש-טשיווקעס, מיט אלע תנועות, מיט אלע העויות. זיין נאמען איז ר' שמשון. אליין איז ער א האלבער חסיד, א האלבער עם־הארץ דאכט זיך א בעל-הבית, און פונדעסטוועגען א קבצן. ליטוואקעס האט ער פיינט ווי חזיר און מיך אויך ניט ווענינער ווי אלע. ער האט דאס דערהערט, ווי מיר שמועסען צווישען זיך. איז דאס איהם אריין אין דער נאז, האט ער אנגע-הויבען ניסען... אט שטעלט ער זיך אויף די פיס... אט קוקט ער, אט ריהרט ער זיך פון ארט... אט געהט ער צו אונז אלע מאל נעהענטער...

ר' אליהו האט ניט אופייעט אויסריידען — אהא, יענער איז שוין דא. ער קוקט זיך איין אין אונזערע פנים'ער און שרייט אוים מיט א שמחה:

— ר' אליהו! א טייערער גאסט! וואס מאכט איהר עפעס גוטס?

— ברוך הבא, ר' שמשון! — ענטפערט איהם ר' אליהו מיט א פרעה-ליכער מינע, — האט קיין פאראיבעל ניט, איך וואלט אודאי מכבד געווען אייך מיט א פאטער־שטוהל. ווי עס קומט אזא שענעם יודען, ווי איהר, נאר וואס טוט מען, אז מ'איז אין גלות. זיצט, ר' שמשון, לאזט זיך ניט בעטען.

— איך זאל דערזעהן דעם אייגענעם טאטען, מעגט איהר מיר גלויבען, אז ס'וואלט ביי מיר ניט געווען אזוי אנגעלעגט, ווי אז איך האב דערזעהן אייך, ר' אליהו. א קאטאוועס, אזא גוטען פריינד, אזא אלטען חבר. ס'איז, זאג איך אייך, טאקי א גליק, אזוי זאל מיך גאט העלפען. און ווער איז דער יוד? — פרעגט ר' שמשון פארקאטשענדיג די פאלעס פון דער קאפאטע און זעצענדיג זיך נעבען אונז.

— דאס איז אנ'אנגעפאהרענער ליטוואק, — ענטפערט ר' אליהו.

— א קאבצאנסקער בין איך, ניט קיין ליטוואק, — קאבצאנסק איז אין גלופסקער סביבה, פון דארט בין איך א געבארענער און א דארטיגער בין איך כל ימי, — רוף איך זיך אב מיט א טענה, ווי איינער, וואס וויל פון זיך אראבנעהמען א מיאוס'ען בלבול.

— ס'איז היינו הך! — ענטפערט ר' אליהו מיט א שמייכעל.—ווער ס'איז ניט א געבוירענער א ווארשעווער, רעכענט זיך דא פאר א ליטוואק.

— נארישקייטען! וואס איז דא פאר א נפקא מינה, צו א ליטוואק, צו א ווארשעווער; מיר זענען אלע יודען, און יודען זענען ברידער... שלום עליכם! וואס הערט זיך עפים ביי אייך אין קאבצאנסק? — פרעגט מיך

ר׳ שמשון מיט א זיפּצ און שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ — ביי אייך אין קאַבצאַנסק וואָס הערט זיך עפּיס גוטס? דער אויבערשטער זאָל זיך שוין מרחם זיין איבער אונזערע יודען.

ביי אונז אין קאַבצאַנסק און אין די ארומיגע שטעדט — ענטפער איך כמשיח לפי תומו — זענען מיר שוין אָבגעקומען די צרות, ברוך השם, נאָך פאַראיאָהרען אין דער צייט, און איך הויב ניט אָן צו פאַרשטעהן, פאַר וואָס איז עפּיס ביי אייך א נדחה, ווי קומט איהר זיך אזוי פאַרשפּעטיגען — אזא גרויסע יודישע קהלה!

— פון אייערע רייד, ר׳ מענדעלע, קען מען פערשטעהן — מישט זיך אריין ר׳ אליהו — אז די צרות זענען עפּיס א מ ו ז. אזוינס וואָס אַלע יודען זענען מחויב דאָס איבערצוקומען, א שטייגער ווי דער מנהג פון כפּרות; ביזטו א יוד, טאָ מוזטו זיין דאָס כפּרה־הינדעל... און ביי אונז אין ווארשע, שטעלט אייך פאָר, האָט מען גערעכענט, אז דאָס איז נאָר א קאַבצאַנסקער קרענק, אז דאָס איז א אָנשיקעניש אויף די קאַבצאַנסקער יודען פאַר זייערע בעזונדערע חטאים. דעריבער האָבען די פרומע יודען ביי אונז זיך גאָר אינגאַנצען געמאַכט ניט וויסענדיג פון דעם קאַבצאַנסקער אומגליק, און די דייטשען אונזערע האָבען געזאָגט עפּענטליך „ברוך דיין אמת“, כדי צו ווייזען דער וועלט, אז ביי זיי איז ניטאָ קיין משוא פנים, ס׳מעג זיין אַנ׳אייגענער אָדער א פרעמדער. זיי האָבען זיך דערמיט, פער־שטעהט איהר מיר, געוואָלט אויספיינען, ווייזען, ס׳אַרא לייטישע מענשען זיי זענען.

— און איצט וואָס זאָגען זיי? איצט, אז מ׳האָט זיי דערוויזען באותות ומופתים...

אין דער מינוט דערפיהל איך א שטאַרקען קוועטש אין זייט און ווער אנט־שוויגען פאַר פּחד און וועהטאָג. דאָס האָט מיר ר׳ שמשון דערלאַנגט א קוועטש מיט כל אמצי כח און אָנגעוויזען מיט דער האַנד אויף עפּיס א נפש, וואָס איז געשטאַנען ניט וויט פון אונז, אָנגעטאָן ווי אַ דייטש, מיט א קאַפּעלוש אויפ׳ן קאָפּ. ר׳ אליהו האָט אויף איהם אויסגעשטעלט די אויגען מיט דער נאָז און בעטראַכט איהם פון וויטען, נאָכדעם זאָגט ער:

— ניש׳קשה, ס׳איז אַנ׳אייגענער, איינער פון אונזערע דייטשען, וואָס האָבען זיך געמוזט מטריח זיין צו אונז איבער ז כ ו ת ־א ב ו ת.

דער דייטש האָט זיך ניט געלאָזט לאַנג בעטען. ער איז צוגעגאַנגען און האָט זיך פאַרנייגט מיט א ליעבליך שמייכעלע, זים ווי האָניג.

— שלום עליכם, ברידער, בני ציון היקרים! — זאָגט ער צו אונז מיט א ווייך קול. — ווי גליקליך בין איך, וואָס איך טרעף דאָ אייגענע מענשען. ערלויבט מיר זיך אַנידערזעצען נעבען אייך און שעפּען פון אייערע

קלוגעווערטער. יורען אז זיי ריידען, איז תמיד דאָ וואָס צו הערען און פון וואָס זיך אָבצולערנען, וואָרום זייער שמועס איז פול מיט וויץ און מיט חכמה.

— א י ה ר רעדט דאָס, פאַני אַלבערט! — רופט זיך אָן רב׳ שמשון, שרעקליך פערוואונדערט. — איהר זאָלט דאָס וועלען זיך סקאָמפּאַניען מיט פּראָסטע יודען!... פאַן אַלבערט בכבודו ובעצמו!...

— זייט זשע מוחל, ר׳ שמשון, רוקט זיך אָב אַביסעלע, וועל איך זיך זעצען, — ענטפערט דער דייטש מיט אַ פריינדליכען שמייכעל. — עס פרעהט מיך זעהר, וואָס איך טרעף דאָ אַזאַ טייערען בעקאַנטען. איהר האָט דאָך נאָך געקענט מיין פאָטער עליו השלום. וואָס זאָגט איהר, ר׳ שמשון, געווען אַנ׳עהרליכער יוד, האַ?

— אייער פאָטער פייבוש, זכרונו לברכה, האָב איך טאַקי זעהר גוט גע־קענט, — ענטפערט ר׳ שמשון — געווען אַ כשר׳ער יוד, אַזאַ יאָהר אויף מיר, רבונו של עולם. איך זעה איהם נאָך איצט ווי אַ לעבעדיגען, מיט זיין הדרת־פּנים, מיט דעם גרויסען ארבע כנפות, מיט דער לאַנגער באָרד און די געגרייזעלטע פּאות. איהר האָט טאַקי זיין אָנבליק, פאַני אַלבערט, די אייגענע נאָז, דער אייגענעם פּנים, ר׳ פייבוש מיט אַלע ביינדלעך. נאַר... ווער האָט זיך דאָס געקענט ריכטען, אַז ר׳ פייבוש וועט גאָר הייסען פאַביאַן און זיין זוהן אברהמ׳ל — אַלבערט.

— ניט דער נאָמען איז דער עיקר — פערענטפערט זיך דער דייטש, — גלויבט מיר, ר׳ שמשון, אַז אין האַרצען בין איך אַ נאַציאָנאַליסט, אַ גרוי־סער נאַציאָנאַליסט.

— אָט דאָס זאָג איך דאָך טאַקי, — זיפצט ר׳ שמשון און שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, — אָט דאָס איז דאָך טאַקי דער אומגליק, וואָס איהר זענט אַ פאָלגער גוי. אָבער אויף אַזוי פיעל האָב איך גאָר ניט חושד געווען, איהר זאָלט נאָך זיין אַ נאַציאָנאַליסט דערצו אויך!

— וואָס רעדט איהר, ר׳ שמשון! — צולאַכט זיך דער דייטש, — נאַציאָנאַליסט הייסט אַזוינער, וואָס איז איבערגעגעבען, צוגעבונדען...

— צוגעבונדען, שעהנע דרשות! — קרימט זיך ר׳ שמשון, — ווע‍מען דערצעהלט איהר מעשיות? אויב דאָס איז די טייטש נאַציאָנאַליסט, איז שפּיפון שוין גאָר ניט די טייטש פּיפערנאָטער, נאַר אַ קוה איז געפלויגען איבער׳ן דאַך און געלעגט אַנ׳איי... אדרבא, לאָמיר פרעגען אָט די יודען, וואָס וועלען זיי זאָגען.

— לאָזט געמאַך, ר׳ שמשון, וואָס האָט איהר צו זיי — פרוב איך זיך אָננעהמען די קריוודע פון׳ם דייטש, וואָס איז נעבעך מגולגל געוואָרען אויפ׳ן בוידעם און זוכה אַ בעהאַלטעניש אונטער די פליגעל פון דעם יודישקייט.

— דער עיקר איז דאָך דאָס, וואָס זיי מיינען מיט׳ן וואָרט. און זיי האָבען אייך דאָך געזאָגט בפירוש, אז זיי זענען איבערגעגעבען צום יודישען פאָלק און צוגעבונדען צו איהם מיט׳ן גאַנצען הארצען.

— מליצות פערשטעה איך ניט — האָט זיך ר׳ שמשון פער׳עקשנ׳ט און געוואָרפען מיט הענד און מיט פיס. — איך וויים מעהר ניט, אז א יוד — איז א יוד — ווייטער גאָר ניט. זיין פאָטער ר׳ פייבוש — דער איז געווען א יוד, מקיים געווען אלע תרי״ג מצוות און אלע יודישע מנהגים: אויפגעשטאַנען צו חצות, געפאַסט תעניתים, געגעסען ערב תשעה באב אנ׳איי מיט אש, געוויינט און געקלאָגט אויף חורבן בית המקדש. דאָס הייסט ביי מיר א יוד, אָהן חכמות, אָהן אויבערשפּיצלעך, פּראָסט פּשוט א יוד, אָהן שום מליצות...

— ווען איהר וואָלט ווערט געווען ביי גאָט, ר׳ שמשון, וואָלט איהר פערשטאַנען דעם פשט פון די דאָזיגע מליצות און וואָלט געוואוסט, וואָס עס שטעקט אין זיי טיעף טיעף.

אזוי זאָגט מיין ר׳ אליהו און לאָזט זיך אריין אין א הארבען שמועס וועגען יודישקייט. פאַרהאַן, מיינט ער, פערשיעדענע מדרגות צווישען די נשמות פון אחינו בני ישראל; איין נשמה איז ניט גלייך צו דער אנדערער ניט מיט איהרע נטיות, ניט מיט איהרע גענג, ניט מיט איהר שליחות אויף אונזער זינדיגער ערד, וואָרום יעדע נשמה האָט זיך אנ׳אנדער שורש, יעדע שטאַמט פון א בעזונדערער וועלט. אָט, למשל, אזוינע יודען ווי פייבוש — זייער נשמה איז פון דעם עולם המעשה, זי ווייסט נאָר פון ט ו ן, זי טראָגט אָהן טענות ומענות דעם עול פון דער תורה, דעריבער קומט איהר אוים צו ליידען אויף דער וועלט צרות מיט ווערהטאָגען מיט שלעק, דעריבער ווייסט ניט אזא ר׳ פייבוש פון קיין חיי שעה און אלע זיינע יאָהרען זענען איין לאַנגע קייט פון מאַטערניש און פּלאָג... פאַרהאַן אָבער יודען מיט גאָר אנדערע נשמות: ביי זיי לעבט דאָס יודישקייט נאָר אין דער פאַנטאַזיע, אין דעם כח הדמיון, זייער קראַפט איז נאָר אין ריידען, זייער ארבייט איז זאָגען שירות ותשבחות...

אזוי האָט ר׳ אליהו גע׳דרשנ׳ט פאַר אונז, און וואָס ווייטער, איז ער פערקראָכען אין העכערע דרכים, פערטיעפט זיך אזוי שטאַרק, אז מיר זענען געזעסען ווי געפּלעפּט, אביסעל צוטומעלט, און האָבען גאָר זיך ניט אומגע־קוקט אויף א נייע פּאָר יודען, וואָס זענען ארויסגעקראָכען פון די לעבער און זיך צוגערוקט צו אונז

א קוק געגעבען אויף די יודעלעך, האָט מען באַלד געקענט דערקענען, אז זיי געהערען צום "עולם המעשה„. ביידע מאָגערע, דאַרע ווי די האָרטען, נאָר מיט דעם חלוק, וואָס איינער איז א דאַרער און א לאַנגער, דער אנדערער

א דארער און א קורצער,ביידע רירעוודיגע, ספריטנע, האלטען, דאכט זיך, אין איין לויפען. פון די דאפעלטע אברים טוט ביי זיי יעדערער א בעזונ־דערע ארבייט: איין אויג קוקט קיין צפון דאס אנדערע קיין דרום; דאס רעכטע בעטראכט עפעס אויבען, דאס לינקע פערפליהט גאר קיין בויבעריק; איין אויער הערט, וואס מען רעדט דא, דער אנדערער חאפט פון דער לופט, וואס מען רעדט ערגעץ אנדערש, דערפאר די נאז טוט צוויי שליחות׳ן מיט אמאל: ערשטענס סאפעט זי און שמעקט און נישטערט, צווייטענס פער־קרימט זי זיך משונה, דרעהט זיך אהין און אהער און זעהט אויס אזוי, אקוראט ווי זי מעקלערט עפים ביי די איבעריגע חושים, אקוראט ווי זי העלפט זיי אין זייער ארבייט. איהר טוט א קוק אויף אזא מין דרעה מיט דער נאז, פערשטעהט איהר באלד אויפ׳ן שכל, וואס דאס אויג זעהט און דער אויער הערט, וואס דער מוח קלעהרט און דאס הארץ פיהלט, פערשפארט איהר שוין ווארטען, ביז דאס מויל וועט אייך דערצעהלען אלצדינג איינס און איינס. געגוג איין „עט!“, א פאר אבגעהאקטע ווערטער, א סמאטשקע מיט די ליפען — און פארטיג, איהר ווייסט שוין אויף קלאר, וואס מען מיינט. ווען מען רעדט, למשל, פון יודישע פרנסות, איז דאס מויל גאר ניט ביכולת צו מסביר זיין אלצדינג אזוי פערשטענדליך, ווי די נאז. איין קרים, איין שמארע מיט א משונה ביי־קול — און מען זעהט שוין בחוש: א נעכ־טיגער טאג, א זאך וואס ניט געשטויגען, ניט געפלויגען, עט, א פוסטער נארישער חלום!... די הענד ביי אונזערע יודעלעך רוהען ניט א רגע: זיי טאפען כסדר זיך און יענעם, שטופען אייך, טארען אייך פון פארענט און פון הינטען, פערקריכען צו אייך אין בארד און פאות און פערטייטשען אייך וואס מע רעדט, דרעהענדיג מיט די פינגער.

אין פלוג זענען די אלע שעהנע יודישע מדות גאר ניט קיין נייעס. וויפיעל אזוינע יודעלעך בעגעגענט איהר אין גאס לויפענדיג, איילענדיג, אונטערשפרינגענדיג, ארבייטענדיג מיט אלע אברים, קריכענדיג איינער דעם אנדערען אין פנים אריין, — און איהר קוקט זיך אויף זיי גאר ניט אום. אבער דא, זיצענדיג בישיבה של מעלה, איז מיר געווארען, אויף זיי קוקענדיג, ניט גוט ביז צום חלש׳ן; עפים מאדנע געדאנקען האבען מיר אנגעהויבען קריכען אין מוח. עפים זענען מיר זייערע תנועות, זייערע פיהרעכצען געווארען אזוי פריקרע, אזוי פרעמד, אקוראט ווי איך זעה זיי דאס ערשטע מאל.

רבונו של עולם! — האב איך מיר געטראכט — אלע מענשען, וואס דו האסט בעשאפען אין דיין געשטאלט, זענען זיך נוהג מיט זייער גוף, ווי מיט עפים רעכטס, האלטען איהם אין חשיבות, און די נשמה זייערע יאגט איהם ניט און מארדעוועט איהם ניט; א מענש, כל זמן ער לעבט, טוט ער זיך זיין

ארבייט רוהיג, זיכער, ווי א בעל־הבית אויף דער וועלט, זיינע אברים ריהרען זיך פּאַוואָליע, איינגעהאַלטען יעדערער אין זיין צייט. טו אָבער א קוק אויף דיינע יודעלעך, ווי זייער גוף איז צובראָכען, צושרויפט, צורודערט. זייער נשמה איז ענג אין איהר דירה, שפּאַרט זי זיך אַרויס און בלייבט הענגען אויפ׳ן שפּיץ נאָז; זי טרייסעלט זיך מיט זייער יעדען אבר, ציהט פאר אַלע אָדערען, שמייסט זיי ווי בעל־עגלה זיינע פערדלעך, שטופּט זיי און שטויסט זיי און טאָרעט זיי און ברעכט זיי, און זיי ציטערען און פלאַטערען און יאָגען זיך און איילען און וואַרפען זיך ווי אין קדחת! רבונו של עולם, א משונה פאָלק זענען דיינע יודעלעך, איך פערשטעהע זיי ניט!

און ווי איך קלער מיר אַזוי, פליהט אַרויס א טויב פון איהר נעסט אין ווינקעל בוידעם און בלייבט שטעהן אויף א בעליק פונקט אַנטקעגען מיר. זי שפּרינגט אַהין, אַהער, זוכענדיג א קערענדעל, זי שוועבט העכער, נידער־ריגער, פּיקט מיט׳ן שנעבעלע, שטעלט אויס דאָס קעפּעל און קוקט זיך אַרום. דערזעהען, אַז איך קוק אויף איהר, טוט זי א מאַך מיט די פליגלעך, און בלייבענדיג שטעהן פון ווייטען, שטרעקט זי אויס דאָס העלזעלע, פינטעלט מיט די אויגעלעך, און קוקט, קוקט אויף מיר אַזוי טרויעריג, אַקוראַט ווי זי וויל מיר זאָגען: אוי, רב מענדעלע, ס׳זאָל אייך גאָר קיין חידוש ניט זיין, וואָס איך בין אַזאַ שפּרינגערקע, אַזאַ פלאַטערדיגע, מיין ביטער מזל טרייבט מיך דערצו. מיינע עלטערען און מיינע עלטערענס עלטערען האָבען ניט געוואוסט דערפון: זיי האָבען צוזאַמען מיט אַנדערע פויגלען געלעבט אויף א שעהנער אינזעל אינמיטען ים; דאָרט איז געווען א רחבות, קיינער האָט זיי ניט געטשעפּעט, קיינער האָט זיי קיין בייז ניט געטאָן, פלעגען זיי זיין געלאַסען, רוהיג, זיכער און האָבען ניט געוואוסט, וואָס ציטערען הייסט. זינט אָבער די שונאים זענען אויפגעשטאַנען צו לויערען אויף מיר, בין איך געוואָרען גאָר אַנאַנדער פויגעל: איך שרעק זיך פאר יעדען שאָרך, איך ציטער פאר יעדען קוק, אפילו מיין גוף און מיין נאַטור האָט זיך אינגאַנצען פערביטען. און דאָס וואָס איהר פרעגט, פון וואַנען דאָס נעהמט זיך, זאָלט איהר וויסען, אַז אַלע פערענדערונגען, וואָס קומען פאַר אינ׳ם גוף און אין דער נשמה פון א בעשעפעניש צוליעב די פערשידענע טרעפעגישען פון זיין לעבען ווערען איבערגעגעבען בירושה פון דור צו דור. אַזוי אַז די קינדער קומען ניט ווילענדיג אַרויס אויף דער וועלט שוין פאַרטיגע, מיט א גע־וויסען כאַראַקטער. אַזוי איז דער כלל. געדענקט זשע דאָס און פרעגט מעהר ניט קיין קשיות.

— אוי, טייבעלע, טייערס! אוי, ליעבע כנסת־ישראל! — האָב איך געזיפצט מיט א שווער האַרץ.

„טאָ פרעגט זשע ניט קיין קלאָץ־קשיות“... — דערהער איך פלוצים

ריידען נעבען מיר און עמיצענס א האנד האפּט מיך אָהן ביי דער קניע און טאָרעט מיך. דאָס האָט דער לאַנגער יוד זיך געאַמפּערט מיט׳ן קורצען, נאָר איך האָב ביז אַהער ניט געהערט זייער וכוח, ווייל איך בין געווען פער־טיעפט אין גדאַנקען. איך קוק זיך אום: דער קורצער איז שטאַרק פער־פלאַמט, האלט מיט ביידע הענד זיין חבר ביי דער פּאָלע און רעדט, טענה׳ט, קאָכט זיך פאַר די איבעריגע, ווי איינער אויף א דין־תורה:

— בלאָטע שבבלאָטע, זאָג איך אייך, פּוסטע דבורים!.. וואָרט א ווײַלע, לאָזט מיך — היצט זיך דער קורצער און שפּרינגט דעם לאַנגען אין פּנים אריין, צופּענדיג איהם ביי דער פּאָלע — הערט, וואָס א י ך וועל אייך זאָגען, הערט! די מעשה דערפון איז אַזוי, מיר געהען צום וואָקזאַל געהען מיר, איך און ער, פּלוצים א רעש א געפּילדער... זאָג איך איהם: רב יעקב, קומט, זאָג איך, אַניט פערשפּעטיגען מיר דעם יריד אין בויבעריק! מאַכט ער צו מיר: איך האָב מורא פאַר די כלבים האָב איך, א קשיא אויף א מעשה, זיי קענען מיר נאָך וואַרפען א שטיין, ימח שמם זאָלען זיי ווערען. זאָג איך: וואָס איז, איהר זענט עפּיס א פּאַרצעלייענער אָדער א גלעזערנער, זענט איהר, וואָס איהר ציטערט אַזוי פאַר א קלאַפּ? קומט, ברודער, זאָג איך איהם, בויגט איין, זאָג איך, דעם קאָפּ און לאָמיר געהן, ווארום פּרנסה איז ניט קיין שפּילכעל — פּרנסה, און אז מיר פערשפּעטיגען דעם יריד ליעגען מיר ביידע, ברוך השם, אין דער ערד ליעגען מיר. מיינט איהר, ער הערט? רעדט צו דער וואנד און רעדט צו איהם איז אַלץ איינס. איך זאָג: בויבעריק! און ער טענה׳ט: כלבים! איך בעט זיך ביי איהם: ס׳טייטש, יריד! און ער ענטפערט: ער האָט מורא! גאָט איז מיט אייך, זאָג איך איהם, ר׳ יעקב, וואָס טוט ניט א יוד צוליעב פּרנסה? ס׳איז דען עפּיס א נייעס איז דאָס? ס„איז דאָך מעשים בכל יום, זאָג איך, א יוד שטעהט דאָך תמיד אוים אַלערליי שלעק און מאַכט זיך גאָר ניט וויסענדיג דערפון. אם כן, זאָג איך, מורא האָבען פאַר א קלאַפּ — וואָלט מען דאָך געדאַרפט גאָר איינ־גאַנצען זיך אוועקלעגען און שטאַרבען, שונאי ציון, זאָג איך צו איהם. אפילו גבירים זאָג איך, בויגען זיך אין דרייען קריכען אויף אַלע פיער און זענען מקבל באהבה א קלאַפּ און א שפּיי אין פּנים אבי פּרנסה. ווער שמועסט אַזוינע אביונים ווי מיר... ניט געזאָרגט, רב יעקב! זאָג איך צו איהם, מיר האָבען א גרויסען גאָט האָבען מיר. פערגעסט ניט, זאָג איך, אז מיר זענען קבצנים עניים, דלפנים, זאָג איך, פערגעסט ניט, אז איהר האָט איבערגעלאָזט אין דער היים א ווייב מיט קינדער אָהן א קאָפּיקע ביי דער נשמה; פערגעסט ניט זאָג איך, אז איך, אייער שותף, האָב אויך א פולע שטוב מיט קינדער, קיין עין הרע, אז אונזערע טעכטער פערזיצען אָהן נדן אז די מלמדים רייסען די הויט שכר למוד, אז דער בעל־הבית

מאַנט דירה־געלד, אַז דער יריד איז אונזער גאַנצע אַנהאַלטעניש, דער יריד זאָג איך. נאָר געה, רייד, טענה, אַז סע נעהמט איהם ניט. ער האָט זיך איינגעשפּאַרט: ניין, ניין און ניין! וואָס זאָגט איהר מיר, מאַכט ער, בוי־בעריק, רב שמואל? איך האָב מורא, זאָגט ער; אַפילו צו די רויטע יודעלעך וועל איך ניט געהן איבערן סמבטיון ווייל ער וואַרפט מיט שטיינער, זאָגט ער, אַ כל שכן קיין בויבעריק. און וואָס מיינט איהר — כך הוה! ער נעהמט די פיס אויף די פּלייצעס און לויפט, איך פוץ נאָך איהם! הערט, רבותי! סאיז דאָך אַנ'אַקט מיט אַ יודען, זאָג איך אייך. ער האָט מורא פאַר גזלנים האָט ער — און אַליין איז ער אַ גזלן אויף זיין אייגענע ווייב און קינדער און אויף מיר, זיין שותף — אַנ'אמת'ער גזלן, זאָג איך אייך. אַ מענש שטאַרבט סיי ווי זיעבען מאָל אַ טאָג פאַר הונגער — און דאָ איז ער פּלוצים געוואָרען אַ ציטעריגער, ער האָט מורא פאַר שטאַרבען. אַז אָך און וועה איז מיר, זאָג איך אייך, אַז אך און וועה צו מיינע גאָלדענע געשעפ־טען. אַז סך־הכל זיך איך דאָ און דער קאָפּ איז מיר אין בויבעריק! גע־וואַלד, יודען, דער יריד, דער יריד, יודען!...

אַזוי רעדט שמואל דער קורצער, זיפצענדיג מיט אַ שווער געמיט, און דערביי שטרעקט ער אויס אַהאַנד און טאַפּט אָן רב שמשונ"ס בויך.

— דער וועהטאָג איז אודאי זעהר גרויס, מיר מוזען אָבער מקבל זיין באהבה אַלצדינג — פּרובט רב שמשון צו טרייסטען שמואל דעם קורצען. און דערביי רוקט ער זיך אָב. כדי יענעמס האַנד זאָל איהם ניט דערלאַנ־גען. — זאָרגט ניט, רב שמואל, דער אויבערשטער וועט אייך ממלא זיין. נאָך אַ שעה, צוויי, וועט ווערען שטילער, וועט איהר קענען פאָהרען קיין בויבעריק..

— הערט, אָט דאָס טענה איך דאָך! — חאַפּט זיך אויף ר' יעקב — ס'טייטש, אָט דאָס האָב איך איהם דאָך געזאָגט פון אָנהויב אָן: ווילט ניט זיין קליגער פון אַלע יודען, ר' שמואל. „חבי כמעט רגע", ווי אין פּסוק שטעהט. לאָמיר איבערוואַרטען, זאָג איך, ביז ס'וועט ווערען שטילער. נאָכדעם וועלען מיר פאָהרען גלייך מיט אַלע יודישע סוחרים.

— ער זאָגט! — קרימט איהם איבער ר' שמואל דער קורצער, שפּרינ־גענדיג אויף ר' יעקב'ן און אָנטרעטענדיג איהם אויף די פינגער פון די פיס — ער זאָגט, פּססס... געהערט אַ גרויסע חכמה! „ס'וועט ווערען שטי־לער"! אַז סך־הכל ווערט דאָך קיינמאָל ניט שטילער, זינט די יודען זענען אין גלות. אדרבא. מיר וואַלטען געמעגט וואַרטען... אונז, יודעלעך, וועט שוין זיין גוט אָדער אויף יענער וועלט, אָדער לשנה הבאה בירושלים... און אַז ניט, טאָ מאַך ניט קיין טענות: געה, רוק זיך, בן־אָדם, און זאָל דער אויבערשטער פיהרען, ווי ער פערשטעהט. אונזערע עלטערען האָבען אויך

שטענדיג געבויגען דעם קאָפּ, און פונדעסטוועגען האָבען זיי, ניש׳קשה, גע־מאַכט גאָר ניט קיין שלעכטע געשעפטען...

אָט אזוי האָט זיך געצויגען דער שמועס, ביז ס׳איז אַרויפגעקומען אויף מסחר, און אויפ׳ן בוידעם איז געוואָרען א יריד. יודען ריידען וועגען משא מתן, ווייזען ארוים זייער חריפות. יודען האָבען טאַקי שטאַרק חשק צו מאַכען עפּים א געשעפטעל, שלעפּט מען ארוים פון דער קעשענע און מע ווייזט איינער דעם אנדערען פּראָבעס, און מע טרעפט א מקח, און מע דינגט זיך. נאָר איך האָב ניט געהאַט, וואָס אריינצוריידען, וואָרום מה אנו ומה חיינו, וואָס איך סך־הכל מיין מסחר — יודישע ספרים, וואָס קיינער דאַרף זיי ניט און קיינער וויל זיי ניט קויפען. בין איך מיר געזעסען א פער־צאַגטער, און אין די אויערען האָבען מיר אַלץ געקלונגען שמואל דעם קור־צען׳ס ווערטער. שרעקליכע בילדער האָבען זיך מיר פאַרגעשטעלט אין מיין פאַנטאַזיע, א געוועב פון שווערע נסיונות האָט זיך געצויגען פאַר מיינע אויגען. אין דעם געוועב פאַרפּלען זיך, ווי פליגען ביי דער גסיסה, אַלערליי סוחרים און מעקלערס און חלפנים און קרעמערס און הענדלערס און שדכנים און אנדערע יודען מיט משונה ווילדע פּרנסות. אַלע מאַטערען זיך, מוטשען זיך אויפ׳ן טויט, שרייען געוואַלד — די פּרנסה קומט זיי אָן ערגער ווי קריעת ים סוף. אַלע לעבען אין הוילע ציטערניש, קיינמאָל ניט זיכער מיט לייב און לעבען. אַלע קלאָגען זיך, בעוויינען זייערע וויסטע יאָהרען, זייער שפּלות, זייערע חרפּות בזיונות, וואָס סע קומט זיי אוים צו ליידען בגלוי ובסתר, יעדערער ווערליג זיין פּרנסה. א בייטש, א אומדערבאַרעמדיגע בייטש הענגט איבער יעדען פון זיי, א צורר — אנ׳אכזר פערזאומערט דאָס לעבען, פערשוועכט דעם כבוד, פער׳מאוס׳ט יעדע ארבייט, מאַכט א תל פון דעם מענשען׳ס נשמה... די בילדער וועבען זיך, ציהען זיך, גאַנצע מחנות פערקלאָגטע, פערביטערטע, געפּייניגטע, צעוועהטאָגטע געהען דורך פאַר מיינע אויגען, און זייערע קולות, זייערע זיפצען, זייערע קרעכצען גיסען זיך צונויף אין איין מורא׳דיג געזאַנג, וואו עס הערט זיך דאָס מיאוקען פון קעץ, דאָס פּישטשען פון מייז, דאָס בילען פון הינד דאָס געפּילדער פון טשערעדעס, דאָס הילכען פון דונערס, דאָס פּייפען פון שטורעם־ווינדען, דאָס רוישען פון שטאַרקע, ברייטע, מעכטיגע טייכען. אוי, איז דאָס א געזאַנג! אזוי זינגען שדים, רוחות, מלאכי־חבלה אין פינסטערען גיהנם, ווען זיי טאַנצען מיט ווילדע מכשפות אויף זייערער א חתונה פאַר סמאל׳ן און זיין ווייב לילית.

— אוי, שמואל, שמואל, וויפיעל וועהטאָגען דיינע ווערטער האָבען אויפגערירט אין מיין הארצען! אוי, סע טהוט אזוי וועה... הער זשע אויף, שמואל, לאָז געמאַך! — האָט עפּים געשריגען אין מיין נשמה.

איך האָב זיך אויפגעהויבען און בין צוגעגאַנגען נענטער צו דער חברה, כדי צו פערטרייבען די שווערע געדאַנקען.

דאָרט איז געווען שטיל. דער עולם האָט געזיפצט, יעדערער פאַר זיך, און מעהר פון אַלע רב שמשון וועלכער האָט זיך אַלע ווייִלע געקראַצט, געטאַפּט זיך ביי׳ם בויך, געקנייטשט מיט די פּלייצעס. געמאַכט מאָדנע העוויות, בעלעקענדיג זיך אַלע מאָל מיט דער צונג און שלינגענדיג דאָס שפּייעכץ, ווי איינער רעדט: אוי, געוואַלד, עסען!... רב שמשונ׳ס מאָגען, פערשטעהט איהר מיך, איז אַ פּראָסטע בריאה, ווי אַלע מאָגענס; ער וויל גאָר ניט וויסען פון די אַלע חקירות און שפּאַרענישען וועגען עקאָנאָמישע געזעצען און וועגען מענשליכע רעכט און וועגען אַנדערע אַזוינע טיעפע ענינים; ער געהט זיך מיט זיין גאַנג, אַז אַ מענש מוז ע ס ע ן, וואָרום אויף דערויף איז ער בעשאַפען געוואָרען, אַ מענש מוז זאָרגען פאַר זיין קישקע כל זמן ער לעבט, און דאָ העלפען ניט קיין שום וכוחים און קיין שום לאָדענישען. רב שמשונ׳ס מאָגען האָט געשריגען אין איין אָטעם: עסען! די איבעריגע מאָגענס, מיינער אויך בתוכם, האָבען אונטערגעהאָלפען, און אַלע אינאיינעם האָבען געזונגען איין מזמור: עסען, עסען, עסען!

גאָט גרייט אָבער אָן די רפואה פאַר דער מכה. אַנטלויפענדיג האָב איך מיטגענומען מיט זיך דאָס רענצעל, וואו עס איז געווען אַ היבש ביסעל צדה לדרך; איצט האָב איך אָנגעהויבען טאַפּען אַרום און אַרום און אַז איך האָב עס מיט מזל געפונען, האָב איך געבעטען דעם עולם עסען. יענע איז געוואָרען ליכטיג אין די אויגען, ווען זיי האָבען דערזעהן די טייערע מאכלים: ברויט און רעטעך און אוגערקעס און ציבעלעס און קנאָבעל. נאָר באַלד איז די שמחה פערשטערט געוואָרען און אַלע האָבען אַראָבגעלאָזט די נעז: ס׳טייטש, ניטאָ קיין וואַסער צום וואַשען. וואָס זאָל איך אייך זאָגען, מען זאָל גאָר דערצו ניט געפּרובט ווערען: מענשען זענען הונגעריג, סע פאַלט זיי ארויס די נשמה, און דאָ ליעגען פאַר זיי אַזוינע געשמאַקע פּאַטראַוועס און זיי טאָרען נט געניסען. סע איז געווען ווי מיט יענעם זינדיגען אין גיהנם, וואָס סע הענגען איהם איבער׳ן קאָפּ צווייגען אָנגעזעצט מיט די בעסטע פירות. און אַז ער וויל זיך צורירען צו זיי, רוקען זיי זיך אָב העכער. הקיצור, מיר האָבען געהאַט, לא עליכם, שטאַרקע הארץ־קלעמעניש, ביז דער אויבערשטער האָט זיך אויף אונז מרחם געווען און מיר האָבען זיך דערמאָנט, אַז בשעת הדחק מעג מען אָבריבען די הענד אין די באַלקענס פונ׳ם דאַך איז מען אויך יוצא. מיר, פּשוט׳ע יודען, האָבען ניט געמאַכט קיין סך שהיות און האָבען געריבען די הענד אין יעדען בעליק,

וואָס האָט זיך אונז געטראָפֿען. דער דייטש אָבער, וואָס איז געווען אַ גרוי־סער צוכט, האָט זיך אָבגעשיידט פֿון דעם איבעריגען עולם און איז געגאַנגען זוכען אַ ריינע קראָקווע. זוכענדיג, האָט ער געפֿונען אין עק דאָך אַ פֿול קריגעל מיט וואַסער און האָט עס בכבודו ובעצמו געבראַכט צו אונז מיט שמחה. מיר האָבען זיך געוואַשען, ווי עס געהער צו זיין, און אָבגעווישט די הענד מיט אונזערע פּאָלעס מחילה. רב שמשון האָט מיט איין פּאָלע פֿון זיין קאַפּאָטע געווישט זיינע אייגענע ידים און די אַנדערע פּאָלע האָט ער גע־געבען דעם דייטש, וועלכער איז ביי איהם דערהויבט געוואָרען צו דער מדרגה פֿון אַ בעל־תשובה.

היט זיך, רבותי, דאָ זענען פּסח׳דיגע כלים! — האָט דער דייטש אונז געוואָרענט בשעת׳ן עסען, כדי צו בערימען זיך מיט זיין יודישקייט.

— דאָס זענען געוויס פּסח׳דיגע כלים און דער גרויסער כוס דאָרטען איז דער כוס פֿון אליהו הנביא. זייט זשע מוחל, רוקט זיך אָב אַביסעל ווייטער, כדי ס׳זאָלען ניט פֿאַלען אהער קיין ברעקלעך, חלילה.

אַלע האָבען זיך אָבגערוקט, קוועלענדיג פֿאַר נחת. איך בין אויך פֿרעהליכער געוואָרען און גענומען בעטראַכטען די קאָמפּאַניע.

— וואָס איז דאָס? — פֿרעג איך פֿערוואונדערט, דערזעהענדיג, אַז ר׳ שמשון איז אָנגעטאָן אין׳ם דייטש׳ס קאַפּעלוש און דער דייטש אין ר׳ שמשונ׳ס זיידענעם קאַשקעט און ביידע האָבען אַ פּנים פֿון חוזק. — וואָס האָט איהר דאָס פֿלוצים פֿערביטען די יוצרות?

— איצט זעהט איהר שוין, רבותי, האַ? וואָס האָב איך דען געזאָגט פֿריהער: רב מענדעלע, קיין עין־הרע זאָל איהם ניט זיין, האָט פּשוט געחאַפּט אַ דרעמעל. איצט זעהט איהר שוין אַליין, אַז איך בין גערעכט!

— אַזוי זאָגט ר׳ שמשון צו דער קאָמפּאַניע, און אַליין קוועלט ער אָן, שמעלצט זיך ממש פֿאַר שמחה, אַקוראַט ווי ער האָט וועך ווייסט וואָס אויפֿגעטאָן.

—יאָ, רב מענדעלע, איהר האָט, ס׳זאָל אייך צו קיין חרפּה ניט זיין, אַביסעלע אונטערגעדרעמעלט, ווייסט איהר ניט, וואו מיר האַלטען אין דער תפֿלה. הער אַלבערט...

— רופֿט מיך ניט אַלבערט, — האַקט דער דייטש איהם איבער די רייד,

— רופֿט מיך אברהם, מיר האָבען דאָך אַזוי אָבגערעדט.

— וואויל, יישר כחכם! — זאָגט ר׳ שמשון, און דאָס פּנים שיינט ביי איהם, ווי די זון אינמיטען תמוז. — בשעת איהר, רב מענדעלי, זענט געשלאָפֿען, האָבען מיר געבעטען אַט דעם אדון ר׳ אברהם, ער זאָל מוחל זיין זיך אַרויפֿדראַפּען אויף די באַנטעם און אַ קוק געבען, וואו האַלט עס אינ־דרויסען... אויף דראַפּען זיך און קלעטערען, מוזט איהר וויסען, איז ער טאַקי אַנ׳עלוי, אַ תכשיט, אַ גאון בישראל. נאָר וואָס דען, דעם קאַפּעלוש

זיינעם האָט זיך בשעת מעשה געטראָפען אַ מכשול: ער האָט זיך אָנגע־שטויסען אָן אַ קראָקווע און איז אַראָבגעפאַלען. ס׳איז דאָך אָבער אַנ׳עבירה, אַ יוד זאָל קריכען בגלוי ראש, האָב איך איהם געגעבען מיין קאַשקעט און אַליין אָנגעטאָן זיין ספּאָדיק. פּאַרו עלי ופאַרי עליו. איצט ער טאַקי אַנ׳־אמת׳ער פ י י ב ו ש מיט אַלע ביינדלעך. איך קוק איהם אָן און איך האָב באמת הנאה, ווי איהר זעהט מיך אַ יודען! אַ קליינינקייט — זכות אָבות. ניט אומזיסט זאָג מען: אַ יודישע נשמה קען מען ניט שאַצען. אַ יוד בלייבט אייך אַ יוד, צי ער וויל, צי ער וויל ניט. וואַרט, איך וועל אייך דערצעהלען, וואָס איך האָב געהערט פונ׳ם אַלטען, זכרונו לברכה...

— און וואָס הערט זיך עפּיס דאָרט, אונטען? — טו איך אַ פרעג, בשעת ר׳ שמשון האַלט זיך ביי דער באָרד און איז זיך מכין צו אַ ברייטען שמועס.

פיער פּאָר אויגען האָבען אויף מיר אַ קוק געטאָן מיט אַ מאָל. אין דעם קוק איז געווען אי האַרץ־ווערהטאָג, אי חרפּה, אי קלעמעניש, — אַ שטויי־גער,, ווי אין דעם קוק פון אַ קינד וואָס האָט בעקומען אין חדר קלעפּ, שמיץ און סטוסאַקעס, און די מאַמע פרעגט עס, וואָס האָט עס אַזאַ שלעכט פּנים. דאָס קינד שווייגט, זאָגט ניט אַ וואָרט, און די מאַמע פערשטעהט שוין אַליין, וואָס בעטייט דער קוק. וואָס בעטייט דאָס שווייגען... אוי, פער־שטעהט זי!

אָט אַזוי זענען זיך יודען געזעסען אויפ׳ן בוידעם און געשמועסט פון וועלט־זאַכען, אַריינגעבראַקט אַלע מאָל אַ גלייך־ווערטעל, אונטערגעפע־פערט מיט אַ וויץ, אַריינגעמישט ווען ניט ווען אַ שטיקעל תורה ,אַנ׳אגדתא — און דער דייטש זיצט און הערט און שלינגט יעדעס וואָרט און ווערט ממש גרעבער ווי לענגער. ער אַליין מישט זיך אויך אַריין אין שמועס, לויבט דאָס יודישע פאָלק אין טאָג אַריין, קלאַפּט זיך על־חטא אויף זיינע אייגענע זינד און אויף די זינד פון זיין גלייבען, וואָס האָבען זיך געלאָזט פערפיהרען פון דער סטרא אחרא און האָבען פערלייקענט זייער יודישקייט. הכלל, אין דער ישיבה של מעלה איז געווען שלום ושלוה. אוים קנאה, אוים שנאה, אוים רוגזה. אַלע קוועלען אָן איינס פונ׳ם אַנדערען. דער חסיד איז אַ ברודער מיט דעם מתנגד, און דער משכיל מיט זיי ביידען; ר׳ אליהו דער ליטוואַק און ר׳ שמשון דער פּוילישער יוד און אַלבערט דער סטרא אחרא׳ניק און דאָס צוגעקומענע פּאָריל — כלם אהובים, כלם ברורים, אַלע לעבען, ווי אונטער דער זון; מע עסט ציבעלעס און רעטעך און אוגערקעס און מע דערצעהלט די שבחים פון דער כנסת ישראל און מען פערקריכט העט־העט, גאָר אין די הויכע מדרגות. ווען ניט דער דאָך מיט די נידעריגע באַנטעס איבער׳ן קאָפּ, וואָלטען זיי זיך, כ׳לעבען, געלאָזט אַ

טענצעל, אונטערזינגענדיג „מה־יפית". מע איז פלוצלונג געוואָרען שטאַרקע מחותנים, מע פרעגט זיך אויס פון די געשעפטען, מע גיסט אויס דאָס האַרץ, די געפיהלען, מען האָט רחמנות איינער אויפ'ן אנדערען, און אַלע האָבען איין דעה, איין האַרץ און איין מוח: וואָס איינער זאָגט איז ביי די איבעריגע תורת לאָקשען, אַלע זענען מוכן ומזומן צו פאָלגען, אַלע זאָגען צו, אַז דאָרט, אונטען, ווען מען וועט, אם ירצה השם, איבערקומען די שלעכטע צייט, וועט מען נאָר טאָן חסדים איינער מיט'ן צווייטען. מיר האָט מען אויך, חלילה, ניט פערגעסען: ר שמשון און דער דייטש האָבען מיר צו־געזאָגט הרים וגבעות. זאָל נאָר גאָט העלפען, מע זאָל זיך זעהען אונטען געזונטערהייט. ס'טייטש, יודען־ברידער, יודען דאַרפען העלפען א יודע! אין א נויט...

האַפּען א דרעמעל נאָכ'ן וואַרמעס איז דאָך אַנ'אמת פערגעניגען, וואָס איז דאָ צו רעדען! ווער שמועסט נאָך, אַז מע פּאַקעוועט זיך אָן מיט רעטעך און מיט ציבעלעס, וויפיעל דאָס האַרץ גלוסט, האָב איך מיר טאַקי אויסגעקליבען א ווינקעלע אויפ'ן בוידעם, אַביסעל ווייטער פון דער איבע־ריגער חברה, אויסגעצויגען זיך, אַזוי ווי איך בין גרויס, אונטער א קראָקווע, אוסגעגלייכט די ביינער און זיך מכין געווען צום תענוג פון שלאָפען. ליעג איך מיר אַזוי, דאָס האַרץ קוועלט אָן פאַר נחת, די שמועסען פון דער חברה הערען זיך גאָר נאָהענט, און פון די שמועסען גיסט זיך אויף מיר א גאַנצער שטראָם פון פאַנטאַזיעס און משונה'דיגע דמיונות. עפּעס זעה איך וואונדער־באַרע זאַכען, אַלטע און נייע. אַזוינע, וואָס האָבען זיך יאָ אַמאָל געטראָפען, און אַזוינע, וואָס זענען גאָר ניט געשטויגען, ניט געפלויגען; עפּעס זעה איך נח'ס תבה אויף די וואַסערען פונ'ם מבול. אין דער תבה זיצען אַלערליי בעשעפעניש, אומריינע בהמות אינאיינעם מיט ריינע, חיות קליינע און גרויסע, שרצים פערשידענע גאָר אָהן א צאָל. א קוה מיט א בער, א וואָלף מיט א שאָף, א טיגער מיט א ציקעלע זענען געוואָרען נפש אחת, לעבען אין שלום, קרימען ניט איינס דעם אנדערען א האָהר. צרת רבים האָט גע־מאַכט אַלע גלייך, עפּעס האָט מען גאָר פערגעסען אַלע רייסענישען, אַלע מחלוקות. ביי נח'ן מיט די זיהן איז אויך שלום ושלוה. ש ם מיט א היב־שער נאָז, קיין עין הרע, מיט א לאַנגער צוויי־שפּיצעכדיגער באָרד ביז איבער'ן גאַרטעל, מיט געגרייזעלטע פּיאות'לעך, איז אָנגעטאָן אין א לאַנגער חסידי'שער קאַפּאָטע. — א פערגעניגען צו קוקען. ער זיצט זיך אין קאַנטאָר איבער דעם גרויסען קאַסע־בוך און צעהלט און חשבונ'ט ווי א סוחר — א קאַטאָוועס, מע מוז פערגרייטען עסענוואַרג — פּראָוויזיע בלע"ז — פאַר אַזא מחנה בהמות און חיות; ח ם, א פּראָסטער ברודער, מיט א לאַנגען משוב און אַנ'אָבגעברענט פּנים, איז אָנגעטאָן אין א שמויסען פעלצעל,

צוגעגארטעלט מיט אַ רימענעם גאַרטעל, אויף די פיס פּראָסטע לאַפּטעם — ער אַרבייט, האָרעוועט און ברענגט דעם ברודער זיינעם אַלערליי עסענ־וואַרג, כל המיני תבואות און פּירות, וואָס וואַקסען אויף דער ערד, און ווען ער גיט זיי איבער שם׳ן, בויגט ער זיך נאָך און בוקט זיך פאַר איהם מיט גרויס דרך־ארץ. ח ם אַרבייט און ש ם צוטיילט, צוגיט יעדער בעשעפעניש, וויפיעל זי דאַרף האָבען. און אויף אַ ווייכען דיוואַן, פערפּוצט וויאַ פּרינץ, ליעגט זיך י פ ת , אַ רוהיגער, אַ לויטערער, מיט אַ טייערען ציגאַר אין די צייהן. ער גלעט זיך די וואָנצעס, שמייכעלט צופריעדען, און אַמאָל קוקט ער אויף שם׳ן מיט שפּאָט און פעראַכטונג, ווי אויף אַ מעקלער, אַ נידעריגע בריאה, און אַנ׳אַנדערס מאָל זינגט ער איהם שירות ותשבחות: ס׳טייטש, אָהן איהם וואָלט זיין בעל־הבית׳ישקייט גאָר ניט געקענט האָבען קיין קיום ,ווען ניט ער, וואו וואָלט ער גענומען אַ כוס׳ע. אָט די דריי נפשות זענען בעשאַפען געוואָרען נאָך אַמאָל, אַמאָל, זיי לעבען נאָך פון ששת ימי בראשית אָן. פון זיי האָבען זיך שוין גענומען אַנדערע אַזוינע בעשעפענישען נאָכ׳ן מבול און ביז היינטיגען טאָג...

און ווי איך ליעג אַזוי און קוק און טראַכט, דערהער איך אַ גרויס געפילדער און דערזעה — אַ שווערע מחנה רוקט זיך איבער אַ פעלד. ס׳איז אַ ליאַרעם, אַ טומעל, אַ שטיקעניש, אַ געוואַלד. איך טו פלוצלונג אַ פאַל אַראָב פון מיין אָרט און ליעג שוין עט אונטען. אַרום און אַרום לויפען, איילען יודען, מע שטופּט זיך, מע ווייסט ניט איינער פונ׳ם אַנדערען. ס׳איז פינסטער חשך, פלאַקערם פייער ברענען אין געדיכטען טומאַן, דער רויך הויבט זיך ווי זיילען, און איבער אונזערע קעפּ הענגט, ווי אַ דאַך, אַ גרויסער, שרעקליכער באַרג. בעהאַלטען זיך איז ניט מעגליך, אָבקירעווען איז ניטאָ וואו.

— נעהמט! — דונערט אַ מעכטיגע שטימע, אַ געטליכע שטימע — נעהמט די תורה, איהר נאַראָנים וואָס איהר הערט ניט אויף בענקען נאָך ציבעלעס און קנאָבעל, אַניט ווערט איהר בעגראָבען דאָ אויפ׳ן אָרט!...

— נעשה ונשמע — שרייט דאָס קהל אין איין ציטערניש, און יעדער יוד האַפּט דעם אַנדערען פאַר דער פּאָלע, טוליעט זיך צו איהם פאַר שרעק — און אַלע ווערען איינס.

איך שריי אויך פאַר גרויס האַרץ־קלעמעניש, איך האַלט זיך פעסט אין עפּעס אַ יודענס קאַפּאָטע און הער ניט אויף צו געוואַלדעווען מיט אַ משונה קול: — נעשה ונשמע!

— קומט, פעטער! — הער איך ווי עמיצער רופט מיך, און עפּעס אַ האַנד טאָרעט מיך ווי פונ׳ם שלאָף.

— אוי, אַ דאַך, אַ באַרג ווי אַ דאַך! — שריי איך אַ צוטומעלטער און ציטער מיט אַלע אברים.

— נישקשה, נישקשה, רב מענדעלע! שרעקט זיך נימ. ס'איז שוין, דאַנקען גאָט, אַריבער. יודעלעך קריכען שוין, ברוך השם, פון די לעכער, ווי זאָגט דער פסוק: לאהלו ישראל! זייט מיר געזונד — איך געה שוין.

דאָס רעדט אליהו...

איך האַפּ זיך אויף — ס'איז אַלצדינג געווען אַ חלום. איך בעטראַכט זיך און סע ווערט מיר קלאָר דער פּשט פון דעם חלום. דעם באַרג, הייסט עס, און דעם דאַך האָבען מיר דאָס צו פערדאַנקען — מיר און אונזערע עלטע־רען און אונזערע עלטערענס עלטערען, וואָס מיר לעבען אַזוי לאַנג און וואָס ס'איז דאָ צווישען אונז אַ שטיקעל פריינדשאַפט. חברים כל ישראל און כל ישראל ערבים זה בזה פונ'ם באַרג סיני ביז'ן היינטיגען טאָג...

איך קוק זיך אַרום: שאַ, שטיל, ניטאָ קיין לעבעדיגער מענש אויפ'ן בוידעם...

ב.

אין דער ישיבה של מטה

אז עמיצער האט זיך א שטיקעל צייט ארומגעבלאנקעט, ווי א גר, געמוטשעט זיך אין דער פרעמד, ניט געטאגט דארט, וואו ער האט געגעכ־טיגט, און ניט גענעכטיגט דארט, וואו ער האט געטאגט,, פערשטעהט ער ערשט דעם טעם פון א נ׳א י י ג ע נ ע ר ה י י ם. שטעהן א ו י ף ד ע ר ע ר ד מיטביידע פיס, וויסען, אז די ערד שאקעלט זיך ניט אונטער די פיס — אהן דעם קען דאך גיט לעבען ניט דער גוף, ניט די נשמה פון א מענשען. איך, אז איך בין אראבגעקראכען פון דעם בוידעם, האב איך זיך זעהר שטארק פערבענקט נאך אונזער א נ׳א י י ג ע ן שטיקעל ערד..

שטעה איך מיר אזוי אין גאס, איך גלייך מיר אוים די ביינער נאכ׳ן גלות פונ׳ם בוידעם און קוק מיר אויף גאט׳ס וועלטעל מיט א מין ליעבשאפט, מיט א מין ווארימקייט, ווי א פיצעל קינד אויף זיין געטרייער מאמען. אין הארץ איז מיר עפעס אזוי גוט, אזוי ווייך, א מחיה. א דאנק דיר, גאטעניו, וואס דו האסט בעשאפען אזא וואוילע וועלט, אזא טייערע וועלט. א קיהל ווינטעלע בלאזט פון ערגיץ, גלעט ווי א סאמעט און דערקוויקט מיר ממש די נשמה. אויפ׳ן הימעל שפאצירט זיך ארום א קלארע, לויטערע לבנה, זי קוקט אויף מיר מיט לייטזעליגקייט פון אויבען, און ווינקט צו מיר און שמייכעלט און בעט זיך: ר׳ מענדעלע, זעהט ווי שען איך בין; ר׳ מענ־דעלע, זייט זשע מיך שוין מקדש, וועט איהר מיר ממלא זיין מיין פגימה און אין אייך אליין וועט אויך אריין א נייע נשמה. — ברוך יוצרך! — שריי איך און שפרינג מיט ליעבשאפט אנטקעגען מיין זיווג, און איך בין זי מקדש כדת ישראל אנטקעגען א גאנצער עדה פון טויזענדער בלישטשענדיגע שטערען. אלע ווינשעווען מיר צו פון דער ווייטענס: מזל טוב, מזל טוב, אין א גוטער שעה, זאל גאט געבען גליק אויף כל ישראל. פרעהליך, לעבעדיג, ווי א חתן, געה איך מיר מיין וועגס און קום אריין אין דער אכסניה.

מיעד און צובראכען פון א גאנצען טאג, טו איך א פאל אויפ׳ן בעטעל און ווער אנטשלאפען אזוי ווי איך שטעה און געה — אין דער קאפאטע

און אין די פּערפּאַראַשעטע שטיוועל. שלאָפן שלאָף איך ווי אַ געהרג׳עטער, ווי אַ טויטער, און שוויץ, לא עליכם, אַ גאַנצע נאַכט ווי נאָך אַ באָד פּאַר טאָג. ס׳איז נאָך בלאָה אין די פענסטער, כאַפּ איך זיך אויף, אַ צעטומעלטער, אַ פערדולטער, איך ווייס אליין ניט, וואו איך בין און וואָס סע טוט זיך מיט מיר. אין קאָפּ זשומעט, די אויגען קען איך ניט עפענען, דאָס לייב טוט וועה, איך קען ניט רירען מיט אַ׳אבר און דאָס הארץ קלאַפּט, די שלייפען האַמערען, אין קאָפּ דרעהען זיך משונה ווילדע געשטאַלטען, עפּיס בילדער פון מיין לעבען, פון קינדערווייז אָן ביז די עלטערע יאָהרען, אָבער אַלץ אָהן אַ סדר, אויסגעמישט, איבערגעדרעהט, ווי אין אַ שדים־טאַנץ. אָט שפּרינגט אַ שד אין׳ם געשטאַלט פון אַ באָרוויס שייגעצעל אָהן פּלודערען, נאָר מיט אַ העמדעל אויפ׳ן הוילען לייב און אַ שמויסען היטעל אויפ׳ן קאָפּ. ער יאָגט זיך נאָך עפּעס אַ יונגעלע, רייצט אויף איהם דעם הונד, וואַרפט שטיינער — און דאָס יונגעלע וויינט. איך דערקען דעם יונגעל׳ס קול׳כעל — דאָס איז איך, איך, דער קליינער מענדעלע. דאָס שיטען זיך אויף מיר טאַקי קלעפּ און שטעקענס און סטוסאַקעס און צרות און שלעק — פרעג, פּאַר וואָס, וואָס האָב איך זיי געטאָן? איך שריי ניט מיט מיין קול און לויף אַהיים, צום טאַטען, דער טאַטע וועט זיי געבען. זעה איך אַ זאַק מיט ביינער ליעגט אויפ׳ן בעט, אונטען אַ בינטעל שטרוי, אויבען — אַ צוריסענע, צופליקטע קאַפּאָטע. אוי, אָט דאָס איז מיין טאַטע, מיין בעשיצער, ער וועט דאָס מיך פערהיטען פון אַל דאָס בייז. אָט דאָס איז אונזער ברויט־געבער, אַ טאַטע פון קינדערלעך, זאָלען געזונד זיין — דער איינציגער בעל־מפרנס אין דער גאַנצער משפחה. ער איז הויט און ביין, די באַקען איינגעפאַלען, די נאָז סטאַרטשעט, די אויגען — ווי פערגליווערט, און דאָס מויל איז אָפען, די ברוסט הויבט זיך און פאַלט, אינווייניג זיצט עפּיס, חריפעט און גיסט זיך איבער, אין האַלז חאַרחלעט.

דאָס הארץ טוט מיר וועה, סע שמאַרצט יעדער אבר, איך ציטער פון קאָפּ ביז די פיס.

און די בילדער ציהען, יאָגען, שוועבען אָהן אַנ׳אויפהער, איין בילד געקניפּט און געבונדען אין צווייטען. אָט איז אַ שמחה, אַ גדולה, כלי־זמר שפּיעלען, פּויקען ברומען, קולות שרייען, פּילדערען, ווי ביי קעץ אויף אַ חתונה. אָט געהט אַרויס אַ יונג קאָטערל אויסגעפּוצט ווי אַ בן־מלך, הינטער איהם אַ חאַפּטע, אַ גאַנץ געזעמעל: מע שטופּט זיך, מע לויפט, מען שפּרינגט איינער פאַר׳ן אַנדערען, מע חאַפּט אַ טענצעל: מזל־טוב, קאָטערל! מזל־טוב, נאַריש בהמה׳לע! וועסט שוין זיין, מענדעלע, אַ יוד אין אַ גוטער שעה, וועסט פּלאָדזען קינדערלעך און וועסט אַקערען מיט דער נאָז, זוכען, נישטערען, מיט וואָס צו פערשטאָפּען די פּיסקלעך דיינע קליינע

עופה׳לעך! צוגעקומען א נייער קבצן אויף דער וועלט... און אט רייסט זיך א קינד, פערגעהט זיך נעבעך אין וויעגעלע, און ארום פישטשען גרע־סערע קינדערלעך. ס׳איז א קלאג, א צרה, אנ׳אומגליק, האטש לעג זיך אוועק און שטארב...

אין קאפ רוישט מיר, דאס הארץ פלאטערט, יעדער אבר ציטערט.

און די בילדער יאגען, שוועבען: אט סקריפען עפעס ניט קיין גע־שמירטע רעדער, סע פייפט א בייטש סע שלעפט זיך א פערדעל — א פגירה. דאס ביידעל איז שווער מסוכן, און אינמיטען דערינען בעווייזט זיך שרה בת טובים מיט א גאנץ רעדעל וייבער, צדקניות, גבאי׳טעס, מלומדת׳טעס, צנועות׳טעס. אלע האבען, קיין עין הרע, ניין מאס רייד, אלע גראגערען אין איין אטעם, און יעדע שטרעקט מיר א פעקעל תחינות, אלטע און נייע, און בעט זיך רחמים: רב מענדעלע, האט רחמנות אויף א יודישע טאכטער, נעמט אונז אריין אין אייער ביידעל! און אלע קלאפען, ווי די גענז, און שיטען און שיטען מיט רייד, אז מען קען טויב ווערען. אינמיטען דע־רינען קעהרט זיך איבער דאס ביידעל, די קליאטשע בלייבט נעבעך ליעגען אויף א זייט, מיט אנ׳אויסגעצוויגענעם האלז און אפענע אויגען. א פיינע בריאה, כ׳לעבען! דער האלז — דאר, טרוקען, אויפ׳ן רוקען א מכה, די באקעס איינגעפאלען, די ביינער שטעקען ארוים פון אונטער דער אויס־געריבענער פעל. זי ליעגט, די יפהפיה, און מאכט מיט די זייטען, און צאפעלט זיך און ווארפט זיך און קרעכצט.

אוי, פערדעלע, נבלה מיינע! אוי, ארימע קליאטשע!

פון אלע זייטען הערט זיך א קלאג, א געוויין, א יללה. ארום און ארום — א שטורעם, א גערודער; די ערד ציטערט, דער הימעל שאקעלט זיך, איך אליין שוועב אין דער לופטען, ווי א פעדער. אונטער מיר — א טיעפער תהום, ארום מיר — די גרויסע ברייטע וועלט. אהן אנ׳אנהויב, אהן א סוף. און אין דער לופטען פליהט עפעס א קאפ, פלאטערט, ווי א זומער־פויגעלע, שוועבט אהין און אהער און רוהט ניט א רגע. אט בלייבט ער ניט, און אט בעווייזט ער זיך ווידער, שווימט פאר מיינע אויגען — און מאכט דערביי משונה העוויות: קריצט מיט די ציין, ווינקט מיט די ברעמען, איך האב זיך נאך ניט גוט איינגעקוקט — איז ער שוין ווידער ניטא. און פלוצלונג ווערט א גרויסער פחד, א מורא׳דיגע אימה, סע פליהען פונקען, סע ציהען זיך פייערדיגע טייכען, סע בליצט און סע דונערט און סע קאכט און סע רעש׳ט. סע בלאזט א שופר און איך דערזעה איבער׳ן תהום א פאפירענע בריק. יודעלעך, עם אלהי אברהם, קומען צוגעהן צו דער בריק; דארע, קווארע, אויסגעדרייווערטע, פער׳חשכ׳טע, פערפינסטערטע, איינגעהויקערטע, איינגעקארטשעטע, ציהען זיי זיך מחנות׳ווייז מיט די

שטעקענס און מיט די טאַרבעס אויף די פּלייצעס און אַלע שטופּן זיך צו דער בריק, אַלע פּילדערען, שרייען, ליאַרמען, קריכען איינער דעם אַנ־דערען אויף די קעפּ, און בשעת איינער וויינט, זינגט דער אַנדערער דווקא אַ זמר, בשעת די קריגען זיך, שמועסען די אַנדערע גאָר פריינדליך. מיט אַ מאָל דערזעה איך ווידער דעם קאָפּ, ער שוועבט אין דער לופטען גאָר נאָהענט נעבען מיר. איך קוק זיך צו: דער קאָפּ האָט אַ באָרד און פּאות, אַ לאַנגע נאָז און אַ פערקנייטשטען שטערען, די אויגען ווינקען, די ליפּען קרימען זיך — און אויפ'ן פּנים איז אויסגעגאָסען אַ צער. אוי, אַ יודישער קאָפּ איז דאָס, אַ יודישער קאָפּ שוועבט אַרום אין דער לופטען. ניטאָ קיין גוף, ניטאָ קיין זוואַניע פון אַ גוף, ניטאָ קיין הענד און פיס, קיין לייב און לעבען, נאָר איין קאָפּ שוועבט אין דער לופטען... אוי, רבונו של עולם, אַלצדינג וואָס דו ווילסט, נאָר ניט אַנקוקען דעם קאָפּ!..· אַ ציטער האַפּט מיך אַרום, סע וואַרפט מיך פאַר פּחד, איך האַפּ זיך אויף און עפען אויף די אויגען.

דער אייגענער אַלקער אין דער אכסניה, דאָס אייגענע בעטעל. אַרום און אַרום קלומקעס, פּעקלעך גרויסע און קליינע; אין ווינקעל שאָקעלט זיך עפּעס אַ פערוויקעלטע געשטאַלט, שפּרינגט מאָדנע אונטער און מאַכט מיט'ן קאָפּ. וואָס איז דאָס? פאַר מיינע אויגען איז נאָך אַלץ געשטאַנען י ע נ ע ר קאָפּ, וואָס כ'האָב געזעהען אין חלום... איך קוק זיך איין און דערזעה אַ יודען אין טלית און תפלין; ער דאַווענט, שאָקעלט זיך, וואַרפט זיך, אַרבייט מיט אַלע אברים, רוהט ניט אַ מינוט; אָט שטעלט ער זיך אויף די שפּיץ פינגער און הויבט־אויף די הענד, אָט בייגט ער זיך אויס און לאָזט אַראָב דעם קאָפּ, ווי אַ עבד נכנע פאַר זיין שטרענגען בעל־הבית.

אז אַ יוד זאָל זיך לעגען שלאָפען אַליין אין אַנ'אַלקער און אויפשטע־הענדיג דערזעהן אין דעם אייגענעם אַלקער נאָך איינעם, און אַמאָל נאָך צוויי און דריי אורחים, — דאָס איז אין די וואַרשעווער יודישע אכסניות אַ וואָכעדיגער גאַנג. מע האָט, פערשטעהט איהר מיך, רחמנות אויף אַ יודען, מע וויל איהם ניט לאָזען שלאָפען אַליין טוט מען איהם אַ נחת־רוח און מע פערדינגט אין דעם אייגענעם אַלקער, בשעת ער שלאָפט, אַמאָל איין בעטעל, אַמאָל נאָך מעהר. אין אַנ'אַנדער צייט וואָלט דאָס מיר דווקא ניט געאַרט: ערשטענס האָט דערפון הנאה דער בעל־הבית פון דער אכסניה, צווייטענס וואָס קען שאַדען אַנ'איבעריגער יוד אין חדר? וואָס איז — די לופט? פון וואַנען זשע איז געדרונגען, אז מע דאַרף אין דער פרעמד זיין אַ גרעסערער מפונק, ווי אין דער היים? אין דער היים שלאָפט מען דאָך יאָ, קיין עין הרע, מיט זעקס פּופּקעס אין איין בעט — און מען מאַכט **ניט קיין וועזען: אַ יוד איז ניט קיין פּריץ... יענעם פריהמאָרגען אָבער**

האָב איך דוקא געהאַט חשק צו בלייבען אַליין: ערשטענס, בין איך, לא עליכם, נאָך געווען גוט אויסגעמוטשעט פון דער נעכטיגער בייזער מהומה, היינט די וויסטע חלומות, וואָס איך האָב זיך אָנגעזעהען אַ גאַנצע נאַכט, האָבען דאָך מיר אויך געקאָסט אַ שעַן ביסעל געזונד. בעדאַרף זיך גראָד איצט טרעפען אַזאַ מין אָנשיקעניש — אַ ווילד־פרעמדער יוד. נו־נו! בין איך געלעגען אויף דעם בעטעל, אַ מיעדער, אַ ברוגז'ער און געטראַכט, קוקענדיג אויף מיין גאַסט: רב קרוב, איך וואָלט זיך דוקא ניט געמאַכט קיין לאָך אין קאָפּ, ווען איהר טראָגט זיך אָב פון דאַנען מיט אייערע פעקלעך; איך דאַרף אייך האָבען פונקט ווי אויגענוועהטאָג... און גלאַט איז מיר דער יוד געווען פריקרע מיט זיין וואַרפען זיך, זיינע משונה'דיגע העוויות. אגב האַפּ איך נאָך שטילערהייט אַ קוק אויף די קלומ־קעס: אַ קשיא אויף אַ מעשה, סע קען פון דאָרטען אַרויסקריכען נאָך אַ יודלעך...

אַ מאָדנע זאַך! זינט איך לעב, דרעה איך זיך אַרום צווישען קלוגע, איבערגעשפיצטע, פּראַקטישע יודען פון כל המינים, און האָב, דאַכט זיך, קיינמאָל ניט געהערט, מען זאָל אויף מיר זאָגען: אַט דער נפש איז אַ שוטה, ער איז ניט אינגאַנצען קלאָר. דאַרפט איהר נאָך האָבען גרעסערע חיטראַקעס, ווי אַ שטייגער, אונזערע סוחרים'לעך, פּראָצענטניקעס, רייכע בעלי־בית'לעך? האָבען זיי אויף מיר שטענדיג געזאָגט: אָהאָ, רב מענדעלע! איהם דאַרף מען ניש אַריינלעגען קיין פינגער אין מויל, ער איז אַ מבין אויף אַ טשאַד און פערשטעהט אַלע אונזערע מאַניפּאָרמעס; איהם איז ניט אַזוי גרינג צו האַפּען אויף דער ווענדקע. און פונדעסטוועגען, אַז איך הויב זיך אַמאָל אָן צוקוקען צו זיך אַליין און בעטראַכט, וואָס איך טו און וואָס איך דענק און פיהל, ווער איך שטאַרק פערוואונדערט און איך פרעג זיך אַליין: צו בין איך אינגאַנצען ביי די געדאַנקען? מיין נשמה איז ווי אַ שותפות'דיגע דירה, וואו יעדער שכן קעהר זיך ניט אָן מיט דעם צווייטען, יעדער איינער טוט זיך זיין שליחות און איז אַ בעזונדערע קראַפט, אַ נשמה פאַר זיך, יעדער איינער ווייזט זיך אַרוים אין אַזוינע געפיהלען, וואָס זענען אַ היפך איינער פונ'ם צווייטען. ניטאָ אין מיר קיין איינציגער געדאַנק, קיין איינציגע אייגענשאַפט, וואָס ס'זאָל ניט זיין נעבען איהר אַני־אַנדערע, אַ פערקעהרטע. אַמאָל שווייגען זיי, די פערשידענע נשמות, לאָזען איינע די אַנדערע צו רוה — ווי אַ הונד מיט אַ קאַץ וואָס האָבען געמאַכט שלום אויף אַ קורצע צייט — אַמאָל אַמפּערן זיי זיך, מאַכען אינ־וועניג אַ מהומה, ווי אין אַ דול־הויז, רחמנא לצלן, און איך ווער צומישט, צוטומעלט, צורודערט: אַט ווילט זיך דאָס, אַט ווילט זיך יענץ, אַט טראַכט איך אַזוי, אַט טראַכט איך פונקט קאַפּויר. אייגענטליך בין איך אין דעם

פרט ניט קיין אויסנאַהם: יעדער מענש פערענדערט זיך מיט דער צייט, קיינער בלייבט ניט אַזוי ווי ער איז געווען. נאָר וואָס דען? איינער בייט זיך אין אַ משך פון יאָהרען, איינער אין אַ שעה, אין אַ מינוט; און איך בין פון יעניגע וועניגע, וואָס צוויי פערשיידענע געפיהלען בעהערשען זיי אין איין צייט, אין איין רגע, אָהן אַ שום הפסק צווישען איינעם און דעם צווייטען. אָט, דאַכט זיך, בין איך טרויעריג און אין דער זעלביגער רגע ווילט זיך מיר שוין לאַכען. אָט שטעה איך מיט דרך־ארץ פאַר איינעם פון אונזערע גדולים אונזערע בעריהמטע מיוחסים, וואָס האָט בעוויליגט זיך אַראָבצולאָזען צו מיר פון זיין הויכקייט און מיר דערצעהלען, ווי רייך ער איז, ווי גרויס ס'איז זיין חכמה, זיין תקיפות, זיין צדקה, זיין גוטסקייט; איך הער, דאַכט זיך, און גלויב איהם, איך שלינג יעדעס וואָרט ווי הייסע פאַרפעל, און האָב משונה הנאה; אין דער אייגענער צייט אָבער פרעג איך זיך שטילערהייט: אפשר איז ער אַ שקרן? און ס'קומט מיר אַרויף אַ מחשבה: וואָס וואָלט, אַ שטייגער, געווען, ווען איך שפּיי איהם אָן אין פּנים? אָדער ווען איך גיעב איהם אַ גלעט איבער'ן בעקעל און זאָג מיט אַ געלעכטערעל (צום חכם): ביזט אַ טפּש, אַ געשלייערטע האַנדזיע! (צום גביר און בעל־צדקה): קמצן! כלב שבכלבים! (צום תקיף) נידעריגע בריאה, מאוס'ער וואָרים, דו לעקסט דאָך דעם שטויב פאַר די פיס פון אַ שטאַרקען! (צום פּוסטעפּאַסניק, וועלכער פערשטעלט זיך פאַר אַ גרויסען געלערענטען, אַ חוקר־קדמוניות): פוילע שמאַטע, ליימענער גולם, מיסט־קאַסטען, אַלטער שטרוי־זאַק... און ווי איך גיב דאָס אַ טראַכט, פּיהל איך שוין, אָט־אָט שטופּט מיך עפּעס צו טאָן, צוהאַנדלען: די ליפּען רירען זיך, די הענד קענען ניט רוהען, סע קאָסט מיך טרחה, זיי איינצוהאַלטען. אַזוי איז מיין טבע. און אַזוי טרעפט מיט מיר זעהר אָפט. אַזוי איז געווען אויך יענעם פריהמאָרגען: איך ליעג אַנ'אָנגעדרודעלטער, אויף דער נשמה איז מיר ביטער, פאַסקודנע, פון דעם יודען מיט זיין דאַוונען שלאָגט מיר צום הארצען; און פּלוצלונג זאָג איך מיר דו נאַר איינער! גאָט האָט דיר דאָך צוגעשיקט אַ טייערען אוצר, אַ גאָלדענע כלי — אַ יודען, וואָס מע דאַרף אַזוינעם זוכען, און דו ליעגסט און ביסט נאָך אין כעס; אַ מעהר שטעה אויף און נעהם זיך צו איהם, פרעג איהם אויס, בעטראַכט איהם, וואָס איז ער פאַר אַ נפש. און ווי איך האָב דאָס נאָר אַ טראַכט געטאָן, — אהא! איך בין שוין גאָר ניט צוטראָגען, איך שמייכעל שוין, איך קריך שוין אַראָב פונ'ם בעטעל, שטעל זיך אויף די פיס — און געה.

און ווי איך געה אַזוי צו מיין בן־זוג, קערעוועט ער זיך אויס צו מיר און גיעט אַ שפּיי אין מיין זייט אריין דאַנקען גאָט, הייסט עס, גע'פּטר'ט דאָס דאַוונען!... פון דעם שפּיי אַליין און פון דער פרומער מינע, וואָס

מיין יוד האָט דערביי געמאַכט, האָב איך באַלד פערשטאַנען, אַז ער איז ניט קיין גראָבער יונג, קיין עם־הארץ. אַזוי קען שפּייען גאָר אַנ׳עדעלער יוד, אַ בן־תורה — און וואָס זאָל איך אייך זאָגען? טאַקי דערמיט אַליין האָט ער תיכף נושא חן געווען אין מיינע אויגען אַזוי ווי ער שטעהט און געהט, מיט די קנייטשען אויפ׳ן פּנים, מיט די צעקאָשמעטע גראָה־שוואַרצע באָרד און פּאות, מיט דעם הויכען שטערען, פערלאָפענע אויגעלעך דעם קנאָפּ אויפ׳ן גאָרגעל און דעם איינגעבויגענעם רוקען. וואָרום אַז מען שמועסט פון אַ יודען, איז דאָך ניט שייך צו פרעגען, צו ער איז שען, צו ער איז שטאַלטנע. עט! ניט קיין יודישע זאַך. דעם יודענ׳ס חן איז זיין יודישקייט.

אויסגעשפּיגען „עלינו", דערלאַנגט מיר דער יוד שלום, און באַלד ווער איך געוואָהר, אַז ער הייסט ישראל. נו, אַז איך קען שוין דעם יודען ביי׳ם נאָמען, דאַרף איך דאָך איהם שוין ווי דער שטייגער איז, פרעגען, פון וואַנען ער איז, אַניט וואָלט דאָס ניט געווען קיין דרך ארץ. פרעג איך איהם, ענטפערט ער מיר, מסתמא, מיט אַ פראַגע פון וואַנען בין איך, — אויך, ווי דער שטייגער איז, צוליעב דרך־ארץ. חאַפּ איך זיך אָבער ניט מיט מיין תשובה, ענטפערט מיר ר׳ ישראל מיט אַ גמרא־נגון:

— און אַז איהר וועט שוין וויסען, למשל, אַז איך בין פון דלפונעוועקע, פון ליטאַ, טאָ וואָס וועט זיין?

— פון דלפונעוועקע! — שריי איך אויס, אַ פערוואונדערטער, און טראַכט מיר ביי זיך: גאָט ווי גרויס זענען דיינע נסים! אָט טרעפען זיך צוויי יודען, דאַרף איינער זיין פון קאַבצאַנסק און דער אַנדערער פון דלפונעוועקע. אַ פּנים, אַז דאָס וואָס ס׳איז דאָ אין אין יודישען קאַנט, דאַרף זיין אויך אינ׳ם צווייטען: דאָ קבצן, דאָרט דלפון...

— וואָס זשע חדוש׳ט איהר זיך אַזוי רב קרוב? איך פערשטעה ניט. אפשר געפעלט אייך ניט מיין שטאָדט? — ברומט אַרוים רב ישראל און קוקט מיך אָן מיט כעס. — דלפונעוועקע, איז, קיין עין הרע, אַ שטאָדט אַ כרך, פול אָנגעפּאַקט מיט יודען. דלפונעוועקער יודען זענען בע־ריהמט אויף דער גאַנצער וועלט, אפילו קריסטען האָבען מיט זיי צו טאָן, ברוך השם. פון דער קאָמיסיע האָט איהר גאָר ניט געהערט?...

— חס וחלילה, רב ישראל! — ענטפער איך מיטאַ געלעכטערעל און סטאַרע זיך איהם צו בערוהיגען. — איך האָב, ווי איהר זעהט מיך לע־בען, ניט געמיינט גאָר ניט. פערקעהרט... איך חדוש זיך נאָר. ווייל מיר דאַכט זיך, אַז דאָס איז אַ סימן טוב פאַר אונז ביידע...

— וואָס? רעדט ווערטער! — זאָגט רב ישראל און נעהמט מיך דורך מיט די אויגען.

— איך מיין, וואָס קאַבצאַנסק און דלפונעווקע האָבען זיך דאָ געטראָפען. איך אַליין בין, דאַרפט איהר וויסען אַ קאַב־צאַנסקער! אַ שפּיעלכעל — קאַבצאַנסק! ס'איז דאָך אויך עפּעס ניט פון די קליינע שטעדטלעך; יודען, ברוך השם, ווערט דאָרט מעהר פון טאָג צו טאָג!

אָט אזוי לאָזען מיר זיך אריין מיט רב ישראל'ן אין אַ שמועס וועגען קאַבצאַנסקער און דלפונעווקער יודען, ווי אזוי זיי לעבען, ווי אזוי זיי פיהרען זיך, סיי אין וועלט־זאַכען, סיי אין יודישקייט. און איך ווער ביסלעכווייז געוואָהר, אז צווישען אַ וואָלינער יודען פון קאַבצאַנסק און אַ ליטוואַק פון דלפונעווקע איז דאָ ניט קיין קנאַפּער חלוק. יענער, דער וואָלינער, האָט אַ שמאָלען מוח און אַ ברייטע קישקע; די פאַנטאַזיע טראָגט איהם, דאָס בלוט קאָכט; תורה לערנען האָט ער פיינט, אָבער צו די סודות פון דער תורה האָט ער גרויס חשק; ער גלויבט אין אַ בעל־מופת, אַ יוד צו אַ גוי, להבדיל, אַלץ איינס; אַ ליאַדע טרעפער איז ביי איהם פער־רעכענט פאַר אַ שטיק נביא, אַ ציגיינער — פאַר אַ גאַנצען בלעם; ער עסט וויסע בולקע און טרינקט אַ גלעזעל ווין אויף דער וועלט, אויב ער האָט נאָר; דער רייכער יאָגט זיך נאָך אַ שענעם פאַעטאָן מיט ברע־נענדיגע סוסים מיט אַ יפהפיה דערצו. זיך אַליין האַלט דער וואָלינער פאַר אַ גרויסען חכם, אַ קאָפּ־מענש... דער ליטוואַק פערקעהרט, האָט אַ ברייטען מוח און אַ שמאָלע קישקע; ער פליהט ניט אין הימעל אריין, ער יאָגט זיך ניט נאָך פערבאָרגענע זאַכען, ער לערענט גמרא — און פער־נעהמט. עסען עסט ער טרוקען ברויט איינגעטונקט אין ראָסעל פון הערינג. טרינקען טרינקט ער קאַלט וואַסער, דערפאַר טרייסט ער זיך מיט אַ האָפּ־נונג אויף אַ שטיק שור הבר און אַ פאַס יין המשומר — אויף יענער וועלט. דער רייכער וויסט ניט פון קיין קאַרעטעס מיט קיין פאַעטאָנעס, ער געהט זיך פּאַוואָלינקע צו פוס, במחילה. אַז די ליטוואַקעס האַלטען זיך פאַר תלמידי־חכמים און גרויסע קאָפּ־מענשען — איז איבעריג צו זאָגען.

אָט אזוי זיצען מיר מיט רב ישראל'ן און ריידען און קוועלען ממש אָן איינער פונ'ם אַנדערען. פּלוצלונג עפענט זיך די טהיר און ס'קומט אריין אין איילעניש די בעל־הבית'טע.

— זייט זשע מוחל, יודען, — זאָגט זי מיט אַ בייזער און אַ בקשה אינאיינעם, — זייט זשע מוחל, לאָזט דאָ איבערזיצען דעם יונגען מאַן, ביז סע וועט ווערען לעדיג אַ בעזונדער צימער. ס'איז טאַקי מיינער אַ בעקאַנטער, קען איך איהם נישט אָבזאָגען.

מילא, וואָס האָבען מיר געקענט טאָן? אנטקעגען אַ בעל־הבית'טע קען מען ניט זיין קיין עזות־פנים. האָבען מיר צוגעשוויעגען.

טאקי באלד האט זיך געעפענט די טהיר. מ׳האט ארייגעטראגען א פאר רענצעלעך און עטליכע פעקלעך און ס׳איז אריינגעקומען א יונגער מאן. לכתחילה האבען מיר זיך אויף איהם וועניג וואס אומגעקוקט: מיר זענען זיך געזעסען אין א ווינקעל און, ווי פריהער, געפיהרט אונזער שמועס מיט דעם גרעסטען פערגעניגען. ריידענדיג, זענען מיר ארויפגעקומען אויף די שבחים פון דער כנסת־ישראל און אויף דער יודען־פראגע — א ענין, וואס ווערט ניט אלט ממצרים ועד הנה.

— רבותי! — זאגט צו אונז דער יונגער מאן, אז מיר זענען אנטשוויגען געווארען אויף א רגע. — רבותי, אזוי ווי ס׳האט זיך שוין אזוי געמאכט, אז איך שטעה מיט אייך אין איין נומער, וועט איהר מיר אפשר מוחל זיין, וואס איך מיש זיך אריין אין אייער שמועס. אמת, איהר זענט עלטערע יודען, איך בין נאך א יונגער מאן, איהר טראגט לאנגע קאפאטעס, איך א קורץ רעקעל, אייער דור האלט אין שטארבען, מיינער — געהט ערשט צום לעבען; אבער לאז דאס ניט זיין קיין מחיצה צווישען אונז. מיר זענען דאך אלע יודען און ליידען אלע פון איין גלות, זענען מיר אלע איינס...

די ווערטער זענען אונז זעהר געפעלען. מיר האבען זיך אומגעקוקט אויפ׳ן יונגען מאן מיט א זיסער מינע און מיט יענעם ליעבהארציגען שמייכעלע, מיט וועלכען עס קוקען עלטערע אויף א וואויל קינד; אונזער שמייכעלע האט בעטייט: ביזט טאקי א נארעלע, א יונג האהנכען מיט א געל שנאבעלע. דו האסט אבער אין אונזערע אויגען דעם זיעבעטען חן. דער יונגער מאן איז געווען א שענער, א שווארץ׳חנ׳עוודיגער, ריידענדיג איז ער שטארק אריין אין התפעלות געמאכט מיט די הענד און געארבייט מיט אלע אברים. אויף רב ישראל׳ס פראגע, ווי אזוי ער הייסט און מיט וואס ער האנדעלט, האט ער געענטפערט קורץ און שארף:

— איך הייס בנציון... און קיין סוחר בין איך ניט.

— הייסט עס, איהר זיצט אויף קעסט?

— וואס גאר קעסט?! — ענטפערט בן־ציון מיט א שמייכעל. — איך בין א בחור!

— א בחור מיט א בערדעל! נו־נו! שענע יאהרען! אז אך און וועה צו מיינע שונאים ווי געפעלט אייך עפעס היינטיגע וועלט? — וואונדערט זיך רב ישראל און קוקט אויף מיר מיט אזוינע אויגען, ווי איינער, וואס זעהט עפעס א מאדנע זאך און גלויבט זיך אליין ניט און בעט, מע זאל איהם געבען צו פערשטעהן דעם אומגעלומפערטען ענין. איך שוויג אבער, און רב ישראל שטעלט וויעדער אן ביידע אויגען אויפ׳ן יונגען מאן:

— אויב ניט קיין בעווייבטער און ניט קיין סוחר, וואס זשע איז פארט אייער געשעפט?

— זאָלען זיך שוין אנדערע פערנעהמען מיט געשעפטען, — ענטפערט בנציון און מאַכט מיט דער האַנד ווי איינער, וואָס איז עפּעס מבטל. — זאָלען לופט־מענשען האַנדלען וואַנדלען, זוכען דעם ווינד אין פעלד. איך — געה קיין ארץ ישראל.

מע זאָל געוועז רב ישראל'ן דערלאַנגען א קלאַפּ אין קאָפּ אומגעריכט, וואָלט ער זיך ניט געדאַרפט אזא וואָרף טאָן, ווי דערהערענדיג אזוינע רייד. ער האָט נאָר געעפענט מויל און אויערען און ניט געקענט אויסריידען א וואָרט. איך האָב זיך אריינגעמישט און גענומען טענה'ן מיט'ן יונגען מאַן אויף מ י י ן שטייגער. דעם אמת זאָגענדיג, האָט מיך דער נפש שטאַרק פעראינטערעסירט.

— האַ, קיין ארץ ישראל? — זאָג איך איהם. — ווי קומט אזא יונגער מאַן קיין ארץ ישראל? אהין פאָהרען דאָך אַלטע יודען, זקנים, וועלכע שטעהען שוין מיט איין פוס דאָ, מיט'ן אנדערען אויף יענער וועלט. און וואָס טוט מען דען אין ארץ ישראל? מע עסט די חלוקה, מע דאַווענט און לערענט, ביז'ן סע קומט די צייט — קעהרט מען אום די נשמה דעם רבונו של עולם און דעם גוף נעהמט־צו די הייליגע ערד. איהר זענט דאָך אָבער נאָך יונג, בלוט און מילך, איהר זענט ניט קראַנק ניט אויפ'ן גוף, ניט, דאַכט מיר, אויפ'ן מוח, ווי זשע קומט איהר אהין?

— זאָלען טאַקי יענע פאָהרען אהינצו שטאַרבען אויב זיי געפעלט אזוי, איך וויל אָבער פאָהרען לחיים טובים ארוכים ולשלום.

דער דאָזיגער ענטפער איז מיר עפּעס ניט געווען שטאַרק צום האַרצען, ניט, חלילה, ווייל איך האָב דערפיהלט אין איהם א שטיקעל פּחיתת־הכבוד. נאָר גלאַט דער נוסח פון די כפּרות איז מיר אויסגעקומען פּריקרע, אזוי אז איך האָב ניט ווילענדיג א דרעה געטאָן מיט דער נאָז. בנציון האָט פערשטאַנען, וואָס דער דרעה בעטייט, און האָט באַלד טאַקי גענומען פער־טייטשען, וואָס ער מיינט:

— איך האָב דאָך אייך שוין געזאָגט, רבותי: מיר זענען אַלע יודען און ליידען אַלע פון איין גלות... צרות האָבען מיר אַלץ־איינע, צרות אַלטע און נייע, אָבער אין די געפיהלען אונזערע איז פאַרהאַן א גרויסער חלוק. אייך, אייער דור, קען מען פערגלייכען מיט א חולה, וועלכער קרענקט שוין לאַנגע יאָהרען: די קרענק האָט זיך אזוי איינגעגעסען אין זיינע ביינער, אז ער פיהלט זי שוין גאָר ניט, אז סע אַרט איהם שוין נישט, וואָס ער ווערט צופוילט לעבעדיגערהייט; אייך קען מען פערגלייכען מיט א קבצן, א שלעפּער, וואָס האָט שוין אָנגעוואוירען די חרפּה: איהם איז אַלץ איינס, מע מעג איהם זידלען, מע מעג איהם שפּייען אין פּנים אבי די פּרנסה, אבי דער מאָגען זאָל זיין זאַט; איהם מעג מען וואַרפען דאָס שטיקעל ברויט,

זוי א הונד, ער איז צופריעדען — אבי ער לעבט. אי וו י אזוי לעבט ער, צי אין נחת, צי אין צער, צי אין רחבות, צי אין אָרימקייט, צי ער האָט כבוד, צי ער ליידט חרפות־בזיונות, — דאָס וויל ער גאָר ניט פרע־גען, ווארום ער האָט שוין לאַנג אָנגעוואוירען דאָס געפיהל פון עהרע און פון אכטונג צו זיך אליין. אין אייך האָט דער אייביגער דלות, די אייביגע יודישע שפלות פערפלאַנצט א משונה־ווילדען געדאַנק וועגען עולם־הזה און וועגען יודישקייט, איהר האָט אָנגעוואוירען דעם קלאָרען, לויטערען קוק פון אונזערע עלטער־עלטער־זיידעס, וואָס האָבען געלעבט אויף דער אייגענער ערד. איהר זאָגט: די עולם־הזה איז נאָר ווי א פאָר־הויז, א פרוזדור, צו א גרויסער פאַלאַץ נו, גרייט איהר זיך דען טוט איהר דען עפּעס, כדי מען זאָל אייך אריינלאָזען אין גרויסען פאַלאַץ? ניין און ניין! איהר ליעגט פערשלאָפענע, פערטראַכטע, איהר רירט ניט מיט קיין אבר, איהר טראַכט אפילו ניט, אז מע דאַרף עפּעס טאָן, כדי ס'זאָל ווערען בעסער. איהר קוקט אַלץ ארויס, אז עמיצער זאָל פאר אייך טאָן, עמיצער זאָל אייך העלפען, איהר ווארפט זיך אָן אויף יענעם, און אליין טראָגט איהר זיך ארום מיט נאַרישע פוסטע חלומות, ווילדע נישטיגע פאַנטאַ־זיעס, וואָס האָבען קיין פּיצעל שייכות ניט צום לעבען. איהר לעבט ניט. אפילו אין אונזער היילינגען לאַנד קומט איהר אויך ניט אויף צו בעארבייטען די ערד און צו לעבען, נאָר אויסצובריינגען יודיש געלד, אויף צו פיהרען קריגע, מחלוקות און מאוס'ע פליאַטקעס — און צו שטאַרבען. אויף אייך קלאָגט דאָס לאַנד פון אונזערע אבות: מיינע אייגענע קינדער האָבען מיך געמאַכט פאַר א בית־הקברות.

— הייסט עס, נאָך אייערע רייד נאָך קומט אויס, — זאָג איך, א ביסעל מטושטש פון דער פייערדיגער דרשה, — אז איהר און אייער גלייכען פיהלט שטאַרקער די יודישע צרות, איהר זענט, רעכענט איהר, מעהר מסוגל צו פערשטעהן די שפלות פונ'ם גלות. נו, וואָס זשע איז די פעולה? וואָס קומט ארויס, אז מען פיהלט דעם וועהטאָג, אויב דערפון ווערט ער נאָר שטאַרקער? איז אייך דען בעסער?

— אודאי, — ענטפערט בנציון, — פיהלען דעם וועהטאָג הייסט זוכען א רפואה. פערשטעהן די צרות הייסט — וועלען זיך פון זיי בעפרייען. מיר ווילען לעבען. מיר האָבען דעריבער געמאַכט א חברה און אָנגעשריבען אויף אונזער פאָהן: בית יעקב לכו ונלכה! מיר פאָהרען קיין ארץ ישראל בעארבייטען די ערד און לעבען דאָרט, ווי ס'האָבען געלעבט אבות־אבותינו.

איצט האָב איך זיך שוין אָבגערוקט, ווי א פריטשמעליטער, פון דעם יונגען מאַן. קוקענדיג אויף איהם מיט א שטיקעל פחד און טראַכטענדיג

בשעת מעשה, אפשר איז ער משוגע. געענטפערט האָב איך גאָר ניט, אָבער דאָ איז ר׳ ישראל אויפגעשפּרונגען, ווי אַנ׳אָבגעבריהטער, און גע־נומען זיך קאָכען מיט אַ כעס און אַ געפּילדער:

— ווי געפעלען אייך עפּעס אַזוינע דבורים, אַזאַ חוצפה?... האַ? אוים וועלט: הותרה הרצועה! מע וויל שוין גאָר אַראָבברענגען משיח׳ן!... און ווער? יונגע ציציקעס, חדר־יונגלעך, שנעקעס! ז י י פאָהרען קיין ארץ ישראל! נו, יאָהרען!... און ווייסט איהר, פון וואַנען סע נעהמט זיך דער גאַנצער אומגליק? ווייל זיי זענען גדלנים. זיי האָבען ניט די יודישע מדה פון הכנעה, האָבען זיי ניט, זיי ווילען ניט בויגען דעם קאָפּ, ניט מקבל זיין יסורים באהבה. וואָס זשע טוען זיי? פריהער זענען זיי גאָר ארוים לתרבות רעה, אַראָבגעוואָרפען דעם עול פון תורה און מצוות, געשפּיגען קלעק אויפ׳ן יודישקייט אַלץ דערפאַר, וואָס זיי האַלטען זיך צו גרוים. זיי מיינען, אַז זייער כבוד איז ביי אַנדערע אויך אַזאַ טייערע מציאה, ווי ביי זיי. איצט, אַז זיי האָבען זיך אַרומגעקוקט: זיי שטעקען אין אַ בלאָטע, האָט מען אויסגעטראַכט אַ נייעם פּזמון: ארץ ישראל! מע וועט לויפען, ווייסט ניט וואוהין? אויף זיי זענען באמת אַנגעמאָס־טען די רייד פונ׳ם יבנער גאון וועגען די, וואָס זענען דוחק את הקץ. מען לויפט — פּונקט ווי קליינע יונגעלעך פאַר אַ חופּה: מען שפּרינגט, מע יאָגט זיך, מע טאַנצט פאַר די כלי־זמר, פאַר די מחותנים מיט די אונטער־פיהרערס... טפו!...

רב ישראל רעדט, און מיר איז דאָס ווי בוימעל צו אַ מכה. סע טוט מיר משונה הנאה, וואָס איך בין ניט קיין לויפער, ווי יענע שנעקעס, און איך בעריהם זיך פאַר׳ן רבונו של עולם, ווי אַ וואויל יונגעלע בעריהמט זיך פאַר אַ טאַטען, ווען סע וויל פון איהם אויסנאַרען אַ מתנה. איך טראַכט מיר: „זעהסט, טאַטע פאָטער, איך בין ניט אַזאַ פליהער ווי אַנדערע יודען. נעבטען האָב איך דוקא געשטעלט פּיס, געקראָכען איבער פּאַרקענס, געשפּרונגען איבער טויערען, געקלעטערט אויפ׳ן לייטער, געזעסען אַ גאַנצען טאָג אין אַ לאָך, איינגעבויגען אין דרייען, איינאיינעם מיט אַנדערע יודען, געליטען יסורים מיט שלעק מיט וועהטאָגען, אָבער אַז ס׳איז געוואָרען נאַכט און איך האָב זיך אַראָבגעלאָזט מיט מסירת נפש פונ׳ם בוידעם, האָב איך ג ע ד א נ ק ט א ו ן ג ע ל ו י ב ט דיין ליעבען נאָמען, וואָס ס׳זענען מיר ניט צושיט געוואָרען די ביינער און איך האָב מיר ניט אויסגעבראָכען אַ צאָהן, און איצט האָף איך אויך טאַקי נאָר אויף דיין הילף, גאָטעניו!... אַזאַ כשר׳ער יוד, ווי איך, אַזאַ גרויסער בעל־בטחון וואָס מאַכט אוועק מיט דער האַנד אַלע זיינע צרות און זאָגט: „גאָט איז אַ פאָטער“, פערדיענט טאַקי זאָלסט איהם געבען זיין שכר אויף דער וועלט פון דיין פולער האַנד“...

איך רייד און גאָט, ברוך הוא, שמייכעלט, און מיר דאַכט זיך, ער ענטפערט מיר: הבן יקיר לי, מענדעלע ביזט מיר א וואוילער זוהן א טרייסט, א נחמה, מיין טייערער מענדעלע, הלואי וואָלט איך געהאט א סך אזוינע יודען! —

אזוי טראַכט איך מיר, און סע חאַפּט מיר אָן א חשק צו אָנגעהמען זיך גאָט׳ס קריוודע, כדי ער זאָל טאַקי זעהען מיינע גוטע מעשים. און איך קערעווע זיך אוים צו בנציונ׳ען מיט אזוינע ווערטער:

—מילא, וואָס איהר פאַהרט קיין ארץ ישראל, בין איך א י י ך מוחל. זאָלען אַנדערע מיט אייך פיהרען וכוחים און אויסווייזען באותות ומופתים, אז איהר טוט גוט אָדער איהר טוט שלעכט. פון מיינעטוועגען, פאַהרט אייך צו אַל די גוטע יאָהר. אָבער וואָס איז דאָס עפּעס פאַר ווערטער מכח יודען און יודישע געדאַנקען? וואָס קאַפּעט איהר מיר לינקס אויפ׳ן יודישקייט?

— חלילה! — ענטפערט בנציון און צאַפּעלט זיך אַזש מיט אַלע אברים — חלילה! ווער רעדט דען? דאָס יודישקייט איז דאָך מיין לעבען, מיין חיות, מיין נשמה. צוליעב דעם יודישקייט בין איך דאָך דאָס, וואָס איך בין — א יוד, א זוהן פון מיין פאָלק ווייט אָבגעשיידט פון אַלע איבעריגע פעלקער אויף דער וועלט. דאָס יודישקייט — דאָס איז מיין בעזונדערע געשטאַלט מיין אייגענער יודישער חאראַקטער, מיינע מדות, מיין פיהרונג, אפילו מיינע תנועות און העויות. פון דעם נגון, מיט וועלכען איך רייד, ביז דעם קנייטש אויפ׳ן שטערען, ביז דעם מינדסטען דרעה מיט א פינגער. דאָס יודישקייט איז כולל אונזער גאַנץ פערמעגען, אַלצדינג, וואָס ס׳איז אונז געבליבען פון די ישיבות פון שם ועבר, פון די ישיבות פון יבנה אושא און פומבדיתא און נהרדעא מיט זייער גרויסע חכמים און רבנים, ווי אין ארץ ישראל, אזוי אויך אין בבל, פון די בתי מדרשים און ישיבות און תלמוד תורות אין די חדרים אין גלות אַלע יאָהרען ביז היינטיגען טאָג. זיי אַלע האָבען אַרויפגעלעגט אויף מיר זייער שטעמפּעל. פון אַלע האָב איך גע׳ירשנ׳ט געוויסע סמנים, זיי אַלע האָבען מיך געמאַכט פאַר א יודען מיט אַלע פּישטשעווקעס, מיט אַלע קנייטשעלעך סיי אין גוף, סיי אין דער נשמה נאָך פון פריהערדיגע דורות, נאָך איידער איך בין גאָר געבוירען געוואָרען אויף דער וועלט. נו, זאָגט איהר אַליין: קען איך דען בייטען מיין געשטאַלט? קען איך דען זיך אָבזאָגען פון זיך אַליין? חלילה וחס! איך רייד ניט פון דעם ר י י נ ע ם יודישקייט, וואָס איז איבערגעגאַנגען צו אונז במסורה פון משה רבנו׳ס צייטען, נאָר פון דעם ווילדפרעמדען, צוקאַליעטשעטען, פערדאַרבענעם יודישקייט, וואָס האָט זיך צוגעקלעפּט צו אונז אין גלות. ס׳איז דאָך א חלוק צווישען ד ת מ ש ה

און דעם היינטיגען יודישען דת.

— רב מענדעלע! — שרייט רב ישראל אונטערשפרינגענדיג ווי ניט אין זיך, און טאָרעט מיך מיט'ן גראָבען פינגער. — אוי, וואָס שווייגט איהר, רב מענדעלע! איך בעט אייך, זאָגט מיר, איהר'ט שוין אמאָל געהערט אזוינע נארישע דבורים? רבונו של עולם, היתכן... דת משה און יודישער דת! סע קומט איהם דאָך.. נאָר וואָס טויג ריידען? וואָס וועט העלפען? לאָמיך בעסער שווייגען.

רב ישראל געהט זיך צו זיין ווינקעל, בויגט זיך אָן, צובינדט די שטריק אויף די זעקלעך און קלומקעס און שלעפט פון דאָרט ארויס עפּעס זאכען. איך געה מיר אין אנ'אנדער ווינקעל, נעהם ארויס דעם תפלין־זאק מיט אלע מכשירים און שטעל זיך דאוונען. איך גרייט זיך לויבען זיין ליעבען נאָמען מיט א לויטער הארץ און א טיעפער כונה, איך ווארט דעריבער, ביז איך וועל ווערען אביסעל רוהיגער און וועל פערגעסען די זינדיגע דבורים, וואָס איך האָב נאָר וואָס געהערט. נאָר אז אָך און וועה צו מיינע שונאים! הלואי וואָלט איך בעסער ניט געטראַכט פון כונות און געדאווענט פּראָסט פּשוט, ווי אלע יודען, וואָלטען מיר אפשר ניט ארויפגעקומען קיין בייזע הרהורים, רחמנא לצלן! וואָרום טאַקי וויילאיך האָב געוואָלט מבטל זיין בנציונ'ס דבורים כעפרא דארעא, האָב איך גענומען קלעהרען וועגען זיי, בעטראַכטען זיי פון אלע זייטען; דאָס קלעהרען האָט מיך אָבער געבראַכט צו א שווינדעל: נארען דעם רבונו של עולם, ווייזען איהם, אז איך בין איהם איבערגעגעבען מיט אלע געדאנקען און מיט אלע חושים; פון דעם שווינדעל איז שוין געווען נאָר א שפּאַן וועג צו הנופה: איך האָב גע'חנפ'עט דעם אויבערשטען מיט זיסע ריידעלעך, זיך געוואָלט אונטערקויפען ביי איהם מיט פאַלשע ווערטער; די הנופה האָט, ווי דער שטייגער איז, אויפגעוועקט דעם יצר הרע און ער האָט זיך גענומען צו דער ארבייט. דער יצר הרע איז ביי מיר, דארפט איהר וויסען, א פּקח, א חכם עתיק, ער פערשטעלט זיך דוקא פאַר א חסיד, א כשר'ע נשמה, א וואוילען בעל־יועץ, וואָס מיינט אלצ־דינג נאָר לשם שמים; ער איז געניט אין וועלט־זאכען, ווייסט, ווי אזוי מענשען פיהרען זיך, און קען מאכען פון שווארץ ווייס און פון א מאוס'ניצע א גרויסען פאַרשוין; ער פערשטעהט גוט א בלאַט גמרא, איז געניט אין די קליינע אותיות'לעך, דערביי האַלט ער זיך שטיל, געלאַסען אָהן כעס, און האָט אזא צונג, אז ער קען ווייך מאכען א שטיין.

אָט דער בחור מיינער האָט מיך גענומען, ווי זאָגט מען דאָס, צום סמיך. איך שטעה, דאווען בדחילו ורחימו, האַלט שוין ביי שמונה עשרה, און יענער קומט מיט א גמרא און רוימט מיר איין אויפ'ן אויער; הערט נאָר, רב מענדעלע, אפשר קענט איהר מיר געבען צו פערשטעהן די משנה אין

כתובות: „ואלו יוצאות שלא בכתובה"... — „אָט די געהען ארוים אָהן א כתובה" ?...

איך היץ זיך, שאָקעל זיך, דאַווען מיט א ברען, וויל גאָר ניט הערען די טרפה'נע ווערטער, און יענער טרעט ניט אָב, פערטייטשט מיר וואָרט אין וואָרט די משנה: „העוברת על דת משה ויהודית"... „די וואָס איז עובר אויף דת משה און אויפ'ן יודישען דת..." צו אַל די שוואַרצע יאָהר! — בייזער איך זיך. — וואָס קעהר זיך אָן הלכות נשים צו „עזרת אבותינו"?... איך מאַך מיר הארץ, זינג און דאַווען מיט גרויס דבקות און וויל זיך גאָר ניט אומקוקען אויפ'ן עכבראָש. יענער טוט זיך אָבער זיינס, ער חזר'ט אויך מיט א נגון: „ואיזוהי דת משה וכו' ואיזוהי דת ישראל"?... וואָס זשע הייסט דת משה און אז. וו. און וואָס הייסט דער יודישער דת"?... וואָס איז דאָס? איך פערשטעה גאָר ניט, קעגען וואָס ברענגט ער די דאָזיגע משנה? — וויל איך זיך ארויסדרעהען פונ'ם יצר הרע'ס הענד. יענער לאָזט מיך אָבער ניט אָב. ער מאַכט פון מיר חוזק און שטעלט מיר ארוים א צונג: מענדעלע! (שוין גאָר ניט רב מענדעלע) מיך, מענדעלע, ועסטו ניט נאַרען! דו פערשטעהסט דוקא זעהר גוט, וואָס מע מיינט און קעגען וועמען איך רייד דאָ... דערמאָן זיך נאָר, וואָס דער יונגער מאַן האָט דיר געזאָגט.

יאָ, אמת. איך האָב דוקא גוט פערשטאַנען ווי טיעף דאָס ריהרט אָן און וויפיעל מען קען דרינגען פון אזא משנה. נאָר וואָס דען? איך האָב זיך ניט געוואָלט מודה זיין. איך האָב בעסער געוואָלט נאַרען זיך אַליין. ווי דער שטייגער איז. צוליעב דעם נאַרעניש האָט דער יצר הרע בעקומען ערשט נאָך מעהר כח און האָט מיר גענומען איבער'חזר'ען דעם גאַנצען שמועס פון דער משנה וועגען דעם, וואָס הייסט יודישער דת. א שטייגער: „א פרוי געהט מיט א הוילען קאָפּ, זי שפינט אינמיטען מארק און רעדט מיט יעדערען. ניט ווי יודישע קינדער זענען זיך נוהג"... טפו זאָל ער ווערען! ער נעהמט, דער ימח שמו'ניק, און מאָלט מיר אוים פאַר די אויגען א יודישע טאָכטער, אַנ'אויסגעלאַסענע, ווי עס שטעהט דאָרט אין כתובות זי שפינט מיט א שפּינדעל און ווינקט דערמיט צו די בחורים און שפּיעלט זיך מיט זיי בפרהסיא. — און דאָס אַלץ, וועה איז מיר, אינמיטען דאַווענען!... בייזע געדאַנקען קריכען מיר אין מוח, טאַנצען און שפּרינגען און בייסען מיך, ווי פליעגען סוף זומער. איין געדאַנק קומט, דער אַנדערער געהט אוועק, און איך שטעה און קלעהר און פערקריך אַלץ טיעפער אין אמונות און דעות, איך ציה דורך א מחיצה צווישען הייליג און ניט הייליג, צווישען יודישע דינים אייגענע און איבערגענומענע

ביי אַנדערע פעלקער, צווישען ערטער און צייטען. און איך בוי שון אַ נייע שטה אין יודישען דת! ס'איז ניט גלייך, טראַכט איך, יודישקייט צו יודישקייט: איינס שטאַמט פונ'ם באַרג סיני, עס איז אַנגעשריעבען אין דער תורה און איבערגעגעבען פון דור צו דור — דאָס איז ד ת מ ש ה; און איינס איז פונ'ם גלות, פון די יודען, וואָס האָבען זיך אויסגעמישט מיט אַנדערע פעלקער — דאָס איז דער י ו ד י ש ע ר דת. דאָס ערשטע איז כלו קודש. אויף דעם שטעהט דאָס יודישע פאָלק מיט זיין בעזונ־דערער געשטאַלט און זיין אייגענעם חאַראַקטער; דאָס אַנדערע איז אַ געמישעכץ פון הייליגקייט מיט פּראָסטע, וואָכעדיגע מדות און מנהגים און מיינונגען, וואָס די יודען האָבען אריינגעזאַפּט אין זיך אין פיעלע ערטער אין אַ משך פון לאַנגע יאָהרען. ווען סע קומט אַ דור פון נאַרישע מענשען, אָהן אַ קלאָרען קוק און אָהן אַ רעכטען פערשטאַנד, נעהמט דאָס יודישקייט אריין אין זיך אַלצדינג, דאָס גוטע און דאָס שלעכטע, דאָס שענע און דאָס מאוס'ע, דאָס ריינע קאָרען און די פסולת, דעריבער זעהט עס אויס אַזוי משונה ווילד און דעריבער... דעריבער איז אפשר בנציון געקעכט...

ווערה, ווערה צו מיינע יאָהרען! וואָס טוט מען מיט'ן יצר הרע? איך לאָז ארויס אַ טיעפען זיפץ, פערוויקעל זיך אין טלית ביז איבער'ן גאַרטעל און שטעה מיט'ן פּנים צו דער וואַנד, אַ צובראָכענער, אַ צוקאָכ־טער פון אַזוינע זינדיגע מחשבות.

— זייט זשע מוחל, פעטער! — הער איך עמיצער רופט צו מיר און טאַקי באַלד דערפיהל איך אַ שטורך אין זייט.

איך קוק זיך אום און זעה: דער משרת פון דער אכסניא רוקט צוויי בעטלעך צו דער וואַנד, וואו איך שטעה.

— וואָס עפּעס צוויי? — פרעג איך.

— הלילה הזה שתי פעמים, — ענטפערט מיר דער בחור מיט אַ ווערטעל און מיט אַ צוקאַליעטשעטען פסוק, ווי דער שטייגער איז ביי די דאָזיגע לייט. — וואו האָט איהר דען געזעהן, אַז צוויי זכרים זאָלען שלאָפען אין איין בעט?

— מילא איינער ווייס איך, איז דאָ — טענה איך — דאָס איז דער יונגער מאַן. אָבער וואו איז דער אַנדערער?

— שנים שנים באו אל התבה, — לאַכט דער משרת אויף זיין שטייגער. — איין אורח ברענגט דעם אַנדערען אורח, און די בעל־הבית'טע איז צופריעדען, זאָל איהר גאָט העלפען. און אייך, אַז איהר וועט שלאָפען פיער־פינף אין איין חדר, וועט אייך, אם ירצה השם, ניט שאַדען, ס'וועט אייך נאָר זיין וואַרעם.

— וואו זשע זענען די איבעריגע? — וואונדער איך זיך, ניט זעהענ־דיג ניט רב ישראל'ן, ניט דעם יונגען מאן.

— די איבעריגע זענען, ווייזט אויס, פּראָסטע יודען, זענען זיי זיך אוועק אין שטאָדט אריין, — ענטפערט דער משרת און קוקט אויף מיר מיט איין אויגעל. — איהר, פעטער, זעה איך, זענט מיר שטארק אריינ־געטאָן אין דער תפלה, סע פלאַמט אייך אזש דאָס פנים; איהר האָט זיך אזוי פערטיעפט, אז איהר האָט גאָר ניט געהערט ארויסגעהן די אי־בעריגע שכנים... ווייסט איהר זשע, וואָס איך וועל אייך זאָגען? איך האָב דאָ אַן עקרה, אַ פיינע און אַ וואוילע, דאַרף זי האָבען אַ ברכה פון אַ צדיק. זאָל איך זי אפשר רופען, די יפהפיה, וועט איהר זי בענשען?...

שווער צו פערשטהען, וואָס אַזאַ מין משרת, אַ ממזר־יונג, מיינט: דאַכט זיך, ער רעדט מיט דיר בתמימות, און ס'קען זיין, אַז ער טראַכט גאָר דער שווארץ יאָהר ווייסט וואָס. איך האָב זיך מישב געווען: לאָם איך בעסער זיין אצונד דער נאַר. זאָג איך דעם משרת, אַז דער שליסעל פון קינדער געפינט זיך ניט אין מיינע הענד, און הייס איהם געהן.

דער משרת איז ארויסגעגאַנגען. איך בלייב ווידער אליין און הויב אָן מלמד חוב זיין אויף אַלע מענשען, אַראָבנעהמענדיג אַ מוסר פון זיך. איך טראַכט מיר אזוי: ווען עמיצער זעהט מ י ך, אַ שטייגער, ווי איך דאווען היינט מיט אַזאַ גרויסער התלהבות, וואָלט ער דאָך אודאי געמיינט, אַז איך בין אַ פרומער יוד, אַ הייסער צדיק, אַ כשר'ע נשמה; ווען ער גיט אָבער אַ קוק א י נ ו ו ע נ י ג, וואָלט ער זיך דערשראָקען פאַר מיין אייזערנעם יצר הרע און פאַר די שלעכטע געדאַנקען, וואָס האָבען זיך מיר געפּלאָנטערט אין דאווענען און מיך פערשלעפּט אין אַ העק. היינט אַז א י ך בין אזוי, פון וואַנען זשע ווייס איך, אַז אַנדערע פרומאַקעס זענען ב ע ס ע ר אפשר איז ביי זיי אויך די פרומקייט נאָר אַ מאַסקע און אינוועניג זענען זיי אָנגעשטאָפּט מיט מאוס'ע געדאַנקען און טרפה'נע תאוות? אפשר איז אין יעדען פנחס בעהאַלטען אַ זמרי בן סלוא.

— גאָט אין הימעל! אויב אזוי איז דאָך גאָר קיין יודען ניט געבליבען!

— שרייט אין מיר דאָס הארץ, און איך קלעהר און טראַכט, שאַרף מיר דעם מוח צו בעווייזען, אַז איך בין אומגערעכט. סע העלפט אָבער ניט. איך זיץ איינער אַליין אין מיין חדר און זיפץ און בין אויס מענש.

— האָב דיר אַכציג שווארצע יאָהר! ביז וואַנען איז דער שעור ארומגעהן פוסטעפּאַס! — הער איך, ווי עמיצער טענה'ט צו מיר. דאָס מאַלט זיך מיר אויס, אַז די אַלטע מיינע לעגט אוועק אַ ברכה, ווי דער שטייגער איז פון ווייבער, ווען זיי טרייבען־אונטער דעם מאַן צו זוכען פרנסה. — קוק איהם נאָר אָן, דעם תכשיט מיינעם: ליעגט אין דער קרענק

אויף דער סטאַנציע און ברעכט זיך דעם מוח אויף נאַרישע מעשיות, וואָס זענען אַ דרייער ניט ווערט. שען, כ'לעבען! ער האָט שוין גאָר פערגעסען, אַז ער האָט אַ ווייב מיט קינדער און אַז ער איז געקומען אַהער מאַכען געשעפט. אכזר! קוק זיך נאָר אַרום, וואו ביזטו אין דער וועלט. אַלע יודען שטעהען אויף גאַנץ פריה, נעהמען די שטעקעלעך אין די הענד און לאָזען זיך געהן, זובען, נישטערען, אפשר וועט גאָט צושיקען אַ געשעפטעל און דו, עוכר ישראל, דו האָסט אינגאַנצען אַראָבגעוואָרפען פון זיך דעם עול פון פרנסה און — אַ יום־טוב אויף דיר! זאָלסט שוין ניט דערלעבען יום־טוב, טאַטע זיסער! קאַרג צרות האָבען מיר געהאַט, קאַרג נעכט ניט דערשלאָפען, ביז מיר האָבען אויסגעקראַצט די עטליכע קערבלעך אויף דער נסיעה, און דו ליעגסט זיך דיר און עסט אַ קערבעל נאָך אַ קערבעל, עסען זאָלען דיך ווערים. אפשר וואָלט שוין אָבער געווען גענוג? אפשר וואָלסטו שוין אויך זיך געלאָזט אין שטאָדט אריין, הא?

ווען מען גיסט מיך אָב מיט אַ הייסען אָקראָפּ, וואָלט איך ניט געדאַרפט ווערען אַזוי צוקאָכט, ווי פון די דאָזיגע ווערטער. אין איין רגע זענען זיך צופלויגען אַלע מיינע פריהערדיגע רעיונות, און איך האָב זיך גענומען גרייטען אין שטאָדט אריין: בעטאַפּט די פאות און די באָרד, אָנגעטאָן די שבת'־דיגע קאַפּאָטע — אַ סגולה צו קרעדיט, ווי דאָס איז ידוע אַלע קליינ־שטעדטעלדיגע סוחרים. דורכגעהענדיג נעבען שפּיגעל, האָב איך, ווי אומ־גערען, אַ קוק געטאָן אויף זיך און בין זיך דוקא געפעלען!

— זייף און פּאָמאַדע, הענדשקעלעך און שטעקעלעך, טיכעלעך און קנעפּעלעך, שוועבעלעך, שניפּסען, גאָפּלען מיט מעסערס — איהר דאַרפט ניט קיין בעסערס!... שרייט עמיצער נעבען דער טהיר. באַלד בעווייזט זיך אַ פערסאָפּעטער יוד, לאָזט אַראָב דעם קלומעק מיט סחורה אויף דער ערד און נעהמט זיך ווייטער אויסרופען, וואָס ער האָט צו פערקויפען.

— מאַכט עס גיכער, רב קרוב, — זאָג איך איהם, — וואָרום איך האָב קיין צייט ניט. — יענער מאַכט זיך ניט הערענדיג און האַלט אין איין צעהלען:

— זייף און פּאָמאַדע, פּאַפּיער, קאָנווערטען, טינט און פענעס, סם־המות פאַר שטשורעס!...

— לאָזט געמאַך! איך מוז אוועקגעהן! — בעט איך זיך ביי'ם יודען און קוק אויף איהם מיט רוגזה, טראַכטענדיג ביי זיך, ס'אַרא מאוס'ע אומה אונזערע סוחרים זענען: זאָגסט איהם קלאָרע דבורים — ניין, ער מאַכט זיך ניט וויסענדיג; זיין כבוד איז ביי איהם ניט ווערט אַ פּרוטה, ער וועט זיך פאַר אַ פערדיענסטעל לאָזען אָנשפּייען אַ פול פּנים. אַנ'אמתער חלול השם!

— האָט רחמנות, פאַני, גיט עפּעס צו לעזען, — בעט זיך דער יוד מיט אַ רחמנות־פּנים, און איך לייען אין זיינע אויגען זיין דלות און זיינע ביטערע צרות. — קויפט עפּעס אויף אַ פּאַטשאַנטעק. איך האָב היינט, ניט פאַר קיין שום יודען גערעכט, אַ פינסטערען טאָג. פון אינדערפריה אָן, האַטש ציה זיך אויס, קיינער קויפט ניט פאַר אַ גראָשען און איך בין, לא עליכם, אַנ׳עני ואביון, אַ מטופל מיט קינדער. נעכטען האָט מען זיך מיט מיר שען אָבגערעכענט... נאָר אַ דאַנק גאָט פאַר׳ן גרויסען נס, וואָס מיר זענען לעבען געבליבען און כ׳האָב אָבגעראַטעוועט אָט דאָס ביסעלע סחורה. קויפט, פאַני, גיט צו לעזען!

מיר פערקלעמט דאָס האַרץ פאַר רחמנות אויף דעם אומגליקליכען יודען, און איך האָב שוין חרטה, וואָס איך האָב נאָר וואָס איהם געזידעלט אין הארצען. איך זאָג איהם זעהר פריינדליך:

— נו, גיט זשע מיר זאָקען!

איך שטעק אריין די האַנד אין קעשענע נאָכ׳ן בייטעלע געלד — ניטאָ! איך זוך אין די הויזען, אין דער קאַפּאָטע, איך טאַפּ זיך אַרום פון אַלע זייטען — ניטאָ! מסתמא האָב איך עס אָנגעוואוירען נאָך נעכטען, בשעת איך האָב זיך געדראַפּעט אויף די גלייכע ווענד. אַ פּאָר מינוט שטעהען מיר אין געהאַקטע וואונדען און קוקען אָן איינער דעם אַנדערען — איך דעם יודען און דער יוד מיך, און זיפצען. נאָכדעם נעהמט דער יוד זיין פּעקעל אויף די פּלייצעס און געהט אַרויס מיט יסורים.

ס׳איז נאָך אַ דאַנק און אַ לויב זיין ליעבען נאָמען, וואָס איך בין געפּאַלען אויף אַנ׳עצה, אַרויספאַהרענדיג פון דער היים, אַראָבנעהמען עטליכע קערבלעך און זיי בעהאַלטען אין אַ קניפּעל אונטער׳ן העמד. אַניט וואָלט מיר אויסגעקומען האַטש באַלד זיך לאָזען איבער די הייזער. איך טאַפּ אָן מיט דער האַנד דאָס קניפּעל אויפ׳ן בויך און זאָג זיך: שישו בני מעי! דאַנקען גאָט דערפאַר! — נאָכדעם טו איך אַ טאַפּ די לינקע פאה, אַ קראַץ אין קאָפּ — און לאָז זיך געהן.

איך בין נאָך ניט אַרויסגעגאַנגען פון דער אכסניא, דערפיהל איך, אַז — ניין! לא מיט אַנ׳אַלף! איך קען זיך ניט ריהרען פונ׳ם אָרט. סע האַקט מיר אין די זייטען און סע טוט מיר וועה יעדעסביינדעל אינ׳ם חוט־השדרה — נאָך אַלץ פון דעם נעכטיגען קלעטערען און פון דעם קלאַפּ אָן די באַנטעס. איך שטעה עטליכע מינוט ווי געלעמט, אין קאָפּ שווינדעלט מיר, די פיס זענען ווי צוגעקאָוועט. קוים מיט צרות האָב איך זיך פערשלעפּט צוריק אין מיין ווינקעלע. פאַוואָלינקע, אויף אַלע פיער, האָב איך זיך צוגערוקט צום בעטעל און מיט גרוים מיה אַרויפגעקראָכען אויפ׳ן געלעגער.

איך ליעג אויפ׳ן בעטעל און סע לאָזט מיך ניט רוהען.

סע טוט וועה דער גוף און סע נאָגט אין דער נשמה. גוטע און שלעכטע געדאנקען מישען זיך איבער, שטויסען זיך אָן איינער אָן צווייטען, ער־קלעהרען מיר די אַלע מעשים אויף פערשידענע אופנים. אָט קוק איך זיך צו צו די צרות מיט די אומגליקען, וואָס האָבען זיך געטראָפען די לעצטע טעג, און איך ווער ביי זיך גרויס. איך טראַכט מיר: אז וואויל איז דיר און אז וואויל איז דעם פאָלק ישראל, וואָס דער גאָט פון אברהם׳ן, פון יצחק׳ן און פון יעקב׳ן טוט אייך ביישטעהן אין אַלע אייערע נויטען. פרעהט זיך, יודעלעך, און דאנקט זיין הייליגען נאָמען פאר די נסים, וואָס ער בעווייזט אייך יעדע שעה, יעדע מינוט!... און איך ווער שטארק אויפגעלעגט און שיק א שבח דעם רבון עולם פאר דעם נס, וואָס ער האָט מיר מיר געטאָן: וואָס איך בין נצול געוואָרען מיט׳ן לעבען, וואָס איך בין אָבגעקומען נאָר מיט א קלאַפּ, א שטורך, א וועהטאָג אין זייט, בשעת איך האָב געקענט ברעכען האלז און נאַקען, חלילה. א דאנק דיר, גאָטעניו, אבי מען לעבט, א דאנק דיר, פאָטער אין הימעל. — און אָט ווערט מיר קאַלאָמוטנע אויף דער נשמה און איך זאָג מיר: אז אָך און וועה איז דיר און אַלע יודען, וואָס איהר קענט א טאָג ניט איבערלעבען אָהן נסים! אזוי לעבט נאָר א קנעכט, אנ׳עבד! מע דערלאַנגט איהם א פּאַטש אין פּנים — ער מאַכט זיך ניט וויסענדיג; מע האקט איהם אויס א צאָהן, מע נעהמט איהם ארויס אנ׳אויג, ער דאנקט גאָט, וואָס מ׳האָט איהם ניט אויסגעהאקט צ ו ו י י צייהן, ניט ארויסגענומען ב י י ד ע אויגען... קנעכט זענט איהר, יודעלעך, קנעכט! איהר ווייסט נאָר דאנקען פאר יעדער מכה, פאר יעדער צרה שלא תבוא; אין יעדען אומגליק, אין יעדער אָנשיקעניש גע־פינט איהר נאָך נסים ונפלאות. אָן יענץ יודעלע מיט׳ן פעקעל סחורה, וואָס איז אין איין טאָג געוואָרען אנ׳עני ואביון, זאָגט דאָך אויך על הנסים.. אָבער צוריק, טראַכט איך מיר, אפשר איז טאַקי דער רבונו של עולם גערעכט? אפשר איז דאָס אנ׳אָבקומעניש פאר אונזערע זינד?... ענטפערט מיר דער יצר הרע: וואָס זענט איהר עפּעס זינדיגער פון אַלע אַנדערע מענשען? זאָגט מיר, איך בעט אייך, מיט וואָס האָט איהר זיך דאָס אזוי פערזינדיגט? אפשר דערמיט וואָס איהר לעבט, וואָס איהר עסט און טרינקט און האָט קינדער? זענט איהר דאָך אָבער נאָר מענשען, בלוט און פלייש, איהר האָט א מאָגען, ווי אַלע אנדערע מענשען, איהר האָט אויך חושים און געפיהלען און תאוות און בעדערפעניסען, ווי אַלע לעבעדיגע בעשעפענישען! דאכט זיך, פערקעהרט, ניטאָ אויף דער וועלט קיין אומה ולשון וואָס זאָל אזוי דיענען גאָט פון אינדערפריה ביז ביי־נאַכט, ווי דער יוד. איהר לעבט דאָך גאָר ניט, איהר זענט דאָך פון אַלע זייטען ארומגעצאַמט מיט דינים און

חומרות און סיגים, ביי אייך איז דאָך אויף יעדען פון אייערע רמ"ח אברים, אויף יעדער איינציגער פון אייערע בעדרפענישען אָנגעטשעפּעט גאַנצע פּעק מיט מצות און דקדוקים גרויסע און קליינע. עסען עסט איהר קרענק, אָבער זאָגען זאָגט איהר זיך אָן, ווי אַ פויק אי פּאַר'ן עסען, אי נאָכדעם. אויף יעדען טריט האָט איהר אויסגעבויט שוהלען און בתי־מדרשים און חדרים און ישיבות, אַלע אייערע יאָהרען פערברענגט איהר באהלה של תורה. אייערע קינדער לערענט איהר ניט דאָס, וואָס זיי דאַרפען קענען צום לעבען, מחמת איהר דאַרפט זיי דאָך שטאָפּען מיט דער הייליגער תורה. די בעדרפענישען פון דער איצטיגער צייט זענט איהר מבטל צוליעב אַזוינע הלכות און דינים, וואָס האָבען נאָר אַ שיכות צו פערגאַנגענע צייטען און דורות. און אַלץ צוליעב וואָס? כדי איהר זאָלט זיך אונטערקויפען ביי'ם רבונו של עולם, כדי איהר זאָלט איהם דיענען מיט אַלע אייערע חושים, מיט אַלע אברים, מיט אייער גאַנצען לייב און לעבען. און איהם איז נאָך אַלץ קאַרג, ער איז אַלץ ניט צופרידען, ער האָט נאָך אַלץ צו אייך טענות! נאָר לאָז שוין אפילו זיין, אַז איהר האָט זיך יאָ אַמאָל טועה געווען, אַז ס'האָט זיך אייך געטראָפען אַ מכשול—איהר זענט דאָך ניט מעהר ווי מענשען — נו, דאַרף מען שוין זיין ברוגז אייביגע יאָהרען, דאַרף מען שוין גאָר קיינ־מאָל ניט וועלען פערגעבען? דער פּחד און די הכנעה האָבען פון אייך גע־מאַכט אַ תל, איהר זענט געוואָרען חניפה'ניקעס, צבוע'קעס, נידעריגע מענ־שען, איהר האָט מורא צו זאָגען דעם רבונו של עולם דעם אמת אין פּנים. איהר גיט איהם אָב דעם גערעכט, מחמת איהר ציטערט פאַר זיין שווערען משפּט. דערמאָנט זיך אָבער, וואָס האָבען אייערע עלטערען געטאָן! אָ, זיי האָבען קיינעם ניט גע'חנפ'עט, זיי האָבען געזאָגט דעם אמת אפילו גאָט אַליין! געקומען ירמיהו הנביא און געזאָגט: וואו זענען זיינע שרעקען? און האָט ניט געזאָגט דער גאָט פון שרעק. געקומען דניאל און געזאָגט: זיינע קינדער זענען געפאַנגען, וואו זענען זיינע גבורות? און האָט ניט גע־זאָגט: דער גאָט פון גבורה.. ווייל זיי האָבען געוואוסט, אַז ער האָט ליעב דעם אמת, איז ער מסכים מיט'ן אמת, דעריבער האָבען זיי ניט גע־רעדט פאַלש. און אייערע ערשטע חכמים לעגען אַריין אַזוינע ווערטער אין דעם מויל פון דער כנסת ישראל: „רבון העולמים, דו האָסט געשריעבען אין דיין תורה: לא תקום ולא תטור *) — און אַליין ביסטו אַ נוקם ונוטר... דו מעגסט און איך טאָר ניט?!" — ניין, מענדעלע, מע דאַרף זיך ניט נאַרען, ביסט דאָך אַ יוד אַ למדן און קענסט די אַלע מאמרים און גמרא און מדרש, אפשר וועסטו מיר וועלען פערשטאָפּען דאָס מויל מיט דער

*) ניט טראָגען קיין נקמה און האַס אין האַרצען.

תשובה, וואָס סע שטעהט דאָרטען, דהיינו: דו וועסט זאָגען, אז ער איז א נוקם ונוטר צו א נ ד ע ר ע, ניט צו אונז, יודען, — איז אומזיסט דיין טרחה! מיך וועסטו ניט אָב׳פּטר׳ען מיט אזוינע תרוצים. דו ווייסט דאָך זעהר גוט, אז א ו י ף א י י ך, אויף אייך אליין, קומען אלע צרות מיט אלע אומגליקען, און דאָס ציהט זיך שוין, ברוך השם, ניט איין יאָהר און ניט הונדערט...

„וועה, וועה, וואָס טוט מען מיט׳ן יצר הרע!" איך זיפץ נעבעך, אז סע קען ריהרען א שטיין. איך וויל אָנרייצען דעם יצר טוב, ער זאָל פערטרייבען דעם דאָזיגען אומגעריכטען אדוואָקאַט, וועלכער איז גאָר געקומען אינמיטען דערינען מלמד זכות זיין אויף דער כנסת ישראל. קום, בעט איך זיך, ענטפער אָב דעם טרפה׳נעם מסית. מיין יצר טוב האָט אָבער א יודישע טבע: אז ער זעהט פאר זיך א פריץ, ווערט ער דערציטערט און קען ניט עפענען א מויל; יענער שרייט, זידעלט, פילדערט, און ער שטעהט ווי א ג'ונקעלע מיט אנ׳איינגעבויגענעם קאָפּ. דערפאר, אז יענער שרייט זיך אָן און געהט אוועק, קריכט ער ערשט ארוים פון זיין ווינקעל און הויבט אָן מוסר׳ן מיט אזא ברייטקייט און אזא ליארעם, אז הימעל עפען זיך. אזוי איז די טבע פון יעדען שוואכען, ווען ער איז עולה לגדולה. הערען זיין מוסר איז ערגער, ווי א פּאַטש אין פּנים.

אז אָך און וועה איז מיר מיט מיין יצר הרע, און אז ווינד און וועה איז מיר מיט מיין יצר טוב!...

געשלאָפען בין איך דוקא דעם טאָג אזוי געשמאַק, אז איך געדענק שוין ניט, איך זאָל אזוי שלאָפען. דער שלאָף האָט פון מיר אראָבגענומען אלע דאגות, געמאַכט מיך פערגעסען מיין הארצקלעמעניש און אריינגעגעבען כח אין מיינע אברים. אז איך האָב זיך אויפגעהאַפּט אויפדערנאַכט, בין איך געווען פריש און געזונד, ווי א נייע הויט איז אויף מיר ארויף. דער יוד איז ווי יענע קליינינקע בעשעפענישלעך, וואָס מע קען זיי שון ניט אָנזעהן מיט׳ן אויג. אזא בעשעפענישעל קען ליעגען א לאַנגע צייט טרוקען, דאר, אָהן א סימן פון לעבען. פּרובסטו אָבער ארויפגיסען דערויף א טראָפּען וואסער, — אהא, סע לעבט שוין, סע שוועבט שוין, סע יאָגט זיך אינ׳ם טראָפּען, סע זוכט חיונה, פריש, לעבעדיג, אקוראַט ווי ס׳איז גאָר קיינמאָל ניט געלעגען פערשמאַכט. נעהם א יודען א דארען, א קווארען, וואָס קוים סע האַלט זיך אין איהם די נשמה, לאָז איהם נאָר איין מינוט האַפּען פרייער דעם אָטעם, קומט באַלד אריין א ניי לעבען אין זיינע אויסגעטריקענטע ביינער און ער נעהמט זיך צו דער ארבייט מיט אלע אברים און מיט דער גאַנצער נשמה.

אז איך האָב זיך אויפגעהאַפּט, זעה איך, סע ברענט א ליכט אויפ׳ן

טיש אין עק חדר, רב ישראל און בנציון און נאָך צוויי פרעמדע יונגע לייט זיצען אַרום טיש און פיהרען אַ הייסען וכוח. איך ליעג אויפ'ן בעטעל, הער זיך איין אין אַלע זייערע טענות, שטעל מיר אַריין פאַר זיך מיינע הערות אין זייער שמועס און גיב זיי אָב דעם געדעכט.

— זאָגט אייך, וואָס איהר ווילט, — שרייט איינער פון די נייע, — איידער איהר וועט ניט בעפרייען דעם נפש, וועט די גאולה פון דעם גוף ניט האָבען קיין ממשות. אויב מיר ווילען אויסבעסערען דאָס יודישע פאָלק, דאַרפען מיר אָנהויבען פון די יודישע דעות, פון דער יודישער פיהרונג; מען מוז קודם כל אויסגלייכען דעם יודענ'ס נשמה, אז ער זאָל ניט זיין אַזוי געפּאַלען ביי זיך, ער זאָל זיך אויפהערען אַרומטראָגען מיט נאַרישע גע־דאַנקען, ער זאָל זיך אָבזאָגען פון שאַחער־מאַכער, פון קנאה און שנאה און פון טויזענטער אַנדערע שלעכטע מדות, וואָס האָבען זיך צוגעקלעפּט צו איהם אין גלות אין אַ משך פון צוויי טויזענט יאָהר. מע מוז ערשט מאַכען אַזוי, אַז דער יוד זאָל קענען אויפנעהמען ריכטיגע געדאַנקען און אָרענטליכע מדות, אַניט וועט ער אין ארץ ישראל אויך ניט איינפיהרען קיין רעכטען ישוב און זיין לעבען וועט האָבען אַ פּנים פון חוזק.

„געדעכט"! — טראַכט איך מיר אין מיין ווינקעל, און איך שטעל מיר פאָר די אייביגע רייסעניִשען אין אונזער קהל'ישען לעבען, די חוצפּה און די פאַלשקייט פון אונזערע עוסקים בצרכי צבור, וואָס ס'רוב זענען זיי גראָבע יונגען, בורים, נידעריגע מענשען און וואָס נאָר צוליעב זייער עזות ווערען זיי ביי אונז קהל'שע מאַכערס. איך דערמאָן מיר די קריעג, די מסירות, די פייערדיגע פּעטש, וואָס פליהען צוליעב עליות, רבנים, שוחטים, חזנים. איך מאָל זיך אויס, ווי די קלענערע חנפ'ענען ביי אונז די גרעסערע, זענען זיך מכניע פאַר אַ ליאַדע בעל־יבולת, זינגען איהם שירות ותשבחות אָהן אַ מאָס און אַ שעור, און ווי יענער פעררייסט די נאָז, האַלט זיך מעשה תקיף און איז מבוזה מבזה זיינע ברידער, — אַלץ ניט ווערדיג דעם מענ־שענ'ס פעררדיענסט, נאָר גלאַט אַזוי, אָהן אַ טאַלק, אָהן אַ חשבון. — איך דערמאָן זיך די אַלע שענע זאַכען און טראַכט מיר: אויב אַזוינע וועלען זיך לאָזען קיין ארץ ישראל, איז שוין גלייכער בלייבען דאָ!

— אדרבא, קאַץ! — ענטפערט בנציון, — דער שכל איז פּונקט פער־קעהרט. פריהער דאַרף קומען די גאולה! אז די יודען וועלען לעבען אויף זייער ערד און פעררדיענען זייער ברויט דורך שווערער אַרבייט, ווי פאַר־צייטען, אז זיי וועלען בעקומען אַ געזונטען גוף און וועלען אויפהערען ציטערען פאַר'ן מאָרגענדיגען טאָג, וועט די נשמה זייערע אויך ווערען געזונט. דעמאָלט ערשט וועלען זיי זיך אָנהויבען פיהרען מיט חכמה און מיט יושר, דעמאָלט ערשט וועלען זיי בעקומען גוטע מדות און געהויבענע

גערדאַנקען — און ס׳וועט ניט בלייבען קיין סימן פון די אַלע מאוס׳ע הנהגות, וואָס מיר זעהען איצט ביי׳ם דערשלאָגענעם יודען. אָרימקייט — דאָס איז די שטינקענדיגע בלאָטע, וואו סע מעהרען זיך אַלערליי פּאַסקודנע שרצים און רמשים. זאָל נאָר אויסגעטריקענט ווערען די בלאָטע — וועט קיין שלעכטע בעשעפענישען ממילא ניט בלייבען.

„ער איז אויך גערעכט!" — טראַכט איך מיר און איך דערמאָן מיר די אַלטע טענות צווישען דעם רבונו של עולם און דער כנסת ישראל. די כנסת ישראל זאָגט: רבונו של עולם, אין דיר איז געווענדט, דו זאָלסט אונז אויסלעזען. השיבנו ונשובה! ענטפערט ער איהר: ניין, ס׳איז אָן ד י ר געווענדט, שובו אלי ואשובה אליכם! בעגנוגענט זיך ניט די כנסת ישראל מיט אַזא פּסוק, וואָס דער רבונו של עולם ברענגט פון׳ם נביא מלאכי, און זי טענה׳ט זיך אוים מיט אַ פּסוק פון תהלים: „שובנו אלהי ישענו" — און זי איז דוקא גערעכט. וואָרום וואָס זעהען מיר דען אין דער וועלט? אַ גראָבער יונג, אַ גס, אַ מנוול, אַ נידעריגע בריאה, אַז סע שפּיעלט איהם דאָס גליק און ער ווערט רייך, — ווערט ער גאָר אַנ׳אַנדער מענש. אינאיינעם מיט׳ן מזל בייט זיך ביי איהם אי די צורה, אי דער גערדאַנק, אי דאָס ריידען, אי אפילו דאָס קול. אַז גאָט ריכט אויף אַ מענ־שען, און גיעט איהם רייגע קליידער, ווערען אפילו די וואַנצען שלום מיט איהם, פערשפּאָרט ער זיך קראַצען...

— ניטאָ קיין גאולה אָהן דעם גואל צדק! — שרייט רב ישראל אין גרוים אימפּעט. — ביאת הגואל איז אין די הענד פון׳ם רבונו של עולם און דאַרף פאָרקומען בדרך נס. ווער סע וויל ברענגען די גאולה בדרך הטבע — איז אַ כופר און אַ הפקר־מענש און אַ גראָבער יונג.

„ער איז אויך גערעכט, אַזוי שטעהט טאַקי אין אַ סך ערטער אין גמרא און אין מדרש," — טראַכט איך מיר און דערמאָן זיך אַ טרויעריגע מעשה, וואָס איז זיך מיט מיר פּערלאָפען, אַז איך בין געוועזן אַ יונגעל. ס׳איז דעמאָלט געשטאָרבען מיין טאַטע, אַ יוד אַ לערנער און אַ מכובד. אונז, יתומים, האָט ער ניט איבערגעלאָזט גאָר ניט, אחוץ זיין מזרח־שטאָדט אין בית מדרש, וואו ער פלעגט דאַווענען און לערנען. איך, אַ בן־יחיד און אַ חשוב קינד, אַז איך פלעג זיצען מיט׳ן טאַטען אין מ ז ר ח , בין איך געוועזן זעהר גרוים ביי זיך און פלעג קוקען מיט גדלות אויף מיינע חברים. אַז דער טאַטע איז געשטאָרבען, האָב איך זיך אַוועקגעלאָזט אין דער פרעמד לערנען. איך האָב זיך גוט אָנגעליטען ג ל ו ת , אויסגעוואַלגערט זיך אין אַלערליי שטעדטלעך, אויסגעשטאַנען, וואָס סע קען נאָר אויסשטעהן אַנ׳־ עלענדער, פערוואָהרלאָזטער יתום. דערווייל האָט מען פערקויפט אונזער שטאָדט — אונזער קרוין און אונזער שענקייט. אַז איך האָב שפּעטער

מיט א צייט זיך אומגעקעהרט אהיים, ווי א פריבלודנע שעפעלע, און בין אריינגעקומען אין בית מדרש, איז דאָרט יעדערער זיך געזעסען אויף זיין אָרט, נאָר איך האָב ניט געהאַט וואו צו זיצען. איך האָב זיך געמאַכט הארץ און געלאָזט געהן צו אונזער אמאָליגער שטאָדט, וואוהין ס'האָט מיך אזוי געצויגען אלע יאהרען. איך הויב אויף די אויגען — אוי וועה! אויף מיין טאטענ'ס אָרט זיצט א פרעמדער, א יוד פון א נידעריגען גראַד, וואָס דאָס רעדעל האָט זיך איהם א דרעה געטאָן און ער איז געוואָרען א גאַנצער גביר אין שטעדטעל; נעבען איהם שטעהען זיינע דריי בנים, דריי געזונטע בחורים, ווי די קאטעס. — דער יוד וואונדערט זיך, קוקט אויף מיר מיט א בייזער מינע, ער האַלט זיך אָבער נאָך איין. די בנים האָבען מיך דערזעהען, האָבען זיי מיך גענומען שטופען, שטורכען מיט די עלענבויגענס און מיט די זייטען, האָטש איך בין געשטאַנען שטיל, ווי א לעמעלע, און האָב זיך גע-היט, איך זאָל זיי, חלילה, ניט פערטשעפען. דער יוד האָט דאָס דערזעהען, האָט ער מיר פריהער א וואונק געטאָן מיט די אויגען: געה! דאָ האָבען די בנים זיך ערשט דערפיהלט תקיף און האָבען מיך מיט חרפות און בזיונות פעריאָגט פונ'ם מזרח, אז איך בין ארויס פון בית-מדרש א דערשלאָגענער, מיט א פערקלעמט הארץ און מיט טרעהרען אין די אויגען...

„אוי, ברידער, ניט פאר אייך געדאכט אזא וועהטאָג, ווי איך האָב דעמאָלט געפיהלט"... — שרייט אין מיר מיין הארץ און איך קריעג שטארק רחמנות אויף די יודען דאָרט ארום טיש... אז איך חאַפ זיך אויף פון מיינע געדאנקען און הויב זיך אָן ווידער איינהערען אין שמועס, האַלט איינער פון די נייע א לאנגע דרשה און די איבעריגע שווייגען.

. . . אַט אלצדינג, וואָס זיי טוען, איז בלאָטע, אלע פרנסות טויגען אויף קלאָג, אלע געשעפטען הענגען אין דער לופטען, א טייל פון זייער ארבייט איז מיאוס-פאסקודנע, א טייל האָט ניט קיין פיצעל ממשות! — הער איך, ווי ער רעדט, און איך פערשטעה, אז דאָס מיינט ער די כנסת-ישראל. — זייער גאנצער משא-מתן, זייער האנדלען און וואנדלען, זייער יאָגעניש נאָך מסחרים, פון דעם מסחר מיט וועקסלען, ביז דעם מסחר מיט אלטע קליידער, מיט פערשימעלטע שמאטעס, — איז נאָר איין הארץ-וועהטאָג, איין גרויסע קללה: סע טריקענט אויס דעם מוח, סע נעהמט אראָב דאָס פלייש פונ'ם לייב, סע זויגט אויס דעם מארך פון די ביינער, און סוף כל סוף בלייבט מען קבצנים, עניים ואביונים. וואָס זשע טוט מען, ווי העלפט מען? דערצו איז דאָ נאָר איין רפואה: געזונטע, עהרליכע ארבייט, וואָס ברענגט רייכע פרוכט ה י י נ ט און מע דאַרף ניט ציטערן, אז זי וועט זיך אויסלאָזען מ א ר ג ע ן. נאָר אין ערד-ארבייט איז איצט די יודישע גאולה, ניט אין יאָגען זיך נאָך אנ'אייגענער מדינה, ווי איהר

רעכענט, קאַץ! איהר, ברודער, פערשטעהט ניט ריכטיג אונזער שטה, איהר ווילט מיט אמאָל פערהאַפּען צו פיעל, דעריבער מיינט איהר, אַז מע מוז פריהער מאַכען אַזוינע מורא'דיגע הכנות: זיך אויסלערנען פערשיידענע חכמות, זיך צוגעוועהנען צו מלוכה־פיהרונג, זיך בעפרייען פון אַלערליי מיאוס'ע מדות און אַזוי ווייטער. איהר ווילט צו פיעל, דעריבער בלייבט איהר ביי גאָר ניט. וואָרום ממה נפשך: אָדער די סבות פון אונזער פינסטערניש און אונזערע שלעכטע פיהרונגען זענען שטענדיג, זיי בלייבען כסדר, ווי זיי זענען איצט, וואָרום מיר מיט אונזער אייגענעם ווילען קענען זיי ניט אָבשאַפען, און ווער ס'קען יאָ, דער וויל ניט, — אויב אַזוי איז דאָך ניטאָ, וואָס צו וואַרטען, אַז דער יוד אין גלות זאָל ווערען מעהר מענש, הייסט עס — מיר האָבען גאָר ניט קיין האָפנונג אויף ווייטער; אָדער סע וועט יאָ קומען אַ גוטע שעה און עמיצער, ווער סע האָט די יכולת, וועט אָבשאַפען יענע ביטערע סבות, וועט דאָך דער יוד קענען לעבען בכבוד דאָרט, וואו ער לעבט איצט און וועט פערשפּאָרען זיך שלעפען אין עק וועלט. פערקעהרט, דעמאָלט וועט דער יוד גאָר פערגעסען אָן זיין יודישקייט, ווי דער שטייגער איז פון אונזערע ברידער, אַז סע ווערט זיי אַביסעל גראַמער אין קאָפּ. ניין, ניין, קאַץ! איהר זענט מיט אונז ניט מסכים נאָר דערפאַר, וואָס איהר פערשטעהט ניט גוט, וואָס מיר ווילען! מיר ווילען פּראָסטע, פשוט'ע ארבייט אין ארץ־ישראל. אָהן חכמות, אָהן קונצען. נאָר צוליעב דעם פאָהרען מיר אַהינצו. מיר ווילען איינפלאַנצען אונזער חברה אין דער דאָזיגער ערד, אין אַ מקום נאמן, מיר ווילען בעאַרבייטען די דאָזיגע ערד מיט אונזערע אייגענע הענד און לעבען דאָרט אַ חיים של שלום, חיים של ברכה, חיים של חלוץ עצמות, ווי אונזערע עלטער־עלטער־זיידעס האָבען געלעבט אין יענעם לאַנד. אונזער ארבייט וועט אונז ניט נאָר אויסגלייכען אונזערע ביינער. פערהיילען די וואונדען פון אונזער גוף, זי וועט אויך אַריינגעבען נייע קרעפטען אין אונזער נשמה, זי וועט אויף אונז אויסגיסען אַ גאַנצען אוצר פון הייליגע געדאַנקען און טייערע זכרונות, זי וועט אומקעהרען דאָס הארץ פון די קינדער צו זייערע עלטערען, פערבינדען דעם היינט מיט דעם מאָרגען, אַז אונזער היסטאָריע זאָל זיך ציהען ווייטער, אַז דער נאַציאָנאַלער געדאַנק זאָל לעבען און זיך וועבען אין דער מחנה ישראל; זי וועט פעראייניגען ביחודא שלימא דעם דת מיט דעם לעבען, אַזוי, אַז די תורה וועט זיין די נשמה פון די מעשים, און די מעשים — דער גוף פון דער תורה, און זיי וועלען לעבען איינס אין אַנדערען און איינס דורכ'ן אַנדערען, ניט אַזוי ווי אין גלות, וואו די ווערטער פערנעהמען דאָס אָרט פון מעשים אָן דאָס דאַוונען און לערנען און לייענען זענען גע־

וואָרען אַ מיטעל צו מקבל זיין שכר. אָט דאָס ווילען מיר, איך און מיינע חברים ,אָט צוליעב דעם פערלאָזען מיר אונזערע עלטערען, אונזער היים, אפילו אונזערע אוניווערזיטעטען, און געהען אַרבייטען אויף די בערג פון ישראל, אויסטרעטען אַ וועג פאַר אונזערע ברידער און ווייזען זיי אַ לעבעדיגען ביישפיעל. דאָס וויל אויך מיין חבר בנציון. זייט אויף אונז ניט ברוגז, רב ישראל, — קירעוועט זיך דער יונגער מאַן צו רב ישראל'ן מיט אַ ליעבליכען שמייכעל, — מיינט ניט, אַז מיר זענען כופרים. מיר זענען יודען, געטרייע זיהן פון אונזער פאָלק, נאָר מיר ווילען ניט וויסען פון קיין סודות, פון הלכתא למשיחא. וואָס ס'וועט שפעטער זיין, דאָס ווייסט איין גאָט, מיר ווילען אָבער זאָרגען פאַר'ן היינט, פאַר דעם קיום פון אונזערע ברידער, ווי עס איז דער חוב פון יעדער לעבעדיגער בעשעפעניש.

ער דרשנ'ט גאָר חריפות, ער איז, כ'לעבען, געראָכט", — טראַכט איך מיר, ווי דער מנהג איז ביי אונזערע לעזער, וואָס זיי לייענען אבי יוצא זיין, הערען אוים אַלערליי מיינונגען, איינע אַ היפך פון דער אַנדערער, און געבען זיך ניט אָב קיין דין וחשבון, וואָס עמיצער וויל. ביי זיי איז שטענדיג גערעכט דער לעצטער, וועלכער שמועסט נאָך דער, וואָס האָט אַ שאַרף צינגעל און קען יענעם דערגעהן ביז די לעבער מיט שטעכווערטלעך און חכמה'לעך, דער איז ביי זיי גאָר דאָס אויבערשטע פונ'ם שטויסעל און זיי האָבען פון איהם ווילד הנאה, ווי, אַ שטייגער, פון אַנ'אָקס אַ גבור, וואָס האָט גענומען דעם אַנדערען אויף די הערנער אין צירק. איך האָב געחאַפּט אַ קוק אויף רב ישראל'ן: ער האָט שטאַרק פערקרימט די נאָז און פערקנייטשט דעם שטערען, געשטאַנען עפּעס לא־עליכם'דיג, געקראַצט זיך אין דער באָרד און אין די פאות און געמאַכט מיט די ליפּען, ווי איינער, וואָס וויל עפּעס זאָגען און האָט ניט קיין ווערטער. נאָכדעם האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט'ן קאָפּ און אַ זאָג געטאָן:

— פונדעסטוועגען... פונדעסטוועגען זענט איהר פאַרט כופרים און הפקר־מענשען, אָט וואָס! בעטראַכט זיך נאָר, וואו איהר האַלט! ביי אייך אַלע איז שוין אָבגערעדט איינמאָל פאַר אַלע מאָל, אַז אַ יוד איז טריף, אַז יודישע מדות טויגען אויף צעהן טויזענט כפּרות, אַז יודישע פיהרעכצען זענען פע, מאוס, פאַסקודנע, לא יצלח. טפו זאָלט איהר ווערען! ס'איז דאָך אַ חלול השם! וואָרום באמת, וואו איז נאָך דאָ לייטישערס פון אַ יודען, עהרליכערס, כשר'ערס פון אַ יודען? ווער טוט נאָך אַזוי פיעל מצות און מעשים טובים, ווי מיר, יודען? וואָס איז, אויב ס'איז דאָ צווישען אונז שלעכטע, פערדאָרבענע, איינער צווישען טויזענט, זענען שוין אַ ל ע, חלילה, פערפאַלען? וואָס איז, אַנדערע אומות זענען טאַקי כ ל ו צ ד ק, כלו קדש? ניין, ברידערלעך! מיר האָבען זיך מיט אונז ניט, וואָס צו

שעמען, מיר האָבען ניט, וואָס צו פעריכטען! ווייסט איהר יאָ, וואָס אונז פעהלט? א גוטער מליץ יושר, אַ מענש מיט אַ צונג און מיט אַ פען, וואָס זאָל דערוויזען לפני העמים והשרים אונזער פיינקייט און פערשטאָפּען דאָס מויל יעדען שטן מקטרג. אָט וואָס מיר דאַרפען האָבען.

„יאָ, יאָ, רב ישראל, אַזא יאָהר זאָל איך האָבען, ווי איהר זענט גערעכט. אַ יישר כח אייך, וואָס איהר האָט זיי געגעבען דאָס קוויטעל — די דאָזיגע שנעקעס“, — טראַכט איך מיר און קוק פון דער ווייטענס אויף דער חברה. גערעכענט האָב איך, אַז נאָך אַזא פּסק וועלען זיי שוין גאָר בלייבען אָהן לשון. האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזען, אַז איך האָב געהאַט אַ טעות. רב ישראל'ס ווערטער האָבען זיי ערשט געגעבען אַ נייעם ענין צו שמועסען און טענה'ן און אַמפּערען זיך. איינער, דער דריטער, וואָס די איבעריגע האָבען איהם גערופען ס ע ג א ל, האָט סוף כל סוף איבערגערעדט זיי אַלע. מ'איז ביסלעכווייז אַנטשוויגען געוואָרען און מ'האָט זיך צוגעהערט צו זיין היציגער דרשה.

— אויב אַזוי, — האָט סעגאל געזאָגט, אומקעהרענדיג זיך צו אַ פריהערדיגען שמועס, וואָס איך האָב איהם, ווייזט אויס, פערהערט, — אויב אַזוי, מוז מען דאָך מודה זיין, אַז דאָס ליעגט שוין אין דער טבע פון אַ מענשען: אַזוי ווי יעדער איינער וואָלט אַ בעלן געווען זעטיגען זיין תאוה, ווען ער האָט חשק צו אַ נקבה, אַזוי וואָלט ער אַ בעלן געווען אויסגיסען אויף יענעם זיין כעס, ווען ס'איז איהם אָנגעזאָלצען אויפ'ן הארצען. נאָר וואָס דען? אַזוי ווי אַ מענש איז ניט שטענדיג פריי צו ממלא זיין, ווען איהם ווילט זיך, זיין תאוה, נאָר ער מוז זיך איינהאַלטען, גובר זיין זיך אַליין צוליעב יענעמס כבוד און יענעמס גוטען נאָמען, אַזוי קען ער זיך ניט אַרויסוואַרפען מיט זיין שנאה און מיט זיינע זידלערייען אויף יהיה מי שיהיה, וואָרום מ'וואָלט זיך פשוט ניט געלאָזט. ס'איז אָבער דאָ איין קלאַס מענשען, די אָרעמסטע, די דערשלאָגענסטע, די נידעריגסטע, וואָס זיי זענען שוין הפקר, פאַר זיי נעהמט זיך קיינער ניט אָן, אויף זיי קען דער בעל־תאוה'ניק, דער אויסגעלאָזטער שאַלטאַק, אויסגיסען זיין תאוה, ווי זיין הארץ גלוסט איהם, און זיי מעג דער כעסן, דער פערביטערטער מרה־שחורה'ניק, זידלען און שעלטען, וויפיעל ס'וועט אין זיי אריין, חאָטש זיי זענען גאָט די נשמה שולדיג. אַזוי איז אויך מיט די יודען. זיי זענען דאָס כפרה־הינדעל, דער אייביגער שעיר־לעזאזל, אויף זיי שיט יעדער אויס זיין פּעקעל צרות: סיי די אומות העולם בכלל, ווען זיי רייסען זיך איינע מיט דער אַנדערער, סיי דער יחיד בפרט, ווען ס'איז איהם ביטער, פאַסקודנע אויף דער נשמה צוליעב אַ מכשול אין געשעפט, אין פּרנסה, אין קהל'שע זאַכען און מאַלע אין וואָס סע קען זיך אַמאָל טרעפען אַנ'אומגליק. די

יודישע פראגען — דאָס איז דער ברייטער קאַנאַל, וואוהין סע געהען אריין אַלע אומרייניקייטען, מיסט און קויט בלאָטע פון דעם מענשענ׳ס נשמה. די דאָזיגע שטינקענדיגע וואסערען גיסען זיך, פלייצען, ווי דער שטייגער איז, פון דער ה ו י ך און דער נ י ד ע ר , און כל זמן ס׳איז דאָ אזוינע מינ׳ע פאסקודנע שטראָמען — און וועדליג די טבע פון דעם מענשענ׳ס הארץ, וועלען זיי זיך ניט אויסלאָזען אייביג — און כל זמן דאָס יודישע פאָלק וועט זיך געפינען אין דער נידער, וועט עס אייביג מוזען דיענען פאר אזא מין קאַנאַל צו די איבעריגע פעלקער... יאָ, איך און מיינע חברים ווייסען אויך זעהר גוט, אז יודען זענען ניט ערגער פון אנדערע פעלקער. נאָר וואָס דען? די שפלות אונזערע מאַכט אונז מאוס. מיר זענען געגליכען צו א בוים אָהן בלעטער און אָהן צווייגען, — אנ׳אבל צווישען בוימער. אונזער וואָרצעל איז אָבער נאָך געזונד, אונזער שטאם — זאפטיג, פול מיט לעבען. בטבע זענען מיר ג ל י י ך , נאָר אונזערע צרות און אונזערע וועהטאָגען האָבען אונז אויסגעקרימט; צוליעב זיי איז ניטאָ קיין סדר אין אונזערע קהל׳שע זאכען, ניטאָ קיין נחת און קיין ברכה און הצלחה אין אַלע אונזערע געשעפטען. אפילו א פושע ישראל זינדיגט ניט צוליעב זיין בייזען ווילען, נאָר די נויט ברענגט איהם צו חטאים. ניט פערענטפערען זיך דארפען מיר, ניט קיין מליץ יושר איז אונז נויטיג, וואָרום דאָס שעפעלע איז שטענדיג שולדיג דערפאר טאָקי, וואָס ס׳איז א שעפעלע. מיר, יודען, זאָלען אפילו זיין ריין, ווי דער געפאַלענער שניי, וועט מען אויך אין אונז געפינען א פלעק. ניין, מיר אַליין דארפען דערקענען אונזער אייגענעם כבוד, מיר אַליין דארפען זיך אויפהויבען אויף אזא מדרגה, אז קיין שום רגזן, קיין שום פערביטערטער כעסן זאָל צו אונז ניט קענען אויסלאָזען זיין הארץ. אויפהויבען זיך אָבער אויף אזא מדרגה איז מעגליך נאָר דאן, ווען מיר וועלען ש ט ע ה ע ן א ו י ף ד ע ר ע ר ד , ווען די ערד וועט ניט ציטערען אונטער אונזערע פיס, ווען מיר וועלען עסען די פרוכט פון אונזערע ארבייט און וועלען פערשפּאָרען וואַרטען אויף שיריים פון פרעמ־דע טישען, קוקען אויף יענעמס מינע, אויף יענעמס וואונק, פערשוואַרצט און פערוואָגעלט און מבוזה ווערען פאר׳ן טרוקענעם שטיקעל ברויט. ק י ו ם ה ת ו ר ה איז מעגליך נאָר ד ו ר ך א ר ב י י ט , דאָס ליכט פון דער שכינה וועט שיינען אויף א געזונטען גוף. דורך ישוב ארץ ישראל וועט אין אונז אריין א ניי לעבען — אָט דאָס איז אונזער וואונש. ווי איך האָב אייך געזאָגט פון אָנהויב אָן. די ליעבע צו אונזער פאָלק ישראל ברענט ווי א פייער אין אונזער הארצען און זי אַליין בעלייכט אונז דעם וועג אהין. ק ד י מ ה ! — און איהר, רב ישראל, אייך זאָג איך מיט׳ן גאנצען הארצען: שלום! איך שטעה פאר אייך מיט כבוד און מיט ליעבשאפט און מיט א

ווייך געמיט, ווי א געטרייער זוהן, ווען ער געזעגענט זיך מיט זיין גע־ליעבטען פאטער. זיי געזונט, טייערער פאטער. גיב אונז דיין ברכה אויפ׳ן וועג — מיר און מיינע חברים — אז מיר זאלען קומען בשלום אין אונזער אלטער היים!...

איך דערזעה פלוצלונג א זעלטען בילד, א הייליג ב״לד, פול מיט געט־ליכער שענקייט, א בילד, וואס מאכט צוגעהן דאס הארץ און דערהויבט די נשמה און רופט ארוים זיסע טרעהרען אויף די אויגען. ווער ס׳האט ניט געזעהען דאס בילד מיט די מענשען מיט דעם הארציגען חן, וואס איז געווען אויסגעגאסען אויף זיי, דער האט ניט געזעהען קיין שענס! אלע שטעהען און קוקען, פערזונקען אין א שטילען טרויער; אליעבע פריינד־שאפט, א צנוע׳דיגער רחמנות האט אויסגעשפרייט אויף זיי איהרע פליגעל; זיי שטעהען און קוקען איינער אויפ׳ן אנדערען און שווייגען. אבער די הערצער רעדען אזוי פיעל... וואונדערבארע געדאנקען, טייערע געפיהלען ווערען געבוירען אין דער דאזיגער הייליגער מינוט. שטילער! אוועק, איהר אלטע, פינסטערע צייטען! צוויי דורות האבען זיך דערלאנגט די הענד, יונג און אלט האבען געשלאסען א פערבאנד, איין נשמה רעדט מיט דער צווייטער. שלום, ברידערשאפט. ליעבשאפט צווישען אלע. דעם אלטען ישראל איז ניט צו דערקאנען: ער שמייכעלט פאר נחת, גרייזעלט די פאות, שאקעלט־צו מיט׳ן קאפ צו די יונגע, ווי איינער רעדט: אזוי קינדערלעך, האב איך אייך ליעב. — איך ווער אויך שטארק נתפעל, איך טו זיך א דרעה, א שאקעל, מיין בעטעל דערפיהלט און לאזט ארוים א סקריפ מיט א קוויטש, מיט א ברומעריי, אז סע הילכט אזש אין די אויערען; איך שפרינג אראב און געה צו צום טיש א צודרעהטער, א פערטומעלטער, ווי איינער, וואס האט זיך נאר וואס אויפגעחאפט פונ׳ם שלאף.

— שלום עליכם, רב מענדעלע! — זאגט צו מיר ר׳ ישראל מיט א שמייכעל און שטעלט מיר פאר דער קאמפאניע. — איהר זענט, קיין עין הרע, נעשלאפען זעהר געשמאק, האט זשע קיין פאראיבעל ניט, וואס מיר האבען אייך אויפגעוועקט מיט אונזער שמועס. און בדיעבד, אז איהר זענט שוין דא, ווע לען מיר אייך פרעגען, ווי מע פרעגט אין א ספר הגורלות: זאלען מיר געהן קיין ארץ ישראל?

— צו וואס?... נאך וואס?... — ברום איך האלבע ווערטער, ווי איי־נער, וואס הערט א משונה׳דיגע נייעס און סע לעגט זיך איהם ניט אויפ׳ן מוח בשום אופן. אין אמת׳ן האב איך זעהר גוט פערשטאנען, וואס מע רעדט און ס׳האט זיך מיר נאך לכתחילה געלעגט אויפ׳ן מוח. אלא וואס דען? אזוי איז די טבע פון א תלמיד־חכם: אז יענער זאגט יא, זאל ער זאגען ניין, אז יענער איז מתיר, זאל ער דוקא אסר׳ן, אז יענער זאגט: ס׳איז

א שרץ, זאָל ער דעם שרץ מטהר זיין בק"ן טעמים, חאָטש ער ווייסט זעהר גוט, אז יענער איז גערעכט, אז א שרץ איז פאַרט א שרץ. דערפון נעהמען זיך דאָך ביי אונז קריעג און רייסענישען, פלפולים און וכוחים און דין־תורות אָהן אנ'עק און אָהן א סוף. דער דאָזיגער מנהג פון אונזערע תלמידי־חכמים איז ביי מיר הייליג און איך טרעט פון איהם קיינמאָל ניט אָב.

— אָהן טענות, רב מענדעלע! — זאָגט רב ישראל. — איך בין איצט ווי א חכם, איך וויל ניט קיין חקירות מיט טענות מיט פרושים. פערשטעלט איהר זיך אויך אויף איין מינוט פאר א תם און זאָגט אונז א פסוק, א וועל־כען ניט איז, וועט דאָס זיין ווי א שטיקעל נבואה אין דעם ענין, וואָס מיר זענען אין איהם דאָ עוסק.

— צדקה עשה הקדוש ברוך הוא עם ישראל, שפזרם בין אומות העולם!

— זאָג איך א מאמר פון אונזערע חכמים און מאַך זיך כלא ידע, אקוראַט ווי דאָס האָט זיך ביי מיר ארויסגעחאַפּט אומגערן; אין אמת'ן האָב איך פריהער א טראַכט געטאָן, וואָס צו זאָגען. אזוי זענען זיך ביי אונז נוהג פרומע, כשר'ע יודען, וואָס א קוק טאָן אויף זיי — קענען זיי, דאַכט זיך, קיין צוויי ניט צעהלען, רעדען נאָר כמשיח לפי תומו, אין האַרצען זענען זיי אָבער גרויסע רמאים און גאַט'ס גנבים.

— עט! דער וויל אונז גאָר פערדרעהען דעם קאָפּ מיט א אגדתא, — האָבען יענע אָבגעענטפערט. — א אגדתא איז קיין בעוויז ניט. רעדט בעסער קלאָרע דבורים.

— אדרבא, — חאַפּ איך זיך דוקא אָן פאר דער אגדתא מיט הענד און מיט פיס, ווי אנ'אמת'ער תלמיד חכם, וואָס מוז זאָגען פערקעהרט, — אדרבא, קוקט זיך צו, וואָס פאר א חלוק סע איז צווישען א שכן און א בעל־הבית. אז עמיצער וויל בויען א דירה אין א שטאָדט, ווערט ער גענוג פערשוואַרצט און פערפינסטערט, איידער ער זעהט זי א פאַרטיגע: ער לעגט אריין אי אייגען געלט, אי פרעמדס, ער פערזעצט זי אין באַנק, ער צאָהלט פראָצענט; ער היט זי טאָג ווי נאַכט פאר א שרפה און פאר יעדער פגע רע: היינט האָט זיך אויסגעקרימט א וואַנד, מאָרגען רינט פונ'ם דאַך; ער האָט צו זינגען און צו זאָגען מיט די שכנים, מיט די מאָנערס פון טשינש, מיט די דוואָרניקעס, מיט די קוימען־קעהרערס, מיט די מעשענע קנעפּלעך, וואָס זענען ממונה אויף ריינקייט, און מיט טויזענטער אנדערע שלעק. ער דערעסט נים, דערשלאָפט ניט, האָט א פולען קאָפּ מיט דאגות, — און דער סוף לאָזט זיך אויס, אז וואוינען וואוינט ער ערגעץ אינ'ם אונטערשטען גאָרען ביי אַל די שוואַרץ יאָהר, און דער שכן, וואָס דער קאָפּ האָט איהם אויף דער שטוב קיינמאָל ניט געדאַרט, קומט אויפ'ן פאַרטיגען, בעצאָהלט די עטליכע קליינגערס און זיצט זיך בהרחבה אין א שענער, ריינער, ליכטיגער

דירה, וואו איהם געפעלט. אזוי איז אויך מיט די יודען. דער רבונו של עולם האט פון אנהויב אן ארויסגעזעהען, אז ס׳וועט זיין שווערע מלחמות צווישען די פעלקער פאר יעדער שפאן ערד, אז מע וועט זיך בייסען און רייסען און קריכען איינער דעם אנדערען אויפ׳ן קאפ און מע וועט דארפען מיליאָנען סאלדאטען און ביקסען און הארמאטען, און געלד אהן אנ׳עק, כדי מע זאל ביישטעהן אנטקעגען שונא. נו, און די יודעלעך זענען דאך שטענדיג געווען א קליין פאלק, א פיצעל, א ברעקעל, ווי אין פסוק שטעהט: עם קטן בגוים, היינט ווען זיי בלייבען, א שטייגער, אויף זייער ערד, וואלטען זיי דאך געהאלטען אין איין ציטערען פאר די גרויסע, די ל ו י ת נ ׳ ס צווישען די פעלקער: מע וואלט אהן רחמנות געטרעטען זייערע פעלדער, געמאַרשירט איבער דעם קליינעם מדינה׳לע, דער אהין, דער אהער, און דער סוף וואלט זיך אויסגעלאזט, אז עמיצער וואלט עס חרוב געמאכט און ס׳וואלט פון די יודען ניט געבליבען קיין זכר אויף דער וועלט. וואס טוט גאט? גרייט ער אן די רפואה פאר דער מכה: ער נעהמט און פערטרייבט די יודען בייצייטענס פון זייער לאנד און זעצט זיי אריין אין שכנות ביי די אומות העולם... טיטוס האט ניט פערשטאנען, אז די יודישע מפלה — דאס איז זייער נצחון, און אז זיין נצחון איבער יהודה איז גאר א מפלה. טיטוס האט זיך ניט אויסגעמאלט, ווי פון רוים וועט ווערען א חורבן... א לויתן האט געוואלט חאפען פלאטיצעס — און איז אליין אריין אין דער נעץ.

— זענט איהר זיך, הייסט עס, מיאש פון דער גאולה? — חאפט מיך ר׳ ישראל ביי׳ם ווארט. — איז שוין גאר אוים משיח, נאך אייערע רייד, און די יודען וועלען שוין קיינמאל ניט קומען אהיים?

— חלילה, ווער זאגט דען. איך גלויב אודאי בביאת המשיח. נאר ווען וועט דאס זיין? ווען די וועלט וועט בעקומען גאר אנ׳אנדער צורה, ווען ס׳וועט ניט זיין קיין מלחמות, קיין בלוט־פערגיסונג און אלע מענשען וועלען ווערען גוט און פיין, ווי דער נביא זאגט, דעמאלט וועלען די פעלקער זיך לעבען בשלום ושלוה, יעדערער ביי זיך אויף דער ערד, און דעמאלט וועט גאט אויך צונויפקלייבען די גולי יהודה און בעזעצען זיי אויף זייער אמאליגער נחלה.

— די נביאים האבען נביאות געזאגט אויף משיח׳ס צייטען, — רופט זיך אן איינער פון דער חברה, — און מיר ווילען ארבייטען א י צ ט, ווי פשוט׳ע מענשען. איהר זענט געשלאפען, רב מענדעלע, האט איהר ניט געהערט, וואס מיר האבען גערעדט. יא, מיר ווילען בעארבייטען די ערד פון אונזערע אבות און עסען בכבוד א שטיקעל ברויט. איהר זענט גערעכט, רב מענדעלע: מיר זענען שכנים, אבער שכנים איינגעבעטענע, און דערצו נאך גרויסע עניים, דלפנים. קיין פרנסה איז ניטא, און דער בעל־

הבית שטעהט איבערן קארק און יאָגט פון דער דירה: וואָס טויג איהם שלעפּערס, קבצנים, וואָס מעהרען זיך אין ענגשאַפט און אין בלאָטע? אַנ'עק! מע קען פון דער לופט שוין ניט לעבען, ניטאָ שוין קיין כח, ניטאָ קיין געלט.

— יאָ, אויב פּרנסה... איז גאָר אַנ'אַנדער מעשה... — ענטפער איך מיט אַ מאָדנע טרויעריגען נגון, וועלכער הויבט זיך אָן נידעריג און ווערט אַלעמאָל העכער, ביז ער ענדיגט זיך מיט אַנ'אָבגעריסענעם שאַרפען קוויטש,

— דער געוועהנליכער נוסח פון אַ יודען, וואָס האָט דערהערט אַ נייעס און איז געוואָרען שטאַרק נתפּעל. איך דערמאָן זיך מיין אייגענעם מצב: דאָס געלד פערלוירען, אַליין אויסגעמוטשעט, אויסגעהאַרעוועט, ניטאָ קיין גאַנצער אבר, די פּרנסה — קוים־קוים וואָס מע שלאָגט זיך דורך. יאָ, ביטערע צייטען. אַ שווערער זיפץ רייסט זיך אַרויס ביי מיר פונ'ם הארצען, און די חברה פערשטעהט דוקא, וואָס סע בעטייט אַזאַ זיפץ, און מע נעהמט איהם אָן פאַר אַ הסכמה צו זייערע פריהערדיגע שמועסען. מע הויבט מיך אָן אויספרעגען, ווער איך בין, פון וואַנען, וואָס איז מיין פּרנסה. איך דערצעהל, אַז איך האַנדעל מיט השכלה־ספרים, — איך האָב מיט אַ כיון געזאָגט השכלה ספרים און ניט ס ת ם ספרים, ווייל איך האָב געמיינט, איך וועל דורכדעם נושא חן זיין אין זייערע אויגען, — איך גיב אָבער אַ קוק: עפּעס פערדרעהען זיי מיר שטאַרק די נעז, ווי איינער רעדט: נאַרישקייטען, ניט ווערט אַ שמעק טאַבאַק. פּערדריסט מיך: ס'טייטש, מיר זענען שוין עפּעס גאָר איבעריג: איך, די ספרים, די יודישע מחברים? וואָס הייסט ביי דער חברה, ווערליג איך פערשטעה, וואָלט איך געווען אַ סך אַ גרעסערער חשוב, ווען איך האַנדעל, אַ שטייגער, מיט שמאַטעס! פּע!

— חדושים נפלאים, זאָג איך מיט אַ בעהאַלטענעם כעס, — ווי מענשען בייטען זיך דאָס היינטיגע צייטען! אַמאָליגע יאָהרען איז ביי אַזוינע ווי איהר, יונגע לייטלעך אָהן פּאות און מיט קורצע רעקלעך, ניט געווען קיין העכערס, ווי די השכלה. אַי, השכלה, השכלה, האָט מען געהערט אין אַלע זייטען, די השכלה וועט אויסלעזען די יודען פון אַל דאָס בייז, די השכלה וועט זיין אַ רפואה צו אַלע מכות־בכורות. פאַר דער השכלה פלעגט מען זיך שניידען ביז'ן בלוט אַריין מיט דעם אַלטען דור, פאַר דער השכלה פלעגט מען ליידען גלות, אַנטלויפען פון טאַטע־מאַמע, פון שוועהר און שוויגער, זיך וואַלגערען ערגעץ אין דער פרעמד, ניט דערעסען, ניט דערשלאָפען,

— וואָס איז? מען לערענט! ווער ס'איז ניט אַרויסגעגאַנגען לתרבות רעה בפרהסיא, פלעגט זיך איינשטעלען דאָס לעבען און לערנען בגנבה אין קעלער, אויפ'ן בוידעם, אין אַ לאָך, אין אַ פּוסטקע. אַזוינע בעהאַלטענע צדיקים פלעגען פון מיר שטאַרק אָנקוועלען; וואוהין איך פלעג נאָר קומען

מיט׳ן פערד און ווענעלע, איז געווען שמחה וששון ליהודים. גרויס און קליין איז צו מיר געלאָפען, גערעדט מיט מיר, זיך געפרעגט אויף ספרי חכמה, אויף מליצה, אויף שירים: רב מענדעלע, וואָס הערט זיך אין דער ליטעראַטור? רב מענדעלע, וואָס הערט זיך מיט לשון? רב מענדעלע, וואָס האָט איהר אונז געבראַכט עפּעס נייעס? און מע פלעגט זיך צונויפ־לענען צעהן מענשען, און קויפען איין מליצה־ביכעל און לייענען מיט פער־גניגען, מיט התלהבות, מיט אַ ברען און פאַסמאַקעווען יעדעס וואָרט און לעקען די פינגער. היינט... היינט איז אַנ׳איבערגעקעהרטע וועלט — משכילים זאָלען פיינט האָבען השכלה! איך, מענדעלע, מיט מיינע ספרים בין ניט ווערט ביי זיי אַ פּעטרישקע. ניין, ניין, מיך וועט איהר ניט נאַרען: איך פערשטעה זעהר גוט, וואָס סע בעטייט אייער דרעהען מיט דער נאָז... היינט, היינט, היינט...

איך וויל נאָך ווייטער ריידען, מוסר׳ן דעם עולם, נאָר סע פערשלאָגט מיר דער אָטעם פאַר הארצוועהטאָג, און איך קען מעהר ניט אויסריידען קיין וואָרט, אַקוראַט ווי סע וואָלט זיך מיר געשטעלט אַ ביין אין האַלז.

— היינט, וואָרט, איך וועל אייך זאָגען, וואָס ס׳איז היינט! — איז בנציון אויפגעשפּרונגען, ווי אַנ׳אָבגעבריהטער. — היינט זעהען מיר, אַז דער עיקר איז אַ ר ב י ט! היינט פערשטעהען מיר, אַז דער פריה־ערדיגער מוח האָט געלעבט אין טעות, ניט קענענדיג אונזער פאָלק, ניט וויסענדיג, וואָס איהם פעהלט. זיי האָבען געהאַלטען די יודען פאַרווילדע ברואים, פאַר פּראים; נאָך זייער נארישען שכל איז אויסגעקומען, אַז ד ע ר י ב ע ר איז דאָס יודישע מזל אַזוי ביטער, האָבען זיי געהאַלטען אין איין שרייען: השכלה, השכלה!... איצט ווייסען מיר, אַז ניט פון השכלה וועט זיך צו אונז נעהמען די גאולה. אונזער אומגליק איז דער דלות, די שפלות, די געפאַלענקייט, די ניעדעריגקייט אי ביי זיך אין די אויגען, אי ביי יענעם. אונזער איינציגע רפואה איז — ערד־ארבייט. היינט ווייסען מיר, אַז מ צ י ו ן תצא ישועת ישראל! השכלה־ספרים קענען אונז העלפען, ווי דער נעכטיגער טאָג.

רב ישראל קוקט אויף בנציונ׳ען און שיינט, ווי איינער רעדט: אַז וואויל איז די אויערען, וואָס הערען אַזוינע טייערע רייד! איך בעטראַכט אויך דעם נפש און זאָג מיר: וואָס וועל איך געהן מיט דיר טענה׳ן, אַז אַ יוד ק ע ן אַנדערש ניט! הויבט ער איינס אויף, מוז ער אַלע אַנדערע אַראָבוואַרפען אין שאול תחתיה. אַ יודען איז ווייניג, וואָס סע געפעלט איהם אַ זאַך, ניין — ער מוז נאָך דערווייזען באותות ומופתים, אַז אַלע אַנדערע זאַכען פון דעם אייגענעם מין זענען בלאָטע שבבלאָטע. אַ חסיד וועט זיך לענען אין דער לענג און אין דער ברייט צו איינריידען דיר, אַז זיין רבי איז דער איינציגער אמת׳ער רבי. אַ משכיל, להבדיל, וועט מיט דעם אייגענעם

אימפעט דיר טענה'ן, אז א חוץ ז י י ן צדיק איז ניטאָ קיינער. נאָך מעהר: א יוד האָט משונה הנאה, ווען ער קען עפּעס מבטל זיין, זאָל זיין אפילו זיך אליין, זיין אייגענעם כבוד. ניטאָ ביי א יודען קיין גרעסער פערגעניגען, ווי אויסטאָן זיין צורה, וואָס ער האָט זי בירושה פון זיין טאַטען, ניטאָ קיין גרעסערע שמחה, ווי אַן'אפּיקורס, אַז ער איז כופר בעיקר און זאָגט: הכל הבל!

— האָט קיין פּאַראיבעל ניט, האָט זיך קאַץ אריינגעמישט אין די רייד, — מאַכט ניט אַזוי אוועק מיט דער האַנד די השכלה און דעם גאַנצען פּריהערדיגען דור! ס'איז גאָר ניט אַזוי פּראָסט, ווי אייך דאַכט זיך. אמת, ס'איז היינט דאָ אַסך אַזוינע, אי ביי אונז, אי ביי אַנדערע פעלקער, וועלכע פּרעגען שאלות אויף דער השכלה. ביי זיי קומט אויס, אַז די השכלה, די ציוויליזאַציע, האָט געבראַכט אַ סך שלעכטס אויף דער וועלט: מענשען יאָגען זיך היינט, מעהר ווי אַ מאָל, נאָך תענוגים, נאָך כבוד, נאָך רייכקייט, מענשען ווילען הערשען איינער איבער דעם אַנדערען, עס שטאַרקט זיך די קנאה, די תאוה; בעסער וואָלט געווען, זאָגען זיי, ווען דער מענש וואָלט זיך אומגעקעהרט צו דעם מצב פון פּאַרצייטען, ווען די וועלט וואָלט געלעבט וועדליג דעם נאַטירליכען סדר העולם. נאָר זאָלען זיי דרשנ'ען, וואָס זיי ווילען: השכלה איז אַ חוב אויף יעדען מענשען, וואָס טראָגט אויף זיך דעם צלם אלהים. אָהן השכלה איז ניטאָ קיין פּערשטענדליכע אַרבייט, ניטאָ קיין טאַלאַנט, קיין רעכטער מייסטער, קיין קינסטלער, ניטאָ קיין דרך ארץ, קיין עהרליכקייט, קיין מוסר, קיין גערעכטיגקייט, קיין גאָט אין הארצען; אָהן השכלה איז דאָס לעבען נאָר צוליעב'ן גוף. די פּערגעניגענס זענען אומגעלומפּערטע, נידעריגע, גראָבע. פּערקעהרט, וואָס מעהר השכלה, איז איידעלער דער גוסט, וואָס איידעלער ס'איז דער גוסט, פּיהלט מען מעהר דאָס שענע און דאָס געהויבענע. וואָס מעהר מע פּיהלט דאָס שענע און דאָס געהויבענע, האָט די נשמה מעהר פערגעניגען, וואָס מעהר פּערגעניגען די נשמה האָט, איז דער מענש גליקליכער, לעבט ער אַן'איידעלער לעבען, אַ געבענשטער לעבען. — מיר, בשר ודם'ס, האָבען איבער זיך אַ שטאַרקען יצר הרע, וועלכער מאָנט ביי אונז די הצטרכות'ען פון אונזער גוף און רעדט איין יעדען איינציגען: האָב אַ הנאה, מענש, די וועלט איז בעשאַפען געוואָרען נאָר צוליעב דיר, אַנדערע קעהרען זיך מיט דיר ניט אָן. ווי האַלט מען מלחמה אנטקעגען איהם? מע פאָלגט דעם פ ע ר ש ט א נ ד, מע פיהרט זיך מיט דער מדה פון י ו ש ר, וועלכע ווערט ביי'ם מענשען מיט דער צייט אַלע־מאָל שטאַרקער און לערענט איהם צו בעהערשען זיך אַליין, צו ברעכען די אייגענע תאוה צוליעב יענעם. צוויי קרעפטען, הייסט עס, וואוינען אין אונז, האַלטען איינס מיט'ן אַנדערען מלחמה פון דורות אָן. די היסטאָריע לערענט

אונז, אז דאָרט, וואו ס'איז דאָ מעהר השכלה, איז גובר דאָס גוטע און דאָס שענע, דאָרט וואו די השכלה פאַלט, בעקומט דאָס שלעכטע און דאָס מיאוסע די אויבערהאַנד. אַזוי איז געווען ביי אַלע פעלקער, אין אַלע צייטען. ניט מעהר, ס'איז אין יעדען כלל פאַרהאַן אַ יוצא מן הכלל. אין אַ שלעכטען, נאַרישען דור וועט איהר אַמאָל געפינען גוטע, אויפגעקלעהרטע יחידים, אין אַ קלוגען דור בעגעגענט איהר פוסטע, נאַרישע מענשען. ניטאָ אַזאַ משכיל, וואָס זאָל ניט פערמאָגען אין זיך אַביסעל נאַרישקייט, און ס'איז דאָ אַזוינע, וואָס פער־מאָגען מעהר נאַרישקייט ווי חכמה; אַזוינע זענען אויפגעקלעהרט נאָר לפנים, אין האַרצען זענען זיי שוטים גמורים. דאָס זענען די שאָטענס, וואָס איהר געפינט אין יעדען ליכט; דאָס זענען די בייזע פליגען, וואָס פער'מיאוס'ען זייער דור. כל זמן זיי האָבען קיין מאַכט ניט, זענען זיי נאָר מיאוס פאַר זיך, גיט מען זיי ממשלה איבער אַנדערע — פערפאַסקודען זיי דאָס גאַנצע לעבען...

אונזער פאָלק, אַנ'עם תורה ודעת, פערמאָגט זיין אייגענע השכלה שוין פון טויזענדער יאָהרען; די השכלה האָבען מיר בעקומען פונ'ם באַרג סיני, זי שטעהט פערשריבען אין אונזערע אַלטע הייליגע ספרים. אין די ווערק פון אונזערע בעריהמטע חכמים און גדולים. אונזערע עלטערען האָבען זי איבער־געגעבען פון דור צו דור זייערע קינדער. נאָר וואָס דען, ס'זענען געקומען שווערע צייטען, מיר האָבען געוואַנדערט אין גלות פון לאַנד צו לאַנד, גע־ליטען צער און בזיונות, זענען מיר געוואָרען פערפינסטערט, געפאַלען אַלע מאָל נידעריגער, פערגעסענדיג אונזער ח כ מ ה, אונזערע וויסענשאַפטען, דעריבער האָט די ת ו ר ה אויך ביי אונז אָנגעוואָרען איהר אַמאָליגען חן. לאַנגע יאָהרען האָבען די יודען געלעבט אָהן קענטעניסען, אָהן אַ שפּראַך, אָהן כבוד, אָהן לייב און לעבען, ביז ס'האָט זיך בעוויזען פריהער מיט אַ דור די זון פון דער השכלה אויף דער וועלט און האָט בעלויכטען די ערד און די מענשען מיט איהרע ליעבע שטראַהלען. האָבען אונזערע ברידער געזאָגט: לאָמיר אויך געניסען פון דעם דאָזיגען ליכט, וועלען פערהיילט ווערען אונזערע וואונדען, וואָרום אז די גאַנצע וועלט וועט ווערען גוט און פיין, וועט אויף אונז אויך קומען אַ ישועה. און מיינט ניט: דאָס איז ניט געווען קיין פוסטע פאַנטאַזיע, קיין נאַרישער חלום. אַזוי וואָלט געדאַרפט זיין על פי דרך הטבע, דערצו פיהרט די היסטאָריע פון דער וועלט, אַזוי האָבען נאָך צוגע־זאָגט אונזערע נביאים, און די אַלע האָפנונגען וואָלטען אודאי מקויים גע־וואָרען, ווען ניט...

דאָ האָט זיך קאַץ שטאַרק פערהוסט, און אַזוי ווי ער האָט דערביי ניט אויפגעהערט צו ריידען, האָרכלענדיג און שלינגענדיג די ווערטער, האָב איך ניט געקענט האַפּען, וואָס ער זאָגט, ביז ער האָט זיך אויסגעהוסט און האָט ווייטער אָנגעהויבען ריידען קלאָרע דבורים:

... האָבען די יודען אויך געמוזט זיך אומקעהרען צו זייער פריהערדיגען מעמד... איצט, אז די יאָהרען זענען שלעכט, קיין צייט איז ניטאָ, צרות וואַקסען אויפ׳ן פּוד און פון דער האָפנונג איז געוואָרען אַ טייך, — איצט זידעלט מען די אַמאָליגע משכילים, איצט שיט מען אויף זיי שוועבעל און פּעך ! פרעגט, ווער זידעלט ? יונגע לייט, וואָס האָבען צו פערדאַנקען דעם פריהערדיגען דור אַלצדינג, וואָס זיי פערמאָגען : אי זייערע געדאַנקען, אי דאָס געפיהל פון כבוד צו זיך אַליין, אי זייערע פּלענער ! יונגע לייט, וואָס ווען נישט די ערשטע משכילים, וואָלטען זיי גאָר ניט געקענט ריידען אַזוינע ווערטער ווי איצט, וואָלטען זיי גאָר ניט געהאַט אַזוינע השגות, וואָרום זיי וואָלטען געווען בלינדע מענשען, בהמות, וואָס וואָלטען גאָר ניט געפיהלט, אז זיי איז שלעכט און וואָלטען גאָר ניט געזוכט קיין רפואה צו זייערע מכות, נידעריגע ברואים, וואָס וואָלטען געלעגען אין דער קרענק און געשוויגען, צו אונזער גרויסער חרפה, ווי דאָס איז געווען אַ מאָליגע יאָהרען ! — אויב מיר זעהען היינט, אז עפּעס וואַקסט, זאָלט איהר ניט פערגעסען, אז געזייהט האָט מען עס פריהער : דאָס קערענדעל האָט געמוזט צופאַלען ווערען אין דער ערד, די שאָלעכץ האָט געמוזט ווערען פערפוילט, כדי ס׳זאָל זיך בעווייזען דער תוך, כדי די פלאַנצונג זאָל אָנהויבען וואַקסען און בליהען און ברענגען פרוכט. זאָלען דאָס געדענקען אונזערע יונגע און זאָלען זיי ניט זידלען זייערע עלטערן היינט, ווען אַלצדינג ווערט צופאַלען !... נו, אַ גוטע נאַכט אייך, ליעבע פריינד, דאָס ליכט געהט שוין אויס. סע ווערט פינסטער און מיר אַלע זענען שלעפעריג ! איך געה שלאָפען, לעגט זיך אויך און גאָט זאָל אייך העלפען, איהר זאָלט זעהען גוטע חלומות אויף אייך און אויף כל ישראל..

ס׳איז שטיל... מע שלאָפט. סע הערט זיך אַ חראָפען פון אַלע זייטען. די נעזער פייפען, פישטשען, זינגען אויס אַ זמר, און ביי מיר פליהען די געדאַנקען אין קאָפּ און לאָזען מיך ניט שלאָפען. סע געהט דורך פאַר מיינע אויגען די היסטאָריע פון די יודען : אַלע קלאָג און געוויין, תעניתים און געשרייען, צרות און שלעק, שפּאָט און שאַנד און צאָרען און צער און אַלע מיני׳ע וועהטאָגען און וויסטע בהלות, הונגער, פּוילקייט, צונויפגעלעגטע הענד, פערמאַכטע אויגען, קלעפּ און פּעטש און קולאַקעס — און שטענדיג געבוקט זיך, געפאַלען אויף די קניע, געקראָכען אויף אַלע פיער, געבעבעט פּוסטע ווערטער, געחאַפּט מיט די הענד דעם ווינד, געשטויסען וואַסער אין אַ שטייסעל, געטריבען רכילות, געפיהרט פּליאַטקעס, גע׳רודפ׳ט מיט שנאה און מסירות, געטאָן לשם שמים אַלערליי רשעות... און פון דער אַנדרער זייט דערמאָן איך זיך די קאָמפּאַניע און די שמועסען פון היינטיגען אויפדער-

נאכט, זייער חברה, זייער ציעל, זייער פעסטקייט, זייער חשק צו ארבייטען, און מיין הארץ זאָגט מיר: גבורים, מענדעלע, שטעהען ארום דיין געלעגער!—

די נעזער קוויטשען, פישטשען, זינגען און איך דרעה זיך פון איין זייט אויף דער אַנדערער, קלעהר מיר און טראַכט וועגען יודישער היסטאָריע, יודישע פיהרונגען, יודישע נענג, און איך האָב געקלעהרט אזוי לאַנג, ביז מיינע געדאַנקען זענען געוואָרען צומישט, אין קאָפּ האָט מיר אָנגעהויבען רוישען, ווי אין אַ מיהל... איך הער, סע דונערט אינדרויסען, סע בליצט און סע רעש'ט, ווילדע קולות, געוואַלדען, געשרייען פליהען אין דער לופטען, הינט בילען, דער ווינד ברומט און וואָיעט און קלאָגט — איך פאַל, ווי אין אַנ'אַבגרונד און פערגעס אַלצדינג... אַז איך כאַפּ זיך אויף, איז אויף מיר שוין גאָר אַ נייע הויט, איך געדענק ניט, וואָס פריהער איז געווען, אקוראַט ווי איך האָב גאָר פריהער ניט געלעבט, אקוראַט ווי איך בין נאָר וואָס בעשאַפען געוואָרען אין מיין איצטיגער געשטאַלט: איך בין אַ קליין בעשעפינישעל מיט אַ האָריג פעלכעל, מיט קורצע פיסעלעך און אַ קורץ ווײדעלע. איך ליעג מיר אויף אַלע פיער, שאַ, שטיל. דער קאָפּ איז ליידיג, דער מח אַרבייט ניט, סע פליהט ניט דורך אפילו די קלענסטע מחשבה, דעפאַר דער מאָגען, די קישקעס זענען שטאַרק אַריינגעטאָן אין דער עבודה: זיי מאָלען, רייבען, פערדייהען געטריי דאָס איינגעשלונגענע גראָז. איך לעב מיר פּאַוואָלינקע, אָהן אַ שום דאגה, אַ חוץ די דאגה פון עסען; מיר איז גענוג, וואָס איך לעב. ניטאָ קיין שאלות, קיין חקירות, קיין „פאַר וואָס" און „פאַר ווען": אָט אזוי בין איך, אַזאַ צורה האָב איך, אזוי לעב איך, אזוי דאַרף זיין, אזוי איז מיין טבע — און ווייטער גאָר ניט... ליעג איך אזוי מיט אַנ'אויסגעצויגענער מאָרדע, כאַפּ אַ דרעמעל און סאָפּע מיט דער נאָז. דערהער איך ווי מען זאָגט: אַ וואוילער ב א י ב א ק, אַ שען חיה'לע, לאָמיר איהם נאָר כאַפּען! — רייס איך זיך אויף פונ'ם אָרט און אַנטלויף, וויפיעל איך האָב כח, און פערקריך אין אַ לאָך. ווייס איך שוין, אַז איך בין אַ ב א י ב א ק, אַ קליין חיה'לע, פון ניט קיין שטאַרקער משפחה. אינ'ם לאָך, וואו איך האָב זיך בעהאַלטען, געפין איך אַ גרויסע קאָמפּאַניע באַיבאַקעס, קרובים פון דער אייגענער משפחה; צווישען דער חברה זעה איך אַ סך בלינדע, הינקענדיגע, מיט אויסגעריסענע זייטען, אויסגעבראָכענע פיס, אויסגעפליקטע האָר, אויסגעצופּטע ווײדלען — באַיבאַקעס זענען אָבער גרויסע פּעפערס, לעדאַשטשעס, זיי האָבען נאָר ליעב צו ליעגען און צו דרעמלען. האָב איך זיך אויך אויסגעצויגען און אינאיינעם מיט די איבעריגע געכאַפּט אַ דרעמעל... ליעגען מיר אזוי און רוהען זיך אָב, הערען מיר — י ע ג ע ר! האָבען מיר זיך אויפגעכאַפּט און אַ לאָז געטאָן אויף גאָט'ס בעראָט, יעדערער וואוהין די אויגען טראָגען. לויף איך אינאיינעם מיט עטליכע באַיבאַקעס, וואוילע יונגען, חוואַ־

טעם, וואָס האָבען געוואוסט פון עפּעס גאָר אַ קונציגער נאָרע, — אַ גאַנצער הייל צווישען די שטיינער, וואוהין די יעגער וועלען בשום אופן ניט דער־לאַנגען. לויפען מיר, יאָגען זיך פון לאַך צו לאַך, פון גרוב צו גרוב — זיי פּאָרענט, איך נאָך זיי. ס'איז ענג, פינסטער, גליטשיג, טייל פון אונז פּאַ־לען און קענען שוין ניט אויפשטעהן, טייל שטעלען זיך אויף און לויפען ווייטער מיט יסורים; איך אַליין האַלט זיך שוין קוים אויף די פיס, איך בין מיעד, טויט הונגעריג, איך פּאַכע מיט דער נשמה, ניטאָ אין מיר קיין גאַנצער אבר, די פעל איז אויסגעפּליקט, צעריסען. איך הינק אויף אַ פוס. מיר לויפען אָבער אַלץ מיט אַנ'אימפּעט, ווייטער און ווייטער. אָט זענען מיר שוין גאָר נאָהענט, נאָר זיך פער'גנב'ענען אהינצו, נאָר זיך דורכשפּאַרען דורך אַ שפּאַ־רונע, דורך אַ שמאָלער לאָך... מיר פאַלען אויף אַנ'עצה, מיר שטעלען זיך איינער הינטער'ן אַנדערען אַ לאַנגע שורה, מיר שטופּען איינער דעם אַנדע־רען, קוועטשען זיך אריין איינציגווייז אין דער שפּאַרונע. אַז ס'איז געקומען צו מיר און איך האָב אריינגערוקט דעם קאָפּ אין לאָך אריין, האָט דער הינ־טערשטער באַיבאַק מיר געגעבען אַ שטאַרקען שטופּ, וויפיעל ער האָט גע־האַט כח, האָב איך פאַר וועהטאָג און שטיקעניש אָנגעהויבען פּייפען, ווי דער שטייגער איז פון באַיבאַקעס, וואָס זיי פּייפען, אַז סע ווערט זיי ענג.

אוי, יודען, מע פּייפט! — חאַפּט זיך רב ישראל אויף אין הוילע שרעק. — געוואַלד, מע פּייפט, דאָס איז ניט אומזיסט...

— אוי, באַק, באַק־באַק, — בעלעמעטשע איך פון'ם שלאָף, און מיין **קול הילכט ווי פון אַ פאַס.**

— גאָט איז מיט אייך, רב מענדעלע, — שרייט רב ישראל, — וואָס **איז דאָס פאַר קולות? וואָס איז דאָס פאַר אַ פּייפען?**

— גאָר ניט, גאָר ניט, — ענטפער איך, אַז איך בין געקומען צו זיך.

— קיינער פּייפט ניט און קיינער מאַכט ניט קיין קולות, ס'האָט זיך אייך גע'חלום'ט, רב ישראל, געהט לעגט זיך.

ווען גאָט זאָל מיר אַ שטייגער געוועהן זאָגען: וואָס איז, מענדעלע, דיין פערלאַנג, וועל איך דיר געבען? וואָלט איך איהם געענטפערט: רבונו של עולם, גיב מיר געלט איך זאָל קענען קויפען חאָטש צו ביסלעך פון די פערשיידענע ספרים, ספרי קודש און ספרי חול, וואָס איך האָב אויפ'ן אַנדע־רען טאָג געזעהען אויסגעשטעלט אין די קלייטען פון ספרים. ווייסט איהר,

וואָס איך האָב דעמאָלט געהאַט פאַר אַ פּנים? מאָלט אייך אויס אַ פוקס, וואָס האָט דערזעהען אין אַ גאָרטען ווייַנטרויבען, נאָר ער קען זיי ניט דער-לאַנגען: ער פאַדעט אַרום, שפּרינגט און טאַנצט און בעלעקט זיך, נאָר סע העלפט איהם ניט שום תחבולות — די ווייַנטרויבען וואַקסען צו הויך. אַזוי האָב איך דעמאָלט אויך אַרומגעפאַדעט אַרום די קלייטען פון ספרים. געחאַפּט אַלע מאָל אַ קוק אויף די ווערק פון אונזערע מחברים און שרייבער, פון שרה בת טובים ביז די היינטיגע בעלי־מליצה — אַלץ טייערע סחורה, נאָר קויפען — לאַ מיט אַן אַלף: ניטאָ קיין קלינגערס! ס׳איז פערשטעהט איהר מיך, אַזאַ מאָדע, אַז ווער סע האָט ניט אין קעשענע, זאָגט מען איהם: רב קרוב, געהט ווייטער! וואָס טוט אָבער אַ יוד, אַז ס׳איז איהם אויסגע-גאַנגען געלט און ער וויל פאָרט מאַכען אַ מסחור? פאַלט ער אויף אַן עצה: שטעלט ער צו דעם פינגער צום שטערען און קלערט און טראַכט אַזוי לאַנג, ביז ער געפינט עפּיס אַן אָנהאַלט,— איך ווייס אַ ווייטען קרוב, אַ שטיקעל בעקאַנטען אַ גביר צו ניט קיין גביר, אַבי אַ מעורב עם הבריות, אַ מענש, וואָס האָט אַ נאָמען, געהט ער און טשעפּעט זיך אין איהם אָן און לאָזט איהם שוין ניט אָב, ווי אַ וואַנץ, וואָס האָט זיך צוגעקלעפּט צו אַ מענשען און הערט ניט אויף זויגען, ביז סע רינט בלוט...

אין אַ נויט האָב איך זיך דערמאָהנט אָן רב שמשון׳ען פונ׳ם בוידעם און אָן דעם אדון אַלבערט, דעם בעל־תשובה, וואָס האָט דאָרט, אין דער ישיבה של מעלה, זיך אומגעקעהרט צוריק צו יודישקייט און זיך אָנגע-רופען אברהם ב״ר פייבוש. כ׳האָב מיך אַ טראַך געטאָן: אפשר... פאַר וואָס זאָל איך זיך ניט דורכגעהן צו אַזוינע גוטע פרייַנד בעטען, זיי זאָלען מיר העלפען אין אַ עת צרה. ווער ווייסט...

אַ כלל איז, אַז קיינער געדענקט ניט אַזוי אַן אַלטע גוט־פרייַנדשאַפט, קיינער דערצעהלט פון איהר אַזוי פיעל גוזמות, קיינער קוועלט פון איהר ניט אָן אַזוי שטאַרק, ווי אַן אַ׳רימאַן, אַז ער קומט צו אַ בעקאַנטען גביר און קוקט אַרויס אויף אַ נדבה. אַזאַ מין קבצן מאַכט אַ פרעהליך פּנים, דער-לאַנגט דעם גביר שלום מיט אַזאַ מינע, אַקוראַט ווי ער איז איינער אַ גליק-ליכער אויף דער וועלט, ער פרעגט זיך ביי איהם אויס, וואָס מאַכט ער, דערמאָהנט איהם טויזענדער מעשיות, פוסטע גליקען, וואָס יענער האָט שוין לאַנג פערגעסען, הכלל—ער שיינט, ווי די זון אין מיטען תמוז, ער צעגעהט זיך ממש פאַר שמחה, זאָגענדיג: אַ דאַנק דיר, גאָטעניו, וואָס מען זעהט זיך געזונטערהייט! — און אַלץ צוליעב וואָס? אפשר וועט ער זיך אַריינ׳-גנב׳ענען דורכ׳ן גביר׳ס האַרצען אין גביר׳ס קעשענע. יענער איז אָבער

אויך ניט קיין נאַר, ער ענטפערט מיט אַ האַלב מויל און מיט אַ ברוגז'ער מינע. ער שאָקעלט מיט'ן קאָפּ און רעדט געצעהלטע ווערטער, טאָמער וועט ער זיך, חלילה, ארויסחאַפּען און וועט ניט קענען פּטור ווערען פון אַ צרה. ס'איז אַ גרויסער חסד פון זיין ליעבען נאָמען, וואָס ער האָט אריינגעגעבען יעדען בעשעפעניש אַ בעזונדער חוש צו דערפיהלען אַ מזיק און צו היטען זיך פאַר איהם. אַ גביר, מעג ער זיין דער גרעסטער שוטה, האָט ער פונ־דעסוועגען אַ גוטען חוש הריח אויף אַנ'אָרימאַן, ער דערשמעקט איהם פון ווייטען — און גיט זיך אַנ'עצה...

אַז איך בין אריינגעקומען צו רב' שמשונ'ען, האָב איך איהם געטראָפען ביי'ם אָנבייסען. פאַר איהם איז געשטאַנען אין אַ שיסעל אַ פיינע פּאַרציע רעטעך מיט ציבעלעס, צוגעשמאַלצען מיט פּרישער, שמעקענדיגער היהנער־שמאַלץ. רב' שמשון איז געווען אריינגעטאָן אין דער שיסעל מיט די הענד און מיט די אויגען, געגעסען, קיין עין הרע, מיט חשק, אַזוי אַז די נאָז און דער שטערען האָבען אַזש געגלאַנצט פון שוויים. איך קום אריין, זאָג איהם גוט מאָרגען, רב שמשון מאַכט זיך, ווי ער הערט ניט. איך גיה צו נעהנטער און זאָג איהם נאָך אַ מאָל: גוט מאָרגען אייך, רב שמשון! מיט אַזאַ שמחה, אַקוראַט ווי איך האָב דערזעהען מיין בעסטען גוטען פריינד. — רב שמשון הויבט אויף די אויגען און קוקט אויף מיר מיט אַ „בתמיה", ווי איינער רעדט: וואָס איז דאָס פאַר אַ שלאַק?

— איך האָב נאָך אייך באמת געבענקט, זאָל מיר אַזוי גאָט העלפען בכל אשר אפנה, — זאָג איך מיט אַ פרעהליך פּנים און מאַך זיך האַרץ און זעץ זיך ניט געבעטענערהייט. — האָב איך זיך מישב געווען, פאַר וואָס זאָל איך טאַקי ניט אריינגעהן· סע טוט מיר באמת הנאה, אָבער טאַקי שטאַרק הנאה: ווי איהר זעהט מיך לעבען...

— שטאַרק הנאה... וואָס איז?.. וואָרטשעט רב שמשון און פּאַקע־וועט אָן אַ פול מויל מיט רעטעך.

— ס'טייטש, וואָס מע זעהט זיך בשלום, וואָס איך טרעף אייך, גאָט צו דאַנקען, אַ לעבעדיגען, אַ געזונטען ביי'ם טיש, ביי זיך אין דער היים — ענטפער איך און טו אַ זיפץ· — וואָס זאָל איך אייך זאָגען? מיר איז דאָס דוקא ניט אָבגעגאַנגען גלאַט... די ענגשאַפט, די שטיקעניש דאָרט אויבען.. עט! איך פיהל אויף זיך ניט קיין גאַנצען אבר. סע האקט מיך, ניט פאַר קיין יודען געדאַכט, אין די קריזשעס, סע טהוט מיך וועה אין די זייטען, ס'איז מיר, לא עליכם...

— הקיצור, רב יוד, וואָס זשע ווילט איהר? ענטפערט מיר רב שמשון מיט רוגזה און האקט מיר איבער די רייד·

ס'איז זיך ניט שווער געווען אָנצושטויסען, אַז רב שמשון איז מיט

מיר ניט זעהר שטארק צופריעדען און אז ער האט ניט קיין חשק מיך צו דערקענען. פרעג וואס? ער האט נאך, דאכט זיך, גאר ניט געהערט, וואס איך וויל פון איהם! ניט מעהר, מסתמא האט דאס הארץ איהם געזאגט, אז סע שמעקט מיט א טובה, מיט א גמילות חסד. סע קען זיין, אז דעריבער האט ער טאקי געזעהן פטור ווערען פון מיר וואס גיכער. א שטיק צייט בין איך אליין געווען אהן לשון, נאר עפעס געבעבעט, געשטאמעלט האלבע ווערטער, אהן א שום טאלק. נאכדעם בין איך געווארען א ביסעל רוהיגער און זאג איהם מיט א טענה:

— ס'טייטש, איהר דערקענט מיך גאר ניט? איך בין דאך מענדעלע, אייער פריינד מענדעלע, דער אייגענער מענדעלע, וואס איהר זענט מיט מיר געווארען גאר נפש אחת דארט אויפ'ן בוידעם, במחילה.

— א, דאס זענט איהר... יענער דער ליטוואק! רופט זיך אן רב שמשון, ווי איינער, וואס דערמאנט זיך א מעשה פון פריהער מיט צעהן יאהר.

— חס ושלום! — חאפ איך זיך אויף מיט א ברוגז׳ — וואס רעדט איהר! איך בין ניט קיין ליטוואק, איך בין א קאבצאנסקער, טאקי א גע־בירטיגער פון קאבצאנסק.

— א קאבצאנסקער צו א ליטוואק — אלץ איינס!... א קיצור, וואס ווילט איהר? — שטעלט אויף מיר רב שמשון אויף די אויגען. ער האלט נאך אלץ אין איין קייען, און דער ריח פונ'ם רעטעך מיט די ציבעלעס פער־געהט מיר אין דער נאז.

— א קיצור, רב שמשון, די מעשה דערפון איז אזוי.

און איך דערצעהל איהם די גאנצע מעשה פון אלף ביז תיו, און איך זאג איהם מיט זיסע ריידעלעך, טראכטענדיג בשעת מעש ה, אפשר וועט דאס איהם פארט ווייכער מאכען:

— איהר זעהט, רב שמשון, פאר אייך איז ביי מיר קיין סודות ניטא, פאר אייך פערטרוי איך מיך, ווי פאר אנ'אמת'ען גוטען פריינד. בעט איך אייך, אפשר קענט איהר מיר א טובה טאן אין א סקלאד פון ספרים, מע זאל מיר געבען אויף בארג. איהר מעגט מיר גלויבען, איך שווער אייך בהן צדק שלי, אז ס'וועט זיין אבגעצאהלט פיין און שען און צו דער צייט, איהר וועט, חלילה, צוליעב מיר ניט האבען קיין שום עגמת נפש.

— יא, געה גלויב איז א ליטוואק'ס יושר! — ברומט רב שמשון און קנייטשט מיט די פלייצעס.

ס'טייטש, רב שמשון, אויפ'ן בוידעם האט איהר דאך גערעדט גאר אנדערע דבורים. דעמאלט, בשעת צרה, ווען דער חלף איז געלעגען ביי אלעמען אויפ'ן האלז, איז ביי אייך געווען כל ישראל אחים. דעמאלט האב

איך געהערט פון אייער אייגען מויל, אז אַ יוד איז אייך טייער נאָר דערפאַר, וואָס ער איז אַ יוד, דעמאָלט האָט איהר ניט געקוקט, פון וואָסער אַ קאַנט איך, מענדעלע, בין: ניין, איהר האָט מיך גערופען ברודער און האָט מיר צוגעזאָגט העלפען בשעת הדחק. דעמאָלט זענט איהר געווען ווייך ווי פוטער, וואָרום ס׳האָט אייך געקלאַפּט אַ צאָהן אין אַ צאָהן פאַר פּחד. היינט, אז ס׳איז מיר באמת ענג, ס׳האָט זיך מיר געטראָפען אַנ׳אומגליק, און אייך, קיין עין הרע, איז גוט אויפ׳ן הארצען, איהר זיצט זיך רוהיג ביי זיך אין שטוב און סע פעהלט אייך גאָר ניט, — היינט מאַכט איהר זיך שוין ניט וויסענדיג. היתכן! ווי טוט מען אזוי? איך קען דאָך נאָך, חלילה, קלעהרען, אז ס׳איז אַ בזיון, וואָס איהר זענט אַ יוד, איהר גיט דאָך דעם שונא אַ פּתחון פּה צו זאָגען: רעכט אויף די יודען! סע קומט זיי טאַקי דער גלות!

אזוי מוסר איך רב שמשונ׳ען מיט ווייכע רייד. איך רעכען נאָך אַלץ, אפשר וועט דאָס איהם נעהמען. רב שמשון הערט און שווייגט און קוקט מיט כונה אין שיסעל, רייבענדיג דעם רעטעך מיט די ציבעלעס אויף ביידע באַקען, — האָטש רעד צו איהם, האָטש רעד צו דער וואַנד, אַלץ איינס. איך האָב דערזעהען — אומזיסט מיין טרחה, אזוינע יודען ווי רב שמשון קען מען מיט קיין ווערטער ניט ריהרען, האָב איך זיך אָבגעזאָגט און אוועק־געגאַנגען מיט אַ שווער געמיט, טראַכטענדיג: אזא חזיר קען טאַקי נאָר העלפען דער בוידעם...

אַ מענש, כל זמן ער לעבט, האָפט ער אויף בעסערס. איך גיה מיר איבער דער גאַס און טראַכט מיר אזוי: אויב אונזערע עהרליכע יודען, גאָט׳ס סטראַפּטשעס, טיילען זיך אויף קלייזלעך, האָבען פיינט אַ פרעמדען חסיד, אַ יודען פון אַנ׳אַנדער קאַנט, אויב ביי זיי איז די שנאָה אזוי איינ־געגעסען אין די ביינער, אז ס׳איז ניטאָ צו איהר קיין שום תרופה, איז אפשר ב־י די דייטשען בעסער? אפשר איז ביי זיי א י י ן י ו ד י ש ק י י ט אָהן שום קלייזלעך... ווער שמועסט נאָך אַ דייטש אַ בעל־תשובה, איז ער דאָך אודאי אַ לייט, טאָר מען דאָך אויף איהם געוויס ניט איבערטראַכטען...

בלייבט ביי מיר — אריינגעהן צו אַלבערט׳ן, בעטען ביי איהם אַ שטיקעל טובה, און אזוי ווי איך וויס, אז ער איז אַ בעל־תשובה וועל איך איהם ברענגען אַ יודישען ספר אַ מתנה, — דאָס וועט איהם געוויס פער־שאַפען אַ נחת־רוח, וועט ער מיר ערפילען מיין בקשה מיט פערגעניגען.

אויף מאָרגען מאַך איך ניט קיין שהיות און לויף אוועק צו אַלבערט׳ן. איך גיב האָפערדיג אַ ציה פאַר׳ן גלעקעל און סע לאָזט זיך הערען אינווענינ אַ שטאַרקער קלונג, ממש קולי קולות: די טהיר עפענט זיך, און אַ מיידעל בעווייזט זיך אויף דער שוועל. זי קוקט מיך אָן ווי אַנ׳עזות׳ניצע און פרעגט מיט כעס:

— וואָס דאַרפט איהר דאָ האָבען, פּאַני זשיד?

— איך דאַרף האָבען צו רב אברהם ב"ר פייבוש, — שיס איך אויס און רוק זיך דערווייל אריין וואָס גיכער אין קאָרידאָר.

— ניטאָ דאָ, יוד, קיין אברהם'ס, דאָס איז אַלבערט האַצעקלאַצער'ס הויז, שרייט דאָס מיידעל.

— אָט איהם, מיין איך דאָך טאַקי, יאָ, יאָ, הער אַלבערט, הער אַלבערט! — ענטפער איך שוין שטעהענדיג אין פּאָר־הויז. זייט זשע מוחל, טאָכטערוניע, געהט זאָגט דעם בעל־הבית, אז אַ גוטער פריינד וויל זיך מיט איהם זעהען. נאָר מאכט עס, נשמה מיינע, אביסעל גיכער זאָגט איהם אָן די גוטע בשורה, וועט איהם הנאה טאָן.

אין עטליכע מינוט אַרום האָט זיך בעוויזען דער אָדון בכבודו ובעצמו. צוויי אַקטיאָרען זענען אַ"ם אין טעאַטער אויף דער סצענע; ביידע שפּיע־לען קלוג, קונציג, יעדערער וועדליג זיין ראָלע און אויף זיין אייגענעם שטייגער.

אנ'עבירה, וואָס ס'איז פערפאַלען געוואָרען אזאַ סצענע! קיינער האָט ניט געזעהען אונזער שפּיעל, אַ חוץ אונז ביידע. ווי געוועהנטליך זעהט מען ניט אַ סך שענע סצענעס צווישען מאַן און ווייב, צווישען גוטע פריינד־אזוינע סצענעס איז דוקא כדאי צו זעהען.

דער דייטש, אז ער איז צוגעגאַנגען נעהענטער און האָט מיך דער־זעהען, האָט ער אַזש אַ ציטער געטאָן און האָט בעקומען אַלערליי קאָלירען. ער האָט זיך אָבער באַלד בערוהיגט, אויסגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר אויגען און געקוקט שווייגענדיג, אַקוראַט ווי ער זעהט מיך דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבען. איך מוז מודה זיין, אז ער האָט געשפּיעלט אויסגעצייכענט, מ'האָט טאַקי באמת געקענט מיינען, אז איך בין איהם אַ ווילד־פרעמדער. איך ווייס אָבער אויך, וואָס איך האָב צו טאָן; איך בין דוקא אַ מבין אויף אַלע זיינע שטיק. איך זעה איהם דורך און דורך, נאָר איך שפּיעל מיט פער־געניגען די ראָלע פון אַ תם, כלומר'שט הויב איך גאָר ניט אָן צו וויסען, וואָס ער מיינט.

איך ציה זיך אויס, ווי איך בין גרויס, און שטעה און קוק אויף איהם מיט אַ מין שמחה, אַקוראַט ווי איך בין נאָר וואָס געקומען פון אַ וויי־טער נסיעה און האָב דערזעהען אַ נאָהענטען פריינד, אַ חבר פון קינדערשע יאָהרען. איך שטעה און קוק און שמייכעל — און רייד ניט אַ וואָרט. מיין שיינענדיגער פּנים אנטקעגען זיין בייזען קומט אויס ווי אַ רעגענבויגען אנטקעגען דער חמאַרע.

ער צו מיר (אז ס'איז איהם שוין נמאס געוואָרען דאָס שווייגען):

וואָס דאַרפט איהר, רב יוד?

איך צו איהם (מיט א ליעב' שמייכעלע, הויבענדיג דעם קאפ אין דער הויך): אנו, דערקענט!.. אדרבא, ווער בין איך?

ער צו מיר (מיט רוגזה; ער פערזשמורעט די אויגען, קנייטשט מיט דער נאז): איך קוק און קוק און ווייס אלץ ניט, ווער איהר זענט.

איך צו איהם (שאקלענדיג מיט'ן קאפ און פישטשענדיג מיט די ליפען): פס, פס, א וואונדער, כ'ילעבען! איהר דערקענט שוין ניט מענדעל'ען?

ער צו מיר (מיט א משונה קול, וואס האט אין זיך אלצדינג: אי כעס, אי געלעכטער, אי שפאט): מענדרעלע!

איך צו איהם (כלומר'טש מיין איך, אז סע טוט איהם ווילד הנאה, וואס ער ווייסט שוין מיין נאמען): יא, רב אברהם, נו, דערקענט איהר מיך שוין! (איך נעהם ארויס פון דער קעשענע דאס ספר'ל, שטופ עס איהם אריין אין דער האנד און זאג ארויס אין איין אטעם) נעהמט, נעהמט, רב אברהם, פון מיר א מתנה, אז איהר וועט לייענען אט דעם יודישען ספר, וועט איהר מיך דערמאנען צו גוטען!

ער צו מיר (קעהרט אום דאס ספר'ל מיט גרויס מהירות, אקוראט ווי ער האלט אין דער האנד א הייסע קויהל: איך דארף עס ניט האבען! איך קען ניט קיין יודיש, איך פערשטעה ניט די אלטע מצרים-שפראך.

איך צו איהם (זין הארצען קאכט מיר, נאר ריידען רייד איך שטיל, בנעימות'דיג): אויב איהר קענט ניט, וועט איהר זיך אויסלערנען, מיט'ן אויבערשטענ'ס הילף. איך ווייס דאך, אז אייך ציהט צו דער הייליגער תורה און צו די ספרים פון אונזערע חכמים.

ער צו מיר (מיט געשפעט, ער האט שוין ניט די העזה צו שרייען אויף מיר און האלט איין דעם כעס): איהר רעדט נארישקייטען, רב' יוד, איהר האט א גרויסען טעות! — אויב איך שטעה און הער אויס די אלע ווילדע מעשיות אייערע, איז דאס נאר דערפאר, וואס ס'איז א שטיקעל קאמעדיע צו קוקען אויף אייך, ווי איהר געהט אנגעטאן, ווי איהר רעדט, ווי איהר דרעהט זיך, ווי איהר מאכט אלערליי משונה'דיגע העויות. זאל מען זאגען אויף די יודען, וואס מען וויל — אז זיי זיינען א ווילד פאלק, א נאריש פאלק, אז זייערע פיהרונגען זענען מיאוס, זייער חכמה איז פערשימעלט, זייערע געלערנטע טויגען אויף קלאג, זייערע ספרים זענען פוסט, זייער שפראך איז, ווי זיי אינגאנצען, ארים, פויל, צעקאליטשעט, אהן ליים און לעבען, — פונדעסטוועגען איז אין זייערע ווילדע מנהגים, אין זייער שמועס, אין זייער הולך, אין זייערע אלע פאסטעמקעס פארהאן עפעס אזוינס, וואס סע גלוסט זיך אויף זיי קוקען, ווי מע קוקט אויף קאמעדיאנטען, דעריבער האבען טאקי אונזערע עלטערען אמאליגע יאהרען זוכה געווען צו שטעהן

אין די פּריצישע פּאַלאַצען: זיי האָבען געוויזען, ווי מע טאַנצט פאַר א כלה, ווי מע זינגט מה־יפית און זמירות פאַר'ן שבת'דיגען קוגעל, — זיי האָבען פשוט פרעהליך געמאַכט די פּריצים מיט זייערע אומגעלומפּערטע געגג.

איך צו איהם (מיט א בעהאַלטענעם כעס און א פריינדליכען שמייכעל): איהר טרייבט קאַטאָוועס, רב אברהם! איהר גלויבט אליין ניט, וואָס איהר רעדט. ווער ווייס נאָך אזוי גוט ווי איך, אז איהר האָט א יודיש האַרץ, אז איהר זענט א יוד ווי אלע יודען. דערויף זאָל מען מיך פרעגען, איך בין אנ'עדות.

ער צו מיר (מיט א הלצה'לע, וואָס ער האָט פון איהר אליין שטאַרק הנאה): אָט דאָס איז דאָך די מעשה, אז א יוד ווייסט אלצדינג, א יוד איז א יאָהר־עדות, אבי דו ועסט איהם נאָר ווייזען א מטבע.

איך צו איהם (אויך מיט א הלצה): איך בין דוקא א גוטער עדות. איך בין דאָך אליין געווען דערביי, איך האָב אליין געזעהען, ווי אזוי א יוד ווערט א בעל־תשובה, א הייסער נאַציאָנאַליסט, א געטרייער זוהן פון זיין פאָלק — א מענש, וואָס ליידט גלייך מיט אלע יודען... נאָר דעם אמת מוז איך זאָגען, אז אויב אזוינע שבי פשע ביעקב, אזוינע „געהויבענע" יודען איז היינטיגע יאָהרען פאַרהאַן ניט איינער און ניט צוויי, זענט איהר, פּאַני, אַנ׳אויסנאהם צווישען זיי. אין א קורצער צייט זענט איהר, ס'זאָל אייך קיין עין הרע ניט זיין, געשטיגען פון מדרגה צו מדרגה, פון א פושע ישראל געוואָרען א בעל־תשובה, פון א בעל־תשובה — א נסתר, א למדר־וו'ניק, א צדיק גמור, וועלכער פערשטעלט זיך נאָר פאַר א דייטש, און אין אמת'ען איז ער כלו קדוש. א למדר־וו'ניק מעג אלצדינג, איהם איז אלצדינג מותר, אלצדינג איז מען איהם מוחל, אין זיינע מעשים איז ניטאָ קיין חלול השם, ער מאַכט ניט מיט דער בלאָטע די גרעסטע יודישע חכמים, ביי איהם איז ניטאָ ניט קיין קופּערנער שטערען, ניט קיין מיאוס'ע ווערטלעך, ניט קיין נאַרישע דבורים, ניט קיין פאַלשע רכילות, ניט קיין יאָגעניש נאָך פוסטען כבוד, ניט קיין שווינדעל און נאַררייען. ביי איהם איז אלץ — סודות, טיפע כוונות, דברים בגו. איך מוז זיך מודה זיין: מיר איז גאָר אויפ'ן געדאַנק ניט געקומען, אז דאָ אונטען וועט איהר זיך אזוי גיך אויפהויבען אויף אזא הויכקייט פון דער נידעריגער מדרגה, וואָס איהר זענט אויף איהר געשטאַנען דאָרט...

ער צו מיר (ער קען זיך שוין ניט איינהאַלטען, אין פנים בייטען זיך איהם די פאַרבען — דאָס איז א חסרון: ער ווייזט אַרויס א אומצופריע־דענקייט אינמיטען שפּיעל, אזוי דאַרף ניט זיין): וואָס? ! —

איך צו איהם (פּאַוואָלינקע, קלאָרע דבורים, ווי א גוטער שפּיעלער, כדי איהם צו דערלאַנגען אין דער זיבעטער ריפּ): דאָרט, אויפ'ן בוידעם!

אי איז דאָרטען געווען אויף אייך אַ מחיה צו קוקען. אַ יוד זיצט זיך צווי־שען פראָסטע יודען, הערט זיך צו צו זייער שמועסען, זייערע חכמות, זייער תורה, קוועלט אָן פון זיי ווי אַ ווייניגער עפּעל. אַ קאַטאָוועס — יודען! איהר זענט דאָך צוליעב זיי אפילו געקראָכען אויף די באַנטעס, מוחל גע־ווען אויף אייער כבוד, געגעסען מיט אונז אינאיינעם ציבעלעס און קנאָ־בעל — און דוקא מיט פערגעניגען. איך געדענק — פאַר וואָס זאָל איך ניט געדענקען! איהר האָט מיר אפילו צוגעזאָגט אויסהעלפען אונטער אַ נויט, איהר האָט געשוואוירען, אַז איהר וועט בלייבען נאָהענט צו מיר מיט'ן הארצען און מיט דער נשמה און מיט'ן גאַנצען לעבען, — נו, האָב איך זיך מישב געווען, פאַר וואָס זאָל איך ניט אריינגעהן זיך זעהן מיט אַ ליעבהארציגען פריינד. בין איך טאַקי געקומען צו אייך און פערנייג זיך פאַר אייך מיט דעם גרעסטען כבוד און דרך־ארץ (איך טו דאָס טאַקי מיט אַ ערנסטער מינע).

ער צו מיר (פערנייגט זיך אויך מיט אַ ביטער שמייכעלע, נאָר חנ'ודיג, ווי די מאָדע איז): סע טוט מיר שטאַרק הנאה. אָבער איצט, רב יוד, לאָזט מיך צורוה און געהט אייך צו... (די לעצטע ווערטער זאָגט ער מיט אַ הויך קול און מיט התלהבות. די ווערטער געהען ביי איהם אַרוים קלאָר און שאַרף און די האַנד זיינע איז אויסגעשטרעקט צו דער טהיר).

איך צו איהם (איך פערשטעה זיין כונה, געה גיך אַרוים, זאָגענדיג שוין אויפ'ן וועג צו דער טהיר): צו אַל די שווארצע יאָהר, נאָר ניט צו אברהם ב"ר פייבוש!

אוים סצענע און אוים האַפנונג!...

איך האָב נאָכדעם פערגלייכט רב שמשונ'ען דעם פרומען יודען מיט אַלבערט דעם דייטש. איך האָב זיך צוגעקוקט צו זייערע מעשים און זייער פיהרונג, וועלענדיג געפינען דעם חלוק צווישען זיי, פערשטעהען, וואָס האָט פון זיי דער כלל, — האָב איך איינגעזעהען, אַז חאָטש זיי זענען פערשיע־דענע ברואים, איינער שימעל און דער אַנדערער סם, ברענגען זיי פונ־דעסטוועגען דעם כלל־ישראל אַלע איינע צרות: איבער זיי ביידע פוילט דאָס יודישע פאָלק, בעקומט אַ שלעכטען, עפּוש'דיגען ריח...

סע געהט אַוועק אַ טאָג און צוויי און דריי... איך עס און טרינק און צאָהל פאַר מאָלצייטען און צאָהל פאַר נאַכטלעגער אויף דער אכסניה. געלט ווענינער, דאגות אַלעמאָל מעהר, און פרעגט מיך בחרם, וואָס דער סוף וועט זיין, ווי אַזוי וועל איך אַרוים פון דער קלעם. קיין סחורה קען איך ניט קויפען, ווייל ס'איז ניטאָ קיין געלט. אמת, יודישע ספרים זענען

ניט אזא סחורה, וואָס מע קויפט זיי פאַר מזומנים, אָבצאָהלען דאָס גאַנצע געלט אויפ׳ן אָרט איז קיינער ניט מחויב; יודישע ספרים אָדער מע קויפט דורך אַ בייט: נאַ דיר, וואָס מיר איז איבעריג, גיב מיר, וואָס סע גוהט ביי דיר ניט, אָדער בשעת דער קניה בעצאָהלט מען האַנד־געלט און דאָס איבעריגע לעגט מען אָב אויף אַ זמן צו גלאַט אַזוי, ביז דער אויבערשטער וועט העלפען, דער פּדיון וועט ווערען גרעסער — אויף דעם סמך בין איך דאָך טאַקי געקומען אהער לכתחילה, געמיינט אביסעל נעהמען פאַר מזומן. אביסעל אויף באָרג, אביסעל אויסדרעהען מיט אַלערליי מאַניפּאַרגעס, ווי דער שטייגער איז. בעדאַרף זיך אָבער טרעפען אַנ׳אומגליק, איך ווער אָן די עטליכע קערבלעך. און ווער וועט דאָס זיין משוגע געבען סחורה אַ מוכר־ספרים אָהן אַ קאָפּיקע געלט? זיצען וויעדער און וואַרטען, איז אויך ניט קיין פּלאַן, וואָרום וואָס קען איך זיך דערוואַרטען? ס׳זאָל אויסגעהן דער לעצטער גראָשען, איך זאָל שוין אפילו ניט קענען פאָהרען אהיים ניט מיט דער באַהן, ניט מיט אַ בעל־עגלה? וואָס זשע וועט זיין? וועל איך מוזען געהן — איבער די הייזער. שלעפּען זיך פון שטאָדט צו שטאָדט ווער ווייסט ווי לאַנג, ביז איך וועל זיך דערשלעפּען אהיים. איז אָבער די פּרנסה פון אַ שלעפּער, אַ מקבל שוין אויך היינטיגע יאָהרען ניט דאָס, וואָס אַמאָל: סע וואַקסען, ברוך השם, קבצנים ווי גראָז, וואו מען טוט אַ וואָרף מיט אַ שטיין, טרעפט מען אַ מקבל. היינטיגע יאָהרען איז סתם קבצן ניט ווערט אַ צובראָכענעם דרייער, מע דאַרף נאָך האָבען אַ שטיקעל געשעפטעל, אַ מסחר׳ל, אַ שטייגער פערקויפען נאָדלען, שוועבלעך, דעמאָלט איז ערשט גוט צו געהן אין די הייזער. אַזאַ קבצן, ווי איך, למשל, אַ יוד אַ מכובד און אין די יאָהרען, קלויבט זיך אויס אַ שטיקעל קהל׳שע אַרבייט, עפּעס אַ שליחות׳ל אין אַ דבר־מצוה: ס׳איז דאָ קבצנים־אַדוואָקאַטען, מליץ־יושר׳ס, קבצנים־חובבים, גוט־זאָגערס, קבצנים־עצה־געבערס, קבצנים־מחברים, בעל־לשונ׳ס, קבצנים מיט׳ן טיטול „אמת׳ע", קבצנים־דרשנים און אַזוי ווייטער...

וואָס זשע פאַר אַ מין קבצנות זאָל איך מיר אויסקלויבען, אַז איך זאָל חלילה ניט געהן צו גרונד? זיין אַ מליץ־יושר פאַר יודען אויף יודען — איז דען דאָ אַ גרעסערע נאַרישקייט אויף דער וועלט? אַז מענשען לויבען זיך אַליין, דערצעהלען פון זיך אַליין שבחים צווישען זיך, איז דאָס ניט נאָר אַ פּוסטע אַרבייט, נאָר סע ברענגט נאָך דעם גרעסטען שאָדען, וואָרום מע געוועהנט זיך צוצומאַכען די אויגען אויף אייגענע חסרונות, אויף חטאים בזדון ובשגגה, מע טראַכט גאָר ניט וועגען לייטישער, פיינער... נו, אַזן אַ בטלן — אַ חובב איז אויך אַז אָך און וועה. סע בלייבט שטענדיג די קשיה: וואָס קען אויפטאָן אַזאַ מין חובב, רחמנא לצלן? אַז אַרבייטען קען ער ניט,

קיין כח האָט ער ניט, קיין געלט פערמאָגט ער ניט, קיין טובה קען פון איהם אין קהל׳שע זאַכען ניט אַרויסקומען בשום אופן, היינט וואָס טויג דאָס ריידען, דאָס הילכען, דאָס פּלאַפּלען גלאַט אין דער וועלט אַריין? ובפרט נאָך, אַז מיט דעם פּלאַפּלען ביזטו אויסען דיין אייגענע טובה, אַז דו מאַכסט עס גאָר פּאַר אַ פּרנסה! דו קומסט צו מיר מיט ווערטער, כדי איך זאָל קומען מיט קאַפּיטאַלען, מיט אַ ברייטער האַנד. וואָלט שוין באמת גלייכער געווען אי פאַר מיר, אי פאַר דער וועלט, אַז דו זאָלסט אונז גאָר אינגאַנצען לאָזען צו רוה. און גלאַט, מאי קא משמע לן? וואָסער יוד איז דען ניט קיין חובב? ניט מעהר, מע שווייגט, מע וועט זיך ניט געהן בעריהמען. אויף דערויף איז מען דאָך אַ יוד...

בעסער שוין איז די פּרנסה, פון אַנ׳עצה־געבער. דאָס איז אַ גרינגע און אַ ריינע מלאכה. גרינג איז זי, וואָרום מע גיט דאָך עצות יענעם, ניט זיך. אויב דער ענין איז אַ שווערער, איז ער דאָך ווידער שווער אַנ׳אַנדע־רען, ניט דעם עצה־געבער, וועלכער האָט אויף זיך ניט קיין שום אחריות. נו, און ווען איך זאָג, אַז די מלאכה איז אַ ריינע, מיין איך דאָס אַזוי, ווי עמיצער זאָגט: אַ ריינער משוגע׳נער. דאָס הייסט אַ מענש, וואָס ער פּער־מאָגט ניט קיין פּיצעל פערשטאַנד. סתם יועץ, האָבען מיר אַ קימא לן, איז אַ שוטה, און ס׳איז ניטאָ נאָך אַנ׳אַנדער מצוה, וואָס פרומע יודען זאָלען זי מקיים זיין מיט אַזאַ שמחה און מיט אַזאַ משונה׳דיגען פערגעניגען, ווי געבען יענעם עצות. אַז איך בין געווען יונגער, פלעג איך אויך שטאַרק מדקדק זיין אין דער דאָזיגער מצוה, ווי אַנ׳אמת׳ער יוד. איך פלעג שטענ־דיג געבען עצות, ווען קיינער האָט מיך ניט געפרעגט. ביז ס׳האָט זיך גע־טראָפען אַ פּאַסקודנע מעשה — מ׳האָט מיר אָבגעהאַקט די פליגעל, אַ גע־שריי געטאָן: שוטה, וואוהין קריכסטו, נעהם דעם וועג! פון דעמאָלט אָן וועל איך שוין פערזאָגען אַ צעהנטען, מע זאָל זיך ניט רוקען מיט קיין אומ־געבעטענע עצות. דאָס איז ביי מיר אַ נדר...

וואָס איז שייך צו דער מלאכה פון ווערטער, מיין איך שרייבען ספרים, איז דאָס ניט פאַר מיר. די דאָזיגע מלאכה איז גרינג נאָר דעמאָלט, ווען זי איז ריין, דאָס הייסט, ווען דער מחבר איז ריין פון קענטעניסען, ווען ער האָט ניט געלייענט די ווערק פון אונזערע חכמים, ניט אַריינגעקוקט אין דער אַל־טער יודישער ליטעראַטור, ניט געלערענט, ניט געקלעהרט, ניט פערטיעפט זיך אין געדאַנקען, — איהם איז דאָס גרינג, ער האַקט אין קרויט אַריין, בעשאַפט גאָר פון גאָרניט, ווי איהם ווילט זיך — ווער קען איהם זאָגען אַ דעה? די מלאכה איז אָבער זעהר שווער פאַר אַזוינעם, וואָס האָט אַמאָל יאָ געלערענט, אַריינגעקוקט אין די קליינע אותיות׳לעך. אַזוינער חאַפּט זיך ניט מיט זיינע חדושים ביז ער האָט ניט פערקוקט אין די אַלטע אוצרות,

ביז ער האָט ניט איבערגעטאַפּט און איבערגעטרייסעלט אַלע בעהאַלטענע ווינקעלעך. טאָמער וועט ער געפינען אַ זאַך, וואָס זאָל איהם פּאַסען צו זיין ענין. אַזוינער, אַז ער טוט שוין עפּעס אויף, איז דאָס מיט אַ טעם און מיט אַ געדאַנק. בעשאַפען גאָר פון עפּעס איז זעהר אַ שווערע ארבייט, דאָ דאַרף מען אַ סך קענען און אַ סך פאַרשטעהן!...

דער טיטול „אמת׳ער" אָדער „באמת" איז היינט אין גרויס חשיבות, מע שענקט איהם יעדערען, וועמען מע וויל אָבגעבען כבוד, נאָר איך מוז זיך מודה זיין, אַז איך פאַרשטעה ניט, וואָס ער בעטייט. מע זאָגט היינט: אַנ׳אמת׳ער חכם, אַנ׳אמת׳ער צדיק, אַנ׳אמת׳ער חובב, ס׳איז דאָ אַזוינע, וואָס זאָגען אפילו: אַנ׳אמת׳ער איש־אמת, אָדער: ער איז באמת אַ חכם, באמת אַ צדיק„ באמת אַ חובב, באמת אַ איש־אמת. אויב אַזוי קומט דאָך אויס„ אַז אַ סתם חכם איז ביי אונז אַ שוטה, סתם צדיק—אַ רשע, סתם חובב—אַ שונא, סתם איש־אמת—אַ ליגנער, סתם תם—אַ שווינדלער. און אויב אַזוי, הייסט עס דאָך, אַז היינטיגע יודען זענען אַלע איבערגעשפּיצטע, דורכגעטריבענע יונגען, וועלכע ריידען נאָר אויף לשון סגי־נהור! היינט, אַז אַ יוד איז ניט בעגלויבט אויף אַ טיטול, וואָס ער אַליין האָט געשענקט אַ מענשען, איז ער דאָך במילא ניט בעגלויבט אויך אויף אַ טיטול צו אַ טיטול. הייסט עס, אַז דער סגי־נהור, וואָס איז טייטש בלינדער, וועט טאַקי בלייבען אַ בלינדער לעולם ועד, מעגסט איהם רופען אמת׳ער סגי־נהור, וויפיעל דו ווילסט אַליין? ווי פאַרענטפערט מען די דאָזיגע קשיה? — דאָ וואָלט איך געדאַרפט אָנקומען צו אַ שאלת חכם, נאָר מיר ווייסען אָבער, אַז זינט ס׳איז חרוב געוואָרען דער בית־המקדש, האָט מען צוגענומען די סמיכה ביי׳ם בית־דין של חכמים און זי איבערגעגעבען צו קונדסים: אַ ליאַדע חדר־יונגעל גיט היינט וועמען ער וויל דעם גרעסטען, דעם ווילדסטען, דעם מורא׳דיגסטען טיטול. פאַר אָט די יונגע צוציקעס איז קיין זאַך ניט שווער. אַמאָליגע יאָהרען האָבען די חכמים געזאָגט: ניט יעדערער, ווער עס וויל נעהמען אַ נאָמען, מעג איהם נעהמען (לא כל הרוצה ליטול את השם יבא ויטול), מיר אין אונזער צייט דאַרפען זאָגען: הלואי וואָלט ניט יעדערער, ווער עס וויל געבען אַ נאָמען, איהם געמעגט געבען!...

און נאָך אַלע זאַכען זענען די צוויי לעצטע פּרנסות גאָר ניט קיין פּרנסות — אפילו פאַר אַ קבצן. מע קען פון זיי קיין נחת נישט האָבען. אויב איך האָב זיי דאָ אריינגעשטעלט אין צעטעל, איז נאָר פון כבוד וועגען, כדי איך זאָל ניט מבי׳ש זיין אַ געוויסען סאָרט קבצנים — שענע יודען.

הכלל, וואָס זאָל איך אייך דערצעהלען? ס׳איז אריבער נאָך עטליכע טעג, רב ישראל איז אוועקגעפאָהרען, די איבעריגע אורחים זענען זיך אויך

צופֿאָהרען, איך בין געבליבען אויף דער סטאַנציע איינער אַליין. וואָס טוט מען, געוואַלד, וואָס טוט מען? ניטאָ קיין געלט, ניטאָ קיין ספרים, ניטאָ קיין פּרנסה, און דער היים געלאָזט אַ ווייב מיט קינדער! פֿאַר׳גנב׳עט זיך צו מיר אין מח אַ מחשבה׳לע: הא, מענדעלע, אפשר פּאַרט ווערען אַ דרשן?! — איך מאַך זיך ניט הערענדיג, ניט וויסענדיג. איך פֿערקאַטשע דעם אַרבעל ביז׳ן עלענבויגען און קראַץ זיך געשמאַק און סטאַרע זיך טראַכטען וועגען אַנדערע זאַכען. געהט אַוועק אַ שטיקעל צייט, און דער איינענער געדאַנק קלינגט שוין ווידער אין מיר, ווי אַ גלעקעלע: גערה, מענדעלע, מאַך ניט קיין שהיות, נעהם זיך צום זאָגען! דרשנים זענען איצט אין דער מאָדע, ס׳איז אַזאַ סחורה, וואָס זי געהט... חאַפּ איך שוין איצ־טיגם מאָל יאָ אַ פּאָר ווערטער פון דעם דאָזיגען געדאַנק. נאָר איך קוויי־קעל זיך, איך ווייס אַליין ניט, וואָס צו טאָן: פון איין זייט האָב איך מורא פאַר׳ן עולם — ווי געהט מען דאָס גלאַט אַרויף אויף אַ בימה און מע זאָגט פאַר אַ נ׳עדה מיט יודען, אַז מ׳האָט עס זינט מע לעבט ניט געפּרובט? היינט איז דרשות טאַקי אַ שטיקעל עבירה אויך, וואָרום מע געוועהנט זיך צעקאַליעטשען די פסוקים און מע ווערט אַ גרויסער עזות־מחוצף־פנים, ניט אויסגערעדט זאָל זיין; פון דער אַנדערער זייט אָבער טראַכט איך מיר: פרנסה! און סע שטעהען מיר פאַר די אויגען גאַנצע קופּקעלעך מטבעות, וואָס מע צאָהלט פאַר אַ דרשה. איך קווינקעל זיך נאָך אַלץ, נאָר עפּעס טאָרעט מיך שוין אינוועניג, סע טראָגט מיך אונטער: גערה, גערה, זאָג און פערדין אַ גראָשען און זאָלען דיין ווייב מיט די קינדער פערשפּאָרען אויס־געהן פאַר הונגער!... סע ווערט מיר קאַלט און וואַרעם אין הארצען און אין אַלע רמ״ח אברים; דאָס פיבער פון דרשנות, די מגפה פון איצטיגען דור, האַפּט מיך אַרום מיט׳ן גאַנצען כח: סע ציהט ביי דער נשמה, סע נאָגט, סע קיצעלט אינוועניג, סע לאָזט ממש ניט רוהען, איך זאָל נאָר, למען השם, ריידען, ווערען אַ מגיד צווישען יודען. סע טרייבט מיך ווי אַ דבוק, ווי אַ שד, רחמנא לצלן. סע דאַכט זיך מיר — איך וועל ניט אויסהאַלטען, אויב איך ווער ניט אַ בעל־דרשן.

איך לעג זיך אַריין אין בעט און בין שטאַרק פערטאָן אין מחשבות, איך זוך, איך נישטער אין מדרשים, אגדות און פסוקים, איך קלויב שטיק־לעך פאַר אַ דרשה, וואָס איך וועל, אם ירצה השם, האַלטען. איך בינד צו־נויף אין מיין געדאַנק איין מאמר מיט׳ן אַנדערען, חאָטש סע קלעבט זיך אָפּט ווי אַנ׳אַרבעס אָן וואַנד. איך האַלט מלחמה מיט די פסוקים: די נאָהענ־טע מאַך איך ווייט, די ווייטע נאָהענט, דאָס קרומע גלייך, דאָס גלייכע קרום, איך צעקאַליעטשע זיי, פערדרעה און פערפּלאָנטע זיי, אַז ס׳איז זיי ניט צו דערקענען; איך שפּרינג פון איין ענין צום אַנדערען, הויב אָן און

לאָז ניט אויס, הויב אָן עפּעס אדערש און האַק אָב אינמיטען; דערווייל איז ביי מיר נאָך אַלץ אָהן אַ טאַלק, אָהן אַ סדר: פּיצעלעך, ברעקעלעך, רמזים, מעהר געמיינט ווי געזאָגט, מעהר לאַטע ווי בגד. דער משל איז זיך אַ משל פאַר זיך, קיין נמשל האָט מען נאָך דערווייל ניט געקאָכט. דער אָנהויב איז דאָ, דעם המשך וועט גאָט געבען. בכלל איז מיר די דרשה געראָטען, — אַ דרשה ווי גאָט האָט געבאָטען, מיט אַלע פּיטשעווקעס, מיט אַלע פּליטער־לעך, מיט הכל בכל מכל כל: אַ סך נאַרישע מליצה, צוגעזאַלצען מיט צביעות און שווינדעל, אַ מאָדנע ליעבשאַפט צום כלל ישראל. צוגעשמאַל־צען מיט חנופה — זיס ווי לאַקריץ, אַ טראָפּען אמת און אַ פּאָס ליגענס, אַלצדינג ווי עס רעדט זיך ביי אונז, ברוך השם... איך ליעג אויפ'ן בעט און האָב הנאה פון מיין דרשה, איך קוועל ממש אָן, איך חזר זי אַלעמאָל איבער, דאָ שטעל איך אריין אַ צאַצקע, דאָרט מאַך איך אַ נייעם קנייטש. אַ נייעם אויפטו, איך האַלט שוין ביי „ובא לציון גואל“ — קומט עמיצער אריין...

דער משרת, האָב איהם אַכציג שוואַרצע יאָהר! וואָס האָט ער צ' מיר...

— רב קרוב, מעות...

— לייזער, איך האָב איצט ניט!

— פעטער, אַז אַ בעל־הבית'טע הייסט, מוז מען געבען.

— איך וויס, לייזער, אוי, וויים איך, פאַר וואָס זאָל איך ניט ווי־סען. איך קען זי גוט, די מרשעת!

לייזער'ס וויזיט האָט איבערגעריסען מיינע מחשבות. איך האָב זיך אויפגעחאַפּט, ווי נאָך אַ חלום. לייזער'ן האָב איך פערדרעהט די צייהן מיט אַ תירוץ: מילא, דאָס, יענץ, איך וועל קריגען, איך וועל איהם געבען מאָר־גען. מיר אַליין איז אָבער זעהר געווען שטאַרק קאַלעמוטנע, וואָרום איך האָב גוט געוואוסט, וואו דער שוך קוועטשט מיר. טראַכט איך מיר, וואָס איז דאָס פאַר אַ פּלאַן — זיצען אין שטוב און ניט טאָן אַ האַנד אין קאַלט וואַסער. נאָר פאַרנעהמען זיך מיט פּוסטע פאַנטאַזיעס, וואָס ניט געשטויגען, ניט געפלויגען? אמעהר לאָמיך בעסער אַרויסגעהן אין מאַרק אריין, אפשר וועט מיר דער אויבערשטער עפּעס צושיקען מיט זיין גרויס חסד.

אַז איהר וועט קומען, רבותי, קיין וואַרשא, און וועט געהן איבער די גאַסען, זאָלט איהר זיך שטאַרק היטען פאַר אַ סכנה. וואָרום אויב אונ־זערע יודעלעך זענען אומעטום, ברוך השם, ריהרעוודיגע נפשות, לויפען,

איילען, יאָגען זיך אויף וואָס די וועלט שטעהט, זענען די וואַרשאַווער יודען מיט זייער ריהרעוודיגקייט גאָר אַנ'אויסנאַהם צווישען אַלע, אַז אַ וואַרשאַ־ווער יוד קומט אייך אָן אַנטקעגען, איז דאָס ווי אַ באָמבע, ווי אַ פייל אויס'ן בויגען. איהר אוספייעט זיך ניט אַרומצוקוקען, ליעגט איהר שוין אויף די שטיינער און קלייבט די צייהן. אַז אַ וואַרשאַווער יוד שנייצט, במחילה, די נאָז און איהר טרעט ניט אָב אָן אַ זייט, זאָלט איהר וויסען, אַז איהר דאַרפט תיכף לויפען אַהיים און וואַשען די קאַפּאָטע מיט זייף... וויפיעל נסים האָט מיר גאָט געהאָלפען יענעם טאָג, וואָס איך בין ניט געוואָרען בלינד און הינקענדיג און ניט געבליבען אָהן זייטען, בשעת איך האָב זיך אַרומגעבלאָנקעט אַ פערטראָגענער אין די גאַסען און געסלעך און מאַרקען, וואו סע זשומעט, קיין עין הרע, ווי אין אַ ביהן־שטאָק, וואו סע לויפען אין טומלען און דרעהען זיך און שטויסען זיך אונזערע יודעלעך אין חאַפּעניש און אייליניש, ווי ביי אַ שרפה. געלעזט האָב איך דוקא יענעם טאָג — ניט צו פערזינדיגען — וואו אַ שטעקען, וואו אַ שטופּ אין זייט, אַ קלאַפּ אין פּלייצע, אַ קולאַק אין בויך, סטוסאַקעס, באַכענציעס אָהן אַ צאָהל, און איך בין מיר אַלץ געגאַנגען ווייטער און מקבל געווען די קלעפּ באהבה. סוף כל סוף האָט זיך מיר געטראָפען אַזאַ מין מעשה: צוויי יודען זענען אויף מיר אָנגעלאָפען אין איין צייט, איינער פון פאָרענט, דער אַנדערער פון הינטען, איינער גיט מיך אַ שטופּ רעכטס, וויפיעל ער האָט נאָר כח, דער אַנדערער שטופּט מיך מיט דעם אייגענעם אימפּעט אויף לינקס מיר ווערט פון אַזאַ אָפּעראַציע אַזש ליכטיג אין די אויגען און איך זעה בחוש, אַז ס'איז אַ נס, וואָס פון אונז אַלע דריי איז ניט געוואָרען איין מאַטשינקע. אָט אַזוי געה איך אויף צרות און פאַל און שטעה אויף און געה ווייטער, ביז מ'האָט מיך צוגעטשעפּעט אָהן מיין ווילען צו אַ גרויסען סקלאַד פון ספרים. וואָס זאָל איך אייך זאָגען? איך האָב טאַקי באַלד דערזעהען בעשייפּערליך, אַז די קלעפּ זענען ניט געווען אומזיסט: פון זיי האָב איך, פערשטעהט איהר מיך, בעקומען מעהר שטאַרקייט, צוליעב זיי האָב איך זיך אָנגענומען מיט האַרץ און געגאַנגען און געטאָן און אויסגעלעזט געוואָרען פון אַ צרה און דער־שלאָגען זיך, וואָס איך האָב געוואָלט. ניט אומזיסט זאָגט די וועלט אַ ווער־טעל: דער הונד פערדיענט דעם שטעקען.

רבותי, איך בין שוין, קיין עין הרע, אַ יוד אַ בן־שבעים און זינט איך בין געקומען צו מיין דעה האָב איך צו טאָן מיט יודישע ספרים, האָב איך געמיינט, אַז איך בין אַ חכם, אַז איך פערשטעה עפּעס אין דעם מסחר, — אָבער אין דעם סקלאַד, וואו איך בין פערגאַנגען, בין איך ערשט געוואויר געוואָרען, אַז איך פערשטעה גאָר ניט, אַז מיין געניטשאַפט איז דאָ ווי אַ טראָפּען אין ים. געוואוסט האָב איך, למשל, אַז ספרים זענען ביי אונז

ניט אי־אי־אי, אז דער עסק פון ספרים איז געשלאָגען: דער פערקויפער ליעגט אין דער ערד און מוז באָרגען דעם קונה נאָך מיט א טאנץ. אָבער אז דער מסחר זאָל זיין אזוי טויט, אז מע זאָל קענען איינקויפען א גאנצען פּאַק ספרים אפילו אָהן א פּרוטה, אָהן א צעבראָכענעם גראָשען, נאָר מיט א וועקסעל און מיט א צוזאָג און מיט א חן צדק, און דערצו נאָך אזא מוכר ספרים ווי איך, וואָס איך בין דאָס ערשטע מאָל אין ווארשא און האָב דאָרט ניט קיין איין בעקאנטען, — זאָגט אייך וואָס איהר ווילט, דערויף האָב איך זיך ניט גערעכט. דעריבער אז ס'איז מיר אויסגעגאנגען געלט, האָב איך געמיינט — פערפאלען, ניטאָ מעהר קיין האָפנונג. וויפיעל מאָל האָב איך זיך אומגעדרעהט איבער די סקלאַדען, געקליבען, כלומר'שט ספרים און זיי אָבגעלעגט אָן א זייט, ווי איינער רעדט: איך וועל נאָך האָבען א ישוב, — ריידען אָבער מיט דעם בעל־הבית פונ'ם סקלאַד האָב איך ניט געהאַט קיין העזה, וואָרום ווי קומט מען דאָס צו א מענשען און מע זאָגט איהם: גיב מיר סחורה און איך וועל דיר געבען א הבטחה אויף שפּעטער, אז דער אויבערשטער וועט שענקען דאָס לעבען? איך האָב, פערשטעהט איהר מיך, גוט געפּיהלט מיין וועהטאָג. נאָר יענעם טאָג איז, ווייזט אויס, שוין פול געוואָרען דער בעכער פון מיינע צרות, דאָס לויפען איבער די גאַסען מיט די קלעפּ מיט די באָכענציעס, וואָס האָבען זיך אויף מיר געַ־שיט, האָבען מיך אזוי צעשרויפט, אז איך האָב שוין אוועקגעוואָרפען בזיון אין א זייט. א צעטראָגענער, א בייזער בין איך אריין אין סקלאַד און אויס־געשאָסען מיט א מאָל:

— רבי עזריאל, די מעשה דערפון, רבי עזריאל, איז אזוי: איך האָב קיין געלט ניט!

— ווער האָט היינטיגע יאָהרען יאָ? — זיפצט רבי עזריאל און נעהמט מיך דורך מיט די אויגען, — שלעכטע געשעפטען, פּאני, געשלאָגען דער מסחר, — זיץ איך און קוק אָן די פיער ווענד!... מע ווייסט דען, מ'שטיינסגעזאָגט, אויף וואָס פאר א וועלט מע לעבט?... היינט בין איך דאָ, מאָרגען... וויים איך, וואו איך וועל מאָרגען זיין?

— איך האָב ניט, מיט וואָס צו בעצאָהלען פאר דער סחורה היינט, רב עזריאל, איהר הערט, וואָס איך זאָג?

— אוי, איך הער, איך הער, רבי מענדעלע, פאר וואָס זאָל איך ניט הערען... נאָר וואָס דען, ס'איז עפּעס א תירוץ? אז א יוד קען ניט צאָהלען, זוכט מען זיך עפּעס אַנ'עצה, טוט מען זיך, ווי זאָגט מען דאָס, אביסעלע א קוועטש, ציהט מען זיך איבער'ן כח... א ברירה האָט מען?... אזוי פיהרט זיך שוין די וועלט, רבי מענדעלע, מע קוועטשט דעם יודען, קוועטשט ער

זיך, קוועטשט ער יענעם, האלט מען אין איין קוועטשען, אין איין שטור־פען... דערויף איז מען דאך יודען...

— גאט איז יודע דעם אמת, רבי עזריאל, אז איך וואלט זיך דוקא געקוועטשט, וויפיעל איך האב כח, די מעשה איז אבער אזוי, רב עזריאל... די מעשה איז, אז סע העלפט ניט קיין קוועטשען זיך! לאזט זשע, רב עזריאל, וועל איך איצט אייך אביסעל א קוועטש טאן...

— אביסעל — פאר וואס ניט, אך, מיט'ן גרעסטען כבוד, רב מענדע־לע! אביסעל זיך לאזען א קוועטש טאן, דהיינו: איצט במזומנים א העלפט, א דריטעל, דאס איבעריגע אין א צייט ארום — דאס ארט מיך דוקא ניט. דערויף בין איך מוסכם. וואס דען זאל מען טאן?... געשעפט איז געשעפט. כל זמן שהנשמה בקרבי, ווי זאגט מען דאס, דארף מען מקיים זיין די מצוה, דארף מען האנדלען און וואנדלען... איך האב געהערט אויף אייך, רב מענדעלע, אז איהר זענט א בטוח, א איש נאמן... קוועטש רב מענדעלע, קוועטש, פאר וואס ניט, אבער קוועטש מיט רחמנות!

— ניין, ניין, רב עזריאל! היינט זאלט איהר מיר ניט ריידען, היינט זאלט איהר מיר בעסער שווייגען, היינט זאלט איהר ניט האבען קיין טענות, ווען איך וועל אייך, במחילה, א קוועטש טאן אריבער דער מאס: קוועטשט זיך אליין, רב עזריעל, קוועטשט זיך איבער די כוחות און שווייגט, ווארום ס'איז היינט שלעכטע צייטען אויף דער וועלט! די היסטאריע פון דער מעשה איז אזוי און אזוי... א שעת הדחק... ניטא קיין מזומנ'ער גראשען.

— און אז דאס איז ניטא... ס'הייסט מזומנים אז סע פעהלט אויס, דארף מען, ווי זאגט מען דאס, זיך דרעהען... אפשר מאכען א חילוף, רב מענדעלע? אפשר האט איהר אויף צו בייטען?

— ניטא!

— וואס זשע דען?

— א חתימה, רב עזריאל. מיין וועקסעלע איז דאס בעסטע ערבות. איהר דארפט ניט האבען קיין בעסערע בעווארעניש.

— איהר זענט טאקי א בטוח, רב מענדעלע, אודאי. פון איין זייט איז דאס אזוי... אז מיר וועלען אבער נעהמען דאס אייגענע פון דער אנ־דערער זייט, וועט זיין ניט אזוי, נאר גאר אנדערש, — שלאגט זיך רב עזריאל מיט דער דעה, און דערביי דרעהט ער מיט די פינגער דעם שפיץ בארד און לעגט איהם אריין אין מויל אריין, נאכדעם שטעלט ער אויף מיר אוים די אויגען און זאגט:

— אזוי, אזוי טוט זיך דאס היינט אויף דער וועלט, ניטא!... נו, שרייבט זשע, רב מענדעלע, שרייבט און חתמ'עט און נעהמט סחורה און זאל זיין אין א גוטער שעה. נאר געדענקט, א ווארט איז א ווארט...

אויף מאָרגען בין איך למזל שוין געפאָהרען אהיים מיט דער באהן. אין וואַגאָן איז דער עולם געזעסען האָפּטעסווייז, יודען בעזונדער, גויים בעזונדער. די יודען ריידען פון מסחר, פון דער בירזשע און דעם תבואה־מאַרק. מע רעדט אויף יודיש, אַלע מיט אמאָל, און ס׳איז, קיין עין הרע, אַ געפּילדער, אַ יריד, ווי דער שטייגער איז. די גויים ריידען אויף זייער לשון, טייל שעפּטשען זיך, טייטען מיט די פינגער, שפּעטען אָב — אויך ווי דער שטייגער איז. אין וואַגאָן איז פינסטער. איך זיץ מיר אין אַ ווינקעל און וויל גאָר ניט וויסען, וואָס סע טוט זיך אַרום מיר. איך זיץ איינער אַליין, איך דערמאָן מיך אַלע מעשים מיט אַלע טרעפּעניזשען, וואָס האָבען זיך מיר געטראָפען די לעצטע טעג, איך בעטאַפּ מיך, צו בין איך טאַקי באמת געבליבען גאַנץ מיט אַלע מיינע אברים, און דאָס האַרץ פרעהט זיך מיר, וואָס פון אַלע צרות מיט שלעק מיט אומגליקען בין איך אַרויס געזונד און שטאַרק און פיהר נאָך דערצו אַ שלל מיט סחורה אויך! אַ דאַנק דיר, גאָטעניו, אַ דאַנק דיר, פאָטער אין הימעל, פאַר דיינע גרויסע נסים, פאַר׳ן דראַפּען זיך אין דער הויך, פאַר׳ן ווינקעלע אויפ׳ן בוידעם, פאַר׳ן נצול ווערען פון אַ סכנה, פאַר די געשעפטען מיט די מסחרים מיט די פרנסות מיט אַלע גרויסע וואונדער און חסדים, וואָס דו האָסט געטאָן מיט אונז, כדי צו גרויסען אונזער נאָמען און צו הייליגען דיין גרויסען, פאַרבטיגען נאָמען, וואָס ווערט גערופען אויף אונז... איך שטעל מיר פאַר מיין אַלטיטשקע, ווי זי וועט זיך דאָס דערפרעהען, ווען זי׳ וועט דערזעהען, אַז איך קום אַריין אין שטוב מיט גאַנצע פּעק ספרים, ווי זי וועט דאָס שיינען, אָנקוועלען פאַר נחת; איך מאָל מיר אויס, ווי איך פּעסטע זיך פאַר איהר, און זי טוט מיין רצון, זי בעדיענט מיך, זי קיכעלט מיך, זי זאָגט מיר מיט אַ ווייך קול: מענדעלע, עס, מענדעלע טרינק, און לאָז דיר וואויל בעקומען! מענדעלע, געה, לעג זיך צו אַביסעל! מענדעלע אהין, מענדעלע אהער!

זיץ איך מיר אַזוי און מאָל מיר אויס בילדער, איינס שענער פונ׳ם אַנדערען. איך גלעט מיר די באָרד, גרייזעל די פּאות און שמייכעל מיט פערגעניגען, — דערהער איך פּלוצלונג אַ געשריי, אַ קללה, אַ זידלעריי: איינער שרייט: אַ רוח אין דיין טאַטענ׳ס טאַטען! נאָכ׳ן טאַטען דערהער איך אַ קנאַק, ווי פון אַ פּאַטש, נאָכ׳ן קנאַק — אַ קוויטש און אַ געלעכטער. וואָס קען דאָס זיין? איך שטעה אויף און געה צו נעהנטער... אַ שענע מעשה, כ׳לעבען.

איך דערזעה רב שמשונ׳ען און אַלבערט האַצעקלאַצער — זיי רייסען זיך, ווי די העהנער! אַרום און אַרום שטעהען יודען און גויים און לאַכען... די מעשה איז געווען אַזוי :

צו א קאמפאניע פאליאקען, גויים, וואס זענען זיך געזעסען בעזונדער אין א ווינקעל, איז געהאט צוגעשטאנען אויך אונזער בעקאנטער אלבערט. געהאלטען האט ער זיך אזוי, אז מ׳האט געקענט מיינען — ער איז טאקי באמת א פאליאק. ער האט גערעדט מיט זיי אויף זייער לשון, אבגעלאכט פון יודען גלייך מיט זיי, חוזק געמאכט און געזאגט ווערטלעך — און געהאט שטארק הנאה. איז אבער א גזרה פון זיין ליעבען נאמען, אז א יודען איז נים בעשערט קיין גוטס, האטש ער מעג זיך אפילו שעמען מיט׳ן נאמען יוד. דארף זיך טרעפען, אז אין אנדערען ווינקעל, פונקט אנטקעגען, איז גראד געזעסען רב שמשון צווישען א קאמפאניע יודען. דערזעהען פון דער ווייטענס אלבערט׳ן, ווי ער זיצט דא אזוי בהרחבה און רעדט און לאכט און איז גאר בגילופין, דארף מסתמא רב שמשון אויפשטעהן פון זיין ארט, צוגעהן צו איהם, דערלאנגען איהם דעם פרעהליכען שלום עליכם, און דוקא אויף יודיש, און דוקא גאנץ ברייטליך, אזוי אז אלע זאלען הערען, און רופט איהם דוקא: רב אברהם, און איז זעהר צופריעדען, וואס מע זעהט זיך געזונטערהייט. דערהערען דאס די פאליאקען, וואונדערן זיי זיך, און אלבערט איז זיך גרייט צו בעגראבען ניין איילען אין דער ערד. וואס זשע טוט ער? מאכט ער זיך הארץ און טוט א געשריי אויף רב שמשונ׳ען, און דוקא אויף פויליש: געה ווייטער, יוד, איך קען דיך נים! — דערהערט דאס רב שמשון, ווערט ער שטארק אין כעס: ס׳טייטש, מע קען איהם שוין גאר ניט! און אזוי ווי ער ווייסט, אז דאס איז א יוד, ניט קיין גוי, וויל ער דאס ניט פערשווייגען, זאגט ער שוין אויף פויליש: אז אך און וועה אי רב פייבוש׳ען, וואס ער האט גאר געהאט אזא בן סורר ומורה! זיין פאטער רב פייבוש, — דערצעהלט ער די פאליאקען אויף א געבראכענער שפראך, — איז געוועזן א פרומער, א כשר׳ער יוד.. ווערט א געלעכטער, א זידלעריי: די פאליאקען לאכען, אונזערע יודען, רב שמשון און אלבערט, זידלען זיך, סע ווערט א רעש, א טומעל, און איינ־מיטען דערינען פאלט א פאטש. ווער ס׳האט איהם געגעבען דער ערשטער, דערינען איז דא חלוקי דעות, די זאך איז נאך נים קלאר עד היום. איינס אבער איז בעוואוסט און זיכער, אזביידע צדדים האבען זיך נאכדעם צע־טיילט מיט די פעטש חלק כחלק. בשעת איך בין צוגעגאנגען נעהנטער איינ־איינעם מיט די איבעריגע יודעלעך, וואס זענען געווען נייגעריג יודעלעך להוט נאך נייעס, איז דאס מחלוקת געווען אין סאמע ברען. דערזעהט מיך רב שמשון און חאפט מיך אן און שלעפט מיך צו די פאליאקען:

— אט האט איהר, פאנאוויע, אנ׳עדות! זאגט איהר, רב מענדעלע, איהר קענט אט דעם רב פייביש׳עס זוהן? איך פערלאז זיך אויף אייך.

— אודאי קען איך איהם, רב שמשון! פאר וואס ניט? איך קען איהם אזוי, פונקט ווי איך קען אייך! — ענטפער איך איהם בקול רם, און אין

הארצען טראכט איך מיר: הלואי וואָלט אייךביידע געקענט דער שווארץ יאָהר.. איהר זענט, כ'לעבען, ווערט איינס דאָס אַנדערע.

— מיאוס'ער זשיד, פּרא אדם! — שרייט אויף מיר דער דייטש.

איך דערהער אזא חוצפּה, עפען איך אַ מויל און הויב אָן ריידען מיט אמאָל אויף דריי לשונות — פּויליש, רוסיש און יודיש. איך זאָג מיר רוהיג, געלאַסען:

— פּאַנאָוויע! ווי מע שמועסט, איז ציבעלעס און קנאָבעל אַ נ י ע ד ו ת ב י ה ו ס ף, אַז...

נאָך איך האָב נאָך ניט דערערעדט ביז'ן סוף, בלייבט דער צוג שטעהען ביי עפּעס אַ סטאַנציע, די קאָנדוקטאָרען קומען אריין און שלעפּען אַוועק אי רב שמשון'ען, אי אַלבערט'ן צום נאטשאלניק סטאַנציע — בעשטראָפען זיי פאַר אַ סקאַנדאַל אין אַנ'עפענטליכען אָרט. דער צוג פאָהרט ווייטער, און מיין עדות־זאָגען וועגען רב אברהם בר' פייבוש איז טאַקי אַזוי געבליבען ניט דערזאָגט — ד ע ר ו ו י י ל ע, ביז די צייט וועט קומען...

די פּאָליאַקען זיצען און שמועסען וועגען דעם ענין און טייטשען איהם אוים אויף פערשיעדענע אופנים: מע לערענט אָב פונ'ם פּרט אויפ'ן כלל, מען פערגלייכט, מע אמפּערט זיך. איינער, דער עלסטער פון זיי, וואָס האָט געשוויעגען די גאַנצע צייט, רופט זיך אָן:

— מיינע הערען! אויף מיין וואָרט, איך האָב בעסער ליעב די פראָס־טע יודען פונ'ם פאָלק, וואָס זענען מקיים זייער חוב פאַר גאָט, וואָס חקירה'ן ניט און פאַלשעווען ניט און לעבען, ווי זייערע טאַטעס און זיידעס האָבען געלעבט. און איך קען ניט איבערטראָגען די, וואָס פערשטעלען זיך פאַר פּאָליאַקען, מאַכען זיך מיאוס, שעמען זיך מיט זייער יודישקייט, טוען אָן אַלערליי מאַסקעס, ווילען נאָכמאַכען אַנדערע פעלקער, כדי מ'זאָל ניט דער־קענען, אַז זיי זענען יודען.

פיעלע פון די פּאָליאַקען זענען מיט איהם מסכים, און צוויי דערצעה־לען אזא מין מעשה:

— געווען איינער אַ יודישער פּאָליאַק, וואָס איז געזעסען מיט אונז אין קלוב און געשפּיעלט אין קאָרטען, האָבען מיר גראָד געדאַרפט וויסען, ווען עס געפאַלט דאָס יאָהר סוכות ביי יודען, פרעגען מיר איהם. זאָלט איהר געווען זעהען, ווי דער איז געוואָרען אַ פערביטענער, אַקוראַט ווי מיר האָבען איהם באמת אָנגעריהרט זיין האָנאָר, און ווי ער האָט אונז געענטפערט מיט אַ מין גאוה און אַ אומצופריעדענקייט: פרעגט אייך, פּאַנאָוויע, אַנ'אַנדערן, איך ווייס ניט פון קיין יודישע ימים־טובים. — אויף עהרען־וואָרט, פּאַ־נאָוויע, דאָס איז אַ פאַקט. נו, הייגט ווי קען מען איהם שעצען, אַז ביי איהם

אליין איז ניטאָ קיין כבוד צו זיינע הייליגקייטען, צו זיינע ימים־טובים, צו זיין אייגענער פערזאָן ?

אזוי רײדען צווישען זיך די פּאַליאַקען, ווער סע ליובט, ווער סע זי־דעלט די יודען, ביז זיי ווערען בּיסלעכווייז אַנטשלאָפען. איך גיב זיי אָפּט אָב דעם געדעכט, און איך שעם זיך פאר זיך אליין, און דאָס הארץ טוט מיר וועה. א גאַנצע נאַכט בין איך אזוי געזעסען אין יסורים, געזיפצט, געזאָרגט זיך, ניט געשלאָפען און ניט געוואַכט. אין קאָפּ האָבען זיך מיר געדרעהט אַלער־ליי בילדער, ווי אזוי סע לעבען אונזערע יודעלעך, ווי אזוי זיי פיהרען זיך, ווי אזוי זיי שטעהען און געהען, ווען זיי האָבען ליעב, ווען זיי האָבען פיינט, ווען זיי יאָגען און ווען זיי געבען אָב כבוד, אלע משונה ווילדע מעשים זייערע בישיבה של מעלה ובישיבה של מטה. איין בילד שלעפּט נאָך אין קאָפּ דאָס צווייטע, איין געדאַנק דערוועקט אַנדערע געדאַנקען. סע מאָלט זיך מיר אזוינס, וואָס ס'איז געווען פריהער מיט הונדערט יאָהרען, וואָס ס'איז געשעהן אין עק וועלט. איך דערמאָן זיך, אגב, איין מעשה, וואָס איך האָב געהערט נאָך קינדווייז פון איינעם א שרייבער, א געלעהרענטען נאַטור־פאָר־שער. ער האָט מיר דערצעהלט, וואָס הומבאָלד האָט געזעהען ביי א טייך ערגעץ אין די ווייטע מדינות.

דער טייך האָט א טבע, אז פון צייט צו צייט געהט ער ארויס פון די ברעגען און פערפלייצט דאָס לאַנד ארום זיך. ווען ס'הויבּט זיך אָן א גע־וויסער, פאַלט א גרויסע אימה אויף אלע חיות און אל בהמות ארום און ארום. א מהומה, א געלאַף ! דעמאָלט פערגעסט מען די שנאה, דעם האַס, מע בייסט זיך ניט, מע רייסט זיך ניט, מע טראַכט נאָר וועגען שלום און פריינד־שאַפט. איין חיה העלפט דער אנדערער, דער שטאַרקער האַלט אונטער דעם שוואַכען: א וואָלף ראַטעוועט א שאָף, א בער ציהט ארויס פונ'ם וואַסער א ציקעלע. סע געהען אינאיינעם גרויסע חיות און קליינע, ווילדע און היימישע, פרידליכע און בייזע; מע געהט, מע לויפט, מע קומט צו א הויכען באַרג און מע בלייבט דאָרט די גאַנצע צייט, ביז די צרה וועט אריבער. — אז סע פאַלט אָבער אָב דאָס וואַסער, סע ווערט א ביסעל גראַמער, אהא! איז שוין ווידער אויס ברודערשאַפט, אויס ליעבשאַפט! דער לייב קריצט מיט די צייהן, דער לעמפּערט רעוועט, ברומט, דער טיגער שטרעקט אויס זיינע נע־געל, ווער סע קען נאָר בעפאַלט דעם שוואַכען און פערצוקט, די שעפּעלעך, די ציגעלעך לאָזען זיך לויפען. ס'איז אויף זיי א פּחד, א צרה, אנ'אומגליק. ראַטעווען קען זיך נאָר דער, וואָס אז גרינג אויף די פיס. מע צעלויפט זיך אין אלע זייטען...

גאָט, האָב רחמנות אויף דיין פאָלק ישראל! — — —

גאנץ פריה האט דער צוג זיך אבגעשטעלט נעבען א גרויסען וואקזאל, פון וואנען סע שיידען זיך די וועגען: איינער נעהמט זיך קיין ג ל ו פ ס ק, דער אנדערער קיין ב ו י ב ע ר י ק. דורכ'ן פענסטער פונ'ם וואגאן האב איך געקוקט אויף די גרויסע מחנות דורכפאהרער, וואס דרעהען זיך דארט ארום איבער דער פלאטפארמע, צווישען זיי א היבש ביסעל יודען, גרויסע, און קליינע, מאגערע, דארע, קווארע, איינגעבויגענע, איינגעהויקערטע, פינ־סטערע, חשכ'דיגע, וויסטע — א געמיש פון כל המינים. אלע לויפען מיט גרויס אימפעט, מע שלעפט קלומקעס, בעטגעוואנט, אלערליי בעבעכעס. מע רעדט, מע שרייט, מע פילדערט, ס'איז א יריד, א טאראראם, ממש טויב צו ווערען. צווישען אט דעם גרויסען עולם דערזעה איך פלוצים — טרעפט וועמען? שמואל דעם קליינעם! ער האלט זיין שותף יעקב פאר דער פאלע, שפרינגט איהם אין פנים אריין, רעדט עפעס מיט גרויס היץ גיסט אויף איהם אויס זיין בייז מזל. איך גיב א געשריי: שמואל! — איינמאל, דאס אנדערע מאל, ער הערט ניט. איך שריי דאס דריטע מאל — ער דרעהט זיך אויס און דערקענט מיך.

— יעקב, יעקב! — שרייט ער, און שלעפט דעם שותף פאר פאלע, — זעה נאר, זעה, אט איז דאך רב מענדעלע אין וואגאן, רב מענדעלע, יענער פונ'ם בוידעם, רב מענדעלע, וואס איז געזעסען מיט אונז דארט אין עק בוידעם!... שלום עליכם, רב מענדעלע! — שרייט ער און לויפט צו מיין פענסטער.

— שלום עליכם, רבי שמואל! רבי יעקב! — ענטפער איך זיי פון דער וויטען. נאר איידער זיי לויפען צו, טוט מען א קלונג, א פייף, און דער צוג ריהרט זיך פונ'ם ארט.

— וואס מאכט איהר, ברידער?... וואס הערט זיך עפעס?... וואוהין פאהרט איהר?... שריי איך צו זיי מיט'ן גאנצען כח און שטרעק צו זיי די הענד.

און יענע לויפען, איילען שרייען עפעס, נאר איך פערשטעה שוין ניט, וואס... איך הער נאר געשרייען הינטער זיך, ניט קיין קלארע ווערטער, און דער סוף לאזט זיך — אין בויבעררעק!...

(ענדע).

א סגולה צו די יודישע צרות

אַ סגולה צו די יודישע צרות

הקדמה.

די גרויסע צרות און וועהטאָגען, וואָס אונז שלימזלדיגע יודען האָט אין דער לעצטער צייט געטראָפען, זענען אַזוי שרעקליך פיל און אַזוי נאָך פריש, אַז מיר קענען נישט און מען פאַרשפּאַרט עס אויך טאַקי זיי אַרויס־צוזאָגען. נישט אין דעם לאַנגען צעטעל פון די אַלטע רדיפות, מכות און פורעניות, מיט וועלכע מיר זענען אין די לעצטע עטליכע יאָהר געשטראָפט געוואָרען, נישט אין דעם געניימיגען מיר זיך אַצינד, בשעת מיר פיהלען נאָך די גרויסע שמאַרצען, אָנקוקענדיג די וואונדען אַליין מיט אונזערע אויגען, בשעת זיי טהוען נאָך שטאַרק וועה און צופּען ביים האַרצען. אַ דאָק־טאָר בעדאַרפען מיר האָבען, אַ מומחה, וואָס זאָל אונז געבען עפּיס אַ סגולה צו אונזערע וועהטיגען. נאָר וואו האָט איהר געזעהן אַ יודען בשעת ער פאַלט, לא עליכם, אויף די קריזשעס, אָדער עס חאַפּט איהם, נעבעך, אָן ציינוועהטיג, וואָס ער זאָל אויף זיך נישט האָבען גוזמות יודען בעלי־רחמים׳ס, איטליכער בעזונדער, מיט זיינע באַבסקע מיטעל? נישקשה, כ׳לעבען, מיט צרות, מיט בעלי־רחמים׳ס, בעלי־טובות און עצות־געבער האָבען מיר יודען, ברוך־השם, נישט צוזאָרגען. אַ סך אַזעלכע האָבען אין דער לעצטער צייט זיך אָנגעוואָרפען צוזיין אונזערע רופאים און אָנגעדולט אַ קאָפּ מיט זייערע בויך־סברות. דאַרונטער זענען געווען שפּרעכערס, וואָס ריידען בויבעריק, טאַטעריש, און געוואָלט היילען דורך דעם סיטרא אחרא. ווידער אַנדערע זענען פאַרקראָכען דוקא גאָר ווייט אין דער קדושה און גע־זוכט די רפואה גאָר אין אַ היילינען יהי רצון, אין אשר יצר זאָגען הונדערט מאָל אין טאָג, שונאים אויף צוזעטצעניש. ווייטער נאָך אַזעלכע, וואָס האָ־בען אָנגעשריבען אַלערליי קמיעות, אַזוינע מיני סטאַטייקעס, אין וועלכע ס׳איז אויסגעמישט בוידעם־פּאַלעצע, סיור־בור ומפליא לעשות, וואָס אומ־מעגליך צו פאַרשטעהן דאָרט אַ וואָרט. אויך אַזעלכע, וואָס האָבען געהייסען

אויף גאַטס בעראָטה געהן מיט פאַרמאַכטע אויגען, מיט אַ ניכטערען מאָגען און לעדיגע קעשענעס מעסטען פעלד דאָרט אויף דער מערת־המכפלה. די אַלע דאָזיגע לייט האָבען זיך בעמיהט, עס פאַרשטעהט זיך, אומזיסט, ווי די אַלע אַנדערע בעלי־טובות, וואָס מיינען, חלילה, נישט קיין גראָשען, נאָר גלאַט לשם מצוה, פאַר גרויס ליבשאַפט צו אונז. און זייער ליבשאַפט האָט דערווייל געקאָסט טהייער, יודען אַנגעמאַכט שאָדען אפשר גאָר אַזוי פיל ווי פון יענע די גרויסע שנאה. בעהיט זאָל מען ווערען, רבונו של עולם, פאַר אַ שרפה, אָבער נאָך מעהר פון נאַרישע מבולבלע גוטע פריינד, וואָס חאַ־פען זיך ראַטעווען, גלאַט חאַפ־לאַפ, און טהוען דערביי גרויסען שאָדען אָן. שוין דרינגען אַליין בעשטעהט דער גרויסער שאָדען פון יענע לייט, וואָס מיט זייער רעש און געפילדער האָבען זיי פאַרטויבט די אויערען, נישט צוהאָרכען רעכט די מיטעל, וועלכע קליגערע, געניטערע פון זיי האָבען גע־געבען, האַלטענדיג דאָס קראַנקע יודישע פאָלק ביים דפק און אויסהערענ־דיג איהם גוט דאָס האַרץ. ערשט אַצינד, אַז די בייזע מהומה האָט אַביסעל זיך איבערגענומען און די סגולות פון יענע מיני פאַרשוינען האָבען זיך דערוויזען פאַר נאַריש, אָהן אַ שום האַפט, האָט מען אַנגעהויבען זיך רעכט ארומצוקוקען צו בעטראַכטען מיט ישוב־הדעת די יודישע שלעכטע לאַגע און צוצוהערען זיך מיט קאָפּ, וואָס מבינים, פאַרשטענדיגע מענשען זאָגען.

זעהר פיל ספרים און אַרטיקלען זענען אַצינד ביי אונז דאָ פון גע־לעהרענטע מענשען איבער דער איצטיגער יודישער לאַגע. צווישען זיי גע־פינט זיך איין ספר, אויף וועלכען ס'איז נישטאָ דער נאָמען פונ'ם מחבר, געשריבען אין דער דייטשער שפּראַכע — אין דעם לשון פון יענעם פאָלק, וואָס ווי גרויס ס'איז די חכמה, די מענשליכקייט פון זיינע בעריהמטע גע־לעהרענטע, אַזוי גרויס איך אויך די נאַרישקייט און די רשעות פון זיינע ווילדע טפּשים. דאָרט אין דעם לאַנד האָט, מיט עטליכע יאָהר צוריק, זיך צום ערשטען געוויזען די מיאוסע קרעטץ אונטער דעם ניי־מאָדערנעם נאָמען „אַנטיסעמיטיזם". דאָס הייסט אויף אונזער לשון: די שנאה צו יודען, וואָס שטאַמען פון דער גזע שם. גלייך ווי היינט וואָלט זיך בעשיינפערליך דער־וויזען, אַז שם האָט אין דער תבה געהאַלטען אַ שיינקיל און געגעבען יפת'ן מיט זיינע בהמות דאָרט געלט אויף פּראָצענט. — פון דאָרט האָט דער עיפּוש זיך פאַרטראָגען אין אַנדערע מדינות און דאָס מיאוסע קרעטציל האָט זיך געזעטצט ביי מענשען מיט שלאַפע קעפּלעך, נישט־דאַ־געדאַכט, וואָס מחמת דעם האָט זיי, נעבעך, זיך איבערגעקעהרט דער מוח, זיי האָבען גערעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער, געאַרבייט מעשים און אָנגעטאָן גרוי־סע צרות, אַליין נישט צו וויסען אויף וואָס פאַר אַ וועלט זיי זענען.

אַט דעם דאָזיגען ספר, וואָס איז געשריבען אין דער דייטשער שפּראַ־

כע וועגען דעם כלל יודען אויף דער גאנצער וועלט און וואס איז אפגעדרוקט געוואָרען אין יאָהר 1882 אין בערלין, אין דעם רעכטען אָרט, וואו דער גאַנ־צער צאָרען פונ׳ם „אנטיסעמיטיזם" איז אויף יודען אזוי גרויס, גיבען מיר היינט ארויס אויף אונזער יודישען לשון מיט דעם נאָמען „א סגולה צו די יודישע צרות". דאָס ספריל איז, ווי איהר זעהט, רבותי, נישט גרויס, נאָר אין איהם זענען נכלל כמעט אלע געדאנקען און די הויפּטזאכען, וואָס אין די אלע איבעריגע ספרים פון דעם מין. דאָס איז דער ברונען, פון וועלכען די אנדערע געלעהרענטע מחברים האָבען דערנאָך געשעפּט געדאנקען, צו־געבענדיג צו זיי נאָר נאָך אביסעל געווירץ און זיי אויסגעלעגט אויף אנ־דערע טעלערלעך. דעריבער, אז מען לייענט דעם דאָזיגען ספריל, קען מען שוין מיט איהם יוצא זיין פונ׳ם לייענען נאָך תרי"ג אנדערע זיין גלייכען. און דאָס אייגענטליך איז אונזער גאנצער כיוון, בעקאנט צומאכען דעם עולם מיט דעם גאנצען היינטיגען שמועס איבער יודען און צוגלייך טאקי איהם פארשפּאָרען די מיה, אָבצולייענען זיך ווי א פויק מיט א סך ספרים, וואָס אין תוך אריין זענען זיי אלע גלייך, ווי איין מאמע האָט זיי געהאט.

א גרויסע מעלה האָט דער דאָזיגער ספר, וואָס דער מחבר זיינער רעדט בנימוסדיג. ער ריהרט נישט אָן, חלילה, מיט א גראָב וואָרט קיינעם, אפילו די שונאי ישראל אדרבה ער איז אויף זיי נאָך מלמד זכות דערמיט, וואָס דער גאנצער האס זייערער איז, כפי ער דערווייזט, שוין אזוי אין דעם מענ־שענס טבע. און אינגאנצען שולדיג איז נאָר דאָס יודישע פינסטערע מזל. אין דעם מוסר זיינעם צו די יודישע קינדער זעהט מען ארויס, ווי שטארק ליב ער האָט זיי. זיינע רייד גיסען זיך ווי א שטראָם טיף פונ׳ם הארצען. דאָס זענען הייסע פלאם־פייערדיגע געפיהלען, וואָס צונויפ־שטיקענדיג זיך אינאיינעם רייסען זיי זיך מיט אימפּעט ארויס פון דער ברוסט און שיטען זיך איהם ווי פערעל אויס דעם מויל. זיין וואָרט איז פייער און ברעכט ווי א האמער א הארץ אפילו ווי א שטיין. שילדערט ער די יודישע לאגע, הערט מען עפּיס א ביטערען קרעכצען, א זיפצען, וואָס חאפּט אָן ביי דער נשמה, און גיט ער זיך א מאָל א בייזער, פיהלט מען, ווי עס טריפט איהם דערביי דאָס בלוט. אויף איהם איז געזאָגט געוואָרען דער פסוק: „נאמנים פצעי אוהב ונעתרות נשיקות שונא", וואָס איז גלייך מיט דעם עולם׳ס א ווערטיל: „בעסער פון א גראַטש א פאטש, איידער פון א נאר א קיש".

אצינד, רבותי, זייט מיר געזונט און לייענט, זייט מוחל, דעם ספר אליין!

אַ סגולה צו די יודישע צרות

פון אייביגע יאָהרען ביז אויף היינטיגען טאָג דולט זיך אַ גאַנצע וועלט מענשען דעם קאָפּ מיט אַ שטאַרק אַלטע רעטהעניש, אַלץ מכח יודען. און הגם דאָס איז פאַר זייערע ציין שוועד אײנצובייסען ווי תרגום, דאָך ווערד מען עד היום נישט מיד צוברעכען זיך דארויף דעם מוח. די מעשה דערפון איז, ווייל דאָס איז נישט ווי אין לעהרנען עפּיס אַ הארב שטיקעל, וואָס איז גלאַט אַזוי זיך, נאָר אויף אַ בעלגות, כדאי צוטרעפען דערפון דעם פּשט, אלא וואָס דען, דאָס קומט טאָג־טעגליך פאַר פּשוט אין דעם לעבען, עס זעטצט אין קאָפּ און שרייעט: געוואַלד אַ ענטפער, אַ עק, אַ סוף לאָז עס האָבען!

נאָך אונזער חות־דעת ליגט דאָס גאַנצע פּינטעלע פון דער שווערער הלכה אָט דרינען: די יודישע קינדער זענען צווישען די אַלע אומות העולם עפּיס אַזאַ מין ווילד פרעמדער טייל, וואָס קיינער פון זיי קען איהם נישט פאַרדייעין, ווערען מיט איהם איין לייב און לעבען און דאריבער טאַקי קען איהם אויך קיינער נישט ליידען.

די גאַנצע הסברא שטעקט דרינען טאַקי, ווי געפינט מען עפּיס אַ מיטעל דעם דאָזיגען פרעמדען טייל אריינצודרעהען אין דעם קניפּעל פון די אַלע אנדערע פעלקער אַזוי, אַז יענע אַלע שאלות־תשובות מכח יודען זאָלען אויף אייביג שוין אויפהערען.

דערמיט אָבער זענען מיר נישט אויסען אַזוי ווייט, אַז עס זאָל אַ סברא זיין צומאַכען גאָר אַ גאַנץ גוט לעבען, טאַקי וואָס גוט הייסט, ניין. אַזעלכעס איז צווישען די אַלע אומות־העולם אַליין נאָך קיינמאָל נישט געווען. דאָס קען ערשט זיין אפשר אַ מאָל העט העט, אַז משיח וועט, אם ירצה השם, קומען, און לעת־עתה מוזען די פעלקער פון דער וועלט זיך בעגניגען מיט דעם מדובר צווישען זיך, האָטש ווי־ס'איז איינס מיט דעם אנדערען צוהויזען. דאָס מחותנשאַפט ווערד ביי זיי געשלאָסען מיט געשריבענע

תנאים דורך די גלייכע פּראָוועס, וואָס איטליכער צד גיט אין נדן אריין, דורך אַ געוויסע גלייכקייט אין דעם גראַד זייערען, דורך דעם רעכט האָבען פון איינעם, צופּאָדערען פאַר זיך עפּיס אַזוי־גוט ווי יענער, דורכדעם, וואָס קיינער פון זיי לאָזט זיך נישט שפּייען אין דער קאַשע און מוזען איינער פאַר דעם אַנדערען דרך־ארץ האָבען. זאָגט־זשע אדרבה, רבותי, וואָס פאַר אַ נאָהענטע שייכות קען זיין צווישען די אומות העולם און יודישע קינדער, אַז פון אַזאַ גלייכקייט אין דער לאַגע זייערער איז נישטאָ, משטיינס־געזאָגט, אפילו קיין זכר. דאָ פעהלט דאָך דער גאַנצער חיזוק פונ׳ם דרך־ארץ האָבען איינער פאַר דעם אַנדערען, וואָס ווערד ביי צוויי גלייכע צדדים אָבגעהיט דורך זייערע גלייכע פּראָוועס און צווישען זיך אָבגעמאַכטע תנאים. ערשט דענסטמאָל, ווען יודישע קינדער וועלען ווערען לייט גלייך אַלע אַנדערע פעלקער און עס וועט שוין זיין אויף וואָס דער דרך־ארץ פאַר זיי זאָל זיך האַלטען, דענסטמאָל, זעהט איהר, וועט מען קענען זאָגען: געפּטר׳ט, ברוך־השם, די אַלע שאלות־תשובות איבער יודען.

נאָר אויף אַזאַ גוטען שטאַנד, אין וועלכען יודען זענען פאַרצייטענס געשטאַנען, איז בעונותינו־הרבים נאָך אַזוי לאַנג צו וואַרטען, אַז אַצינד ביי היינטיגע שלעכטע אומשטענדען און ביטערע צרות קען, דאַכט זיך, גאָר נישט געמאָהלט זיין אין דער וועלט, יודישע קינדער אריינצושטעלען ווי אַ פאָלק אין איין צעטעל מיט די אַלע אַנדערע פעלקער. יודען פעהלט דערצו דער רעכטער עיקר פון יענע נייטיגע זאַכען, וואָס נאָר דורך זיי ווייסט מען, אַז מען איז אַ פאָלק אויף דער וועלט. יודען האָבען נישט אַליין פאַר זיך זייער אייגען לעבען, וואָס קען אַנדערש גאָר נישט געמאָהלט זיין סיידען דורך איין לשון, דורך איין שטייגער פיהרונג און דורך איין מקום מנוחה, דאָס אַלסדינג וואָס יודען געהט אָפּ. זיי זענען צוזייעט, צושפּרייט, געפינען זיך אומעטום אין דער וועלט און זענען ערגיץ נישט אין דער היים. די אומות העולם האָבען קיינמאָל קיין עסקים נישט מיט אַ יודיש פאָלק, נאָר גלאַט עפּיס מיט יודען. אין איטליכער אומה ליגט אויסגעדרוקט עפּיס אַ מין אייגענער כאַראַקטער, וואָס נעהמט זיך פונ׳ם זיטצען ווי ברידער איינאיינעם אויף איין לאַנד. אַזוינס איז ביי יודען נישטאָ און גאָר אומ־מעגליך טאַקי, אַז אין גלות זאָל אַזוינס קענען אָנהויבען ביי זיי צוזיין. מיט זייער טבע בכלל זיך צושטרעקען נאָך די עקען און נאָכטאָן אַנדערע, איז זיי נאָך מעהר גרינגער געוועזן אָנצונעהמען ווילד־פרעמדע מאַנירען פון יענע אומות, צווישען וועלכע זיי איז אויסגעקומען פאַרוואָרפען צו ווערען. און זעהר אָפט האָבען זיי אפילו זיך אויסגעטאָן פונ׳ם יודישקייט נאָר יענע צוליעב. האָבען זיי איינגערעדט עפּיס זאַכענישען, אַז נאַציעס איז לאו דווקא, מען בעדאַרף געהערען דער גאַנצער וועלט, עפּיס אַזוינס,

וואָס איז נישט ניחא געווען אַנדערע, און זיך אַליין איז אויך גאָרנישט דערפון אַרויסגעקומען. זיי האָבען מוחל געווען דעם כבוד פון אַ אייגענער יודישער נאַציע אין דער האָפנונג צו ווערען דורך דעם נפש אחת מיט די אַנדערע אומות העולם. אָבער דברים בטלים, ערגיץ נאָך איז זיי נישט געראָטען, גערעכענט צוזיין ביי יענע פון די אומות, מיט וועלכע זיי וואוינען, פאַר אמת'ע אייגענע גלייך מיט זיך.

נאָר מעהר פון אַלע זאַכען, וואָס האַלט די יודען אָפּ זיך אָנטאָן אַ כח צו ווערען אַליין פאַר זיך אַ אומה, איז דאָס צו אַלע צרות, וואָס זי הייבט זיך גאָר נישט אָן אַזעלכס צוגלוסטען. ניין, נאָך ערגער, לאַ־די וואָס אַזעלכס הייבט זיך זיי נישט אָן צוגלוסטען, לייגענען זיי נאָך אָפּ אפילו דאָס רעכט, אַז אַזעלכס זאָל זיך גאָר מעגען גלוסטען. ביי'ם קראַנקען מענשען איז דאָס נישט וועלען איהם זיך עסען און טרינקען זעהר נישט קיין גוטער סימן. נישט תמיד געראָט עס פון אַזאַ שלאַפקייט דעם חולה אויסצוהיילע און מאַכען איהם אַפּעטיט. און ווען אפילו עס געראָט יאָ, איז דאָך די שאלה, אויב דער קראַנקער וועט זיין ביכולת צופאַרנעהמען די שפּייז, צו וועלכע ער האָט חשק. אָט אין דער דאָזיגער מיאוסער לאַגע פון אַזאַ קראַנקען געפינען זיך די יודען.

הכלל דערפון איז, אַז אין דעם, וואָס די יודען זענען ביי די פעלקער נישט פאַררעכענט פאַר אַ אומה, ליגט צום גרעסטען טייל דער סוד פון זייערע ביטערע צרות, וואָס אָהן אַ ברעג. דאָס אָנגעהערען זיך נאָר אַליין מיט דעם דאָזיגען אונגליקליכען פאָלק איז שוין אַ גענוגער פלעק, מיאוס ביי פרעמדע און אַ וועהטיג פאַר זיך אַליין, און דאָס איז טאַקי גאַנץ על פי דרך הטבע, אַזוי איז דעם מענשענס נאַטור.

צווישען די אַלע אומות־העולם, וואָס ל ע ב ע ן אויף דער וועלט, שטעהען די יודען ווי אַ טויטע אומה, וואָס איז שוין גאַנץ לאַנג אָפּגעשטאָרבען. ווי באַלד זיי האָבען פאַרלוירען זייער פאָטערלאַנד, האָבען זיי אויפגעהערט פאַר זיך אַליין אַ קיום צוהאָבען און אויף זיי איז געקומען אַ אויסקריכעניש, אויספּאַלעניש, וואָס אַזוינס קען ביי אַ לעבעדיגען נפש, געזונט אויף אַלע אברים, גאָר נישט געמאָהלט זיין. טיטוס הרשע איז געווען זייער מלאך־המות, וואָס האָט דעם טויט געמאַכט זייער לאַנד. נאָר אָבער נאָכ'ן צונעהמען ביי דעם יודישען פאָלק דאָס לאַנד — זיין לייב און לעבען — איז פון איהם דאָך נישט געוואָרען אַ סך־הכל, אינגאַנצען תל און עס הערט נישט אויף אין אַ גייסטיגער געשטאַלט צוזיין אַ אומה אויף דער וועלט. יודען זענען טאַקי נישט איין גוף, אָבער דאָך א י י ן נשמה. די וועלט זעהט אין דעם דאָזיגען פאָלק דאָס מורא־נפש'דיגע געשטאַלט פון אַ מת, וואָס געהט צווישען לעבעדיגע מענשען אַרום אויפ'ן עולם־התועה. אַזאַ

מין נפש, א מת פון יענער וועלט, וואס גערט ארום צו חלום א טויט פאלק אהן א לאנד, אהן לייב און לעבען, אהן האק און פאק, וואס איז מעהר נישט פון דעם עולם און בלאנקעט זיך דאך צווישען לעבעדיגע מענשען ארום; אזא מין ווילד פארזעהעניש, וואס זיין גלייכען איז נאך אין די קראניקעס נישט געווען און וועט נישט זיין, מוז טאקי מאכען אויך א משונה ווילדען רושם אין דעם כח המדמה פון די אומות. וואס קוקען עס אן. און ווען די מורא פאר רוחות איז דעם מענשען איינגעווארצעלט פון געבוירען אן, היינט וואס איז פאר חידושים, אויב עס געהט אויך איבער אזא גרויל אנקוקענדיג דאס דאזיגע פאלק, וואס נישט טויט נישט לעבעדיג און זעהט אויס ווי א רוח? נאך העט העט פון הונדערטער יאהרען אן איז אין דור דורות בירושה איבערגעגאנגען א שרעקליך-חלשות'דיג־ מיאוס געפיהל פאר דעם דאזיגען רוח אין דעם געשטאלט פון א יודען. דורכדעם איז ער פון דער לכתחילה אן געווארען אפגעפסלט און דערפון ווידער מיט נאך אנ־דערע צוגעלעגטע קנייטלעך, פון וועלכע מיר וועלען דא ווייטער אביסעל שמועסען, האט זיך גענומען די ווילדע שנאה צו יודען.

די שנאה צו יודען האט זיך איינגעווארצעלט ביי די אומות העולם גלייך מיט אלע אנדערע מאנקאליעס, שגעונין, שטות'ערייען און נארישע איינגערעדטע זאכען. זי איז א מין מאנקאליע, ווי דאס שרעקען-זיך פאר רוחות, נישט-דא-געדאכט, און איז איינגעגעסען טיף אין דער נשמה. ווי באלד זי איז איינגעגעסען אין דער זייל, געהט זי איבער בירושה, און ווי באלד זי איז נאך דערצו אויך א אלטע פארשלעפטע קריינק זינט א פאר טויזענט יאהר, איז שוין צו איהר נישטא קיין שום רפואה. קורץ גערעדט, דער יוד האט א פנים ווי א רוח, א שווארץ יאהר, און פאר א רוח גרוילט דאס לייב, מען שפייעט זיבען מאל אויס דערמאהנענדיג זיך נאר אין איהם. דאריבער איז אזוי דער גרויסער האס אקעגען דעם יודישען פאלק, אויף וועלכען מען שפייעט קלעק נאך איידער מען קען איהם רעכט, און מחמת דעם מאכט מען דעם גאנצען כלל ישראל חייב פאר אמת'ע אדער פאלשע חטאים פון עטליכע יחידים, מחמת דעם גלויבט מען אויף איהם אלסדינג, וואס נישט געשטויגען, נישט געפלויגען, און מען שטעלט איהם ארוים א פייג גלייך אין פנים אריין.

נאך פון גאנץ לאנג האבען מענשען, אי קלאמפערשט גוטע פריינד אי שונאים, זיך געפריווט צודערקלעהרען אדער גערעכט צוגעבען דעם האס אקעגען יודען דורך אלערליי מיני חטאים, מיט וועלכע זיי האבען די יודישע קינדער בעשולדיגט. יודען זענען שולדיג אין עלילת-דם, האבען סם גע־ווארפען אין די ברונענס, נעהמען גרויס פראצענט אהן א שיעור און נאגען ביי פויערען אויס דעם מארך פון די ביינער. אבער אזעלכע פארברעכען

און נאך טויזענטער אנדערע אויף א גאנץ פאלק האבען זיך דערוויזען פאר לויטער פאלשע בלבולים, און דאס אליין טאקי איז שוין דער בעסטער סימן, אז נישטא אין זיי קיין האפט, שטעהען אויף היהנערשע פיסלעך, וואס מען האט געמוזט זיי אנברייינגען גוזמות־ווייז, בכדי גרינג צו מאכען דאס הארץ פון די שונאי ישראל, וואס טוען זיי גרויסע צרות אן, בכדי גערעכט צו מאכען די אלע שלעכטע גזרות אויף א גאנצער אומה, בכדי צו דערווייזען, ווי שטארק נויטיג ס'איז, אז דער יוד זאל מיט דער רויך אוועקגעהן צו אלדע שווארץ־יאהר. בריה'ט זיך עמיצער צופיעל עפעס צודערווייזען, קומט אוים צום שפיטץ, אז ער דערווייזט גארנישט. און ווען אפילו אין א טייל זאכען זאל מען אפשר רעכט האבען אקעגען יודען, אבער אלץ זענען דאך די חטאים אויף קיין פאל אזעלכע גרויסע, חלילה, אז צוליעב זיי זאל קומען א ווייסטער פינסטערער פסח א גאנצער אומה. יא, דאס אלצדינג איז אבער נאר געזאגטע זאכען, אין אמת'ן אריין אבער זעהען מיר פונקט דעם הפך, אז יודישע קינדער, וואס האבען געשעפטען מיט גוים, פאר־האלטען זיך מיט זיי גוט, גאר נישקשה'דיג, און זעהר אפט ווערען זיי צווי־שען זיך חבר, גאנץ גוטע פריינד, זיצענדיג אינאיינעם אין שכנות. גאנץ קלאהר טאקי, אז די אלטע אנגעזאגטע מסירות זענען גלאט אזוי זיך א מימרא עפים א אלטע סליחה, א פזמון, גערעדט גלאט אין דער וועלט אריין, אבי געבעבעט. די מסירות ליגען שוין פארטיג אנגעגרייט נאך איידער די חטאים זענען דא, און מאכט זיך אמאל עפים חטאים, פארזינדיגען זיך דאך נאר איינציגע מענשען, אבער נישט דאס גאנצע אידישע פאלק, חלילה.

אט אזוי געהט עס מיט די יודען שוין פון אייביגע יאהרען, וואהין זיי שטעלען א פוס לויפט זיי די שנאה נאך, און געהען תמידביידע אינאיינעם ווי מטות־ומסעי. די אומות העולם מעגען זיך מחולק זיין אין פיעל אנ־דערע זאכען, אבער וואס איז נוגע צו זייער האס אקעגען יודישע קינדער זענען זיי יד אחת און האבען וועגען דעם אלע איין דעה. אמת טאקי, דער דאזיגער האס דריקט זיך ביי איטליכען פון זיי אוים אויף א אנדער מאניער, אין א אנדער גראד און געשטאלט לויט דער שטופע בילדונג, אויף וועלכער איט־ליכע אומה שטעהט, אין תוך אריין איז ער אבער אומעטום און תמיד, גאנץ גלייך, צי ער ווייזט זיך ארוים גראב אין רשעות אדער ער געהט אונ־טער א דעקטיכעל פון רחמנות, ווי א שטייגער: טא, מען מוז די יודען ליידען, פארט א צער בעלי החיים, מורא צו האבען, יענער זאל דיך נישט בע'גזלנ'ען, אדער בעדארפען אנצוקומען צו יענעמס הילף דיך אבצוהיטען נאר ווייל דו הייסט יוד איז אלץ איין גלייכע חרפה, איין גלייכער וועהטאג פאר די מענשליכע געפיהלען פון די יודישע קינדער.

מילא, האבען מיר אויסגעוויזען, אז דאס, וואס דאס יודישע פאלק

איז אָפּגעפּסקעט ביי די אומות העולם, איז מחמת דעם, ווייל עס האָט אַ פּנים ווי אַ רוח, און דאָס נישט קענען איהם ליידען איז ביי זיי דאַריבער איינגעוואָרצעלט טיף אין דער זייל, ווי אַ גאַנץ אַלטע מאַנקאַליע, וואָס איז לחלוטין אוממעגליך זי פּטור צו ווערען. נאָר אַ חוץ דעם אָבער זענען אויך דאָ נאָך אַנדערע טעמים, פאַר וואָס קען דאָס אידישע פאָלק בשום אופן די זכיה נישט האָבען צו שטעהן גלייך אויף איין מדרגה מיט די אומות העולם. און די דאָזיגע טעמים ווילען מיר באַלד טאַקי מפורש זיין.

בכלל האָט קיין פאָלק אין הארצען נישט ליב אַ אויסלענדער. דאָס איז שוין אַזוי געשטעלט ביי די פעלקער אין דער נאַטור און מען קען עס קיינעם נישט פון זיי פאַר אומגוט נעהמען. אַצינד איז די שאלה: איז דאָס דאָזיגע געזעטץ אויף יודען געזאָגט געוואָרען, גלייך ווי אויף אַלע מענשען פון אַנדערע אומות? — אָ, ניין! ס׳איז נאָך אַ ווייטער חילוק. דער קאַלטער ברוך־הבא, מיט וועלכען מען נעהמט ערגיץ אַ אויסלענדער אויף, קען צוריק דאָרט ביי איהם אין לאַנד זיין אָפּגעבען ברויט.

גאַנץ אָפּען פראַנק און פריי גיט זיך אָפּ אין דעם אויסלאַנד דער וואָס נישט קיין יודיש קינד מיט זיינע אינטערעסען. קיינעם איז גאָר ערגיץ נישט קשה צוקוקענדיג, ווי ער אַליין אָדער בשותפות מיט אַ גאַנצער קאָמפּאַניע שטעהט שטאָל און אייזען פאַר זיינע אינטערעסען און ארבייט אָפּ פאַר זיי מעשים. דער אויסלענדער בעדאַרף אין דעם פרעמדען לאַנד נישט זיין קיין דאָרטיגער פּאַטריאָט, אָדער לפנים נאָר פאַר אַזעלכען זיך אויסגעבען. אַקעגען־זשע דער יוד אָבער איז ביי זיך גופא אין דער היים לא־די וואָס נישט קיין היימישער, ניין, ער איז דאָ, משטיינס־געזאָגט, אויך נישט אפילו קיין אויסלענדער, ער איז פּשוט אַ פרעמדער, טאַקי וואָס פרעמד הייסט, מיט אַלע פּירושים. מען מאַכט זיך אוים איהם גאָרנישט. מען זעהט אין איהם נישט אָן נישט קיין גוטען פריינד, נישט קיין שונא, נאָר גלאַט עפּיס אַ אומבעקאַנטען, פון וועלכען ס׳איז בעקאַנט נאָר דאָס אַליין, אַז ער איז אַ גר אָהן אַ היים. אַקעגען דעם אויסלענדער מוז מען יוצא זיין אויפצונעהמען איהם פאַר אַ גאַסט מיט כבוד, וועלכען ער קען צוריק אָפּגעבען. דער יוד אָבער קען אויף אַזאַ שטייגער צוריק נישט מכבד זיין, דאַריבער האָט ער קיין פּתחון־פּה נישט אויף אַזאַ ברייטען שלום־עליכם. ער איז נישט אַזאַ גאַסט און אַ פּשיטאַ שוין קיין געבעטענער גאַסט. גיכער איז ער אַ מקבל, וואָס בעט אַ נדבה, און וועלכען מקבל איז מען גערען אָנצוקוקען? גיכער איז ער אַ נצרך אין עפּיס אַ הילף, און וואו איז דער נצרך, וועלכען מען זאָל נישט קענען אין דער הילף, וואָס ער בעט, אויך אָפּזאָגען? די יודען זענען עלענטע, וואָס קענען נישט האָבען זייערען אַ צד אין טיש, פון זיך מיט אַ כח־הרשאה, ווייל וואו האָבען זיי דען אַ אייגען

פאטערלאנד? און ווייל זיי האבען טאקי אזעלכם נישט, ווייל די היים זייערע איז ווי דער גלות אהן א גרעניץ, זיי זאלען קענען דארט אויף יענער זייט האבען פאר זיך א מקום־מנוחה, דאריבער איז זייער ביטערע עלענט אויך אהן א ברעג, אהן א גרעניץ.

יא, אזוי איז עס טאקי: דער יוד איז ערגיץ נישט אין דער היים, ערגיץ נישט בעטראכט מען איהם פאר א היימישען, אייגענעם מענשען, און בלייבט אומעטום פרעמד, עלענט ווי א שטיין. דאס וואס ער אליין און זיינע עלטערען זענען אין דעם לאנד געבוירען העלפט איהם נישט דערצו אפילו אויף א האר. על פי רוב בעהאנדעלט מען איהם אין דער וועלט ווי א שטיפקינד, עפּיס א אנגעוואַרפענער, גאר אין בעסטען אופן שוין איז ער ווי איינער, וואס מען נעהמט איהם אן פון מצוה וועגען פאר א קינד און וועלכען מען קען תמיד הייסען מוחל זיין געהן ווייטער, קיינמאל אבער איז ער נישט פאררעכענט פאר א אמת־אייגען קינד אין דעם לאנד. דער דייטש, דער וויינגער, דער וואלעך וכדומה קען גאר נישט צוגעבען, אז א יוד, פון ר׳ שם׳ס שענער משפחה, א קאטאוועס, זאל מיט איהם, סאמע צימעס, פון יפת׳ס אייניקלעך, שטעהן גלייך גאר פאני־בראטציע. און ווען אפילו דער דייטש וכדומה וועט ווי א געבילדעטער מענש מסכים זיין, אז ס׳איז א יושר דעם יודען געבען אלע פראוועס פון א בירגער, דאך וועט ער ביי זיך בשום־אופן קיינמאל נישט פועל׳ן צופארגעסען, אז אין דעם דאזיגען בירגער ליגט א יוד. גלייכע זכיות מיט אנדערע צובעקומען מהיכי־תיתא, דאס איז שוין די העכסטע מדרגה, וואס דער יוד קען פון דער היינטיגער ליכטיגער צייט דערווארטען, אבער פון גלייכע זכיות ביז גוט־ברודערשאפט איז נאך זעהר ווייט. די גלייכע זכיות פאר יודען נעהמען זיך גאנץ פשוט דערפון, וואס דער שכל, דער יושר און טאקי די אייגענע אינטערעסען פונ׳ם לאנד פאדערען עס אזוי. קיינמאל אבער בעדארף מען זיי נישט רעכנען פאר אזעלכע, וואס קומען פונ׳ם ריינעם הארץ און דעם מענשענס שטארקע הייסע געפיהלען. און ווייל די גלייכע זכיות איז נישט צוליב דעם הארץ מיט זיינע געפיהלען, דאריבער זענען זיי נאך ערגיץ נישט ווי עפּיס א גאנץ זיכערע, קלאהרע זאך, וואס פארשטעהט זיך ממילא פון זיך אליין, און אויך ערגיץ נישט נאך אייזען־פעסט אזוי, אז מען זאל שוין גאר פארשפארען דערפון צוריידען. נאר ווי די מעשה איז דארטען, אזוי צי אזוי, די גלייכע זכיות זענען תמיד נאר א גרויסע נדבה, וואס מען גיט אין־ברירה דעם יודישען פאלק, דעם בעטלער, חאטש מען איז זיינער נישט גערען, ווארום מען קען פארט אין הארצע נישט ליב האבען א בעטלער, וואס האט נישט קיין היים און שלעפט זיך תמיד ארום. דער יוד טהאר נישט פארגעסען, אז די גלייכע זכיות פאר איהם אין לאנד איז נאר טאקי א געבעטעלט ברויט, וואס מען

מוז עס איהם שיינקען. דאָס שטעמפּעל פון חרפּה, וואָס אויף דעם יודישען פאָלק ליגט און וואָס צווינגט איהם צוהאַלטען זיך אָבגעזונדערט צווישען די אַלע אומות העולם, וועט דורך קיין שום געשיינקטע גלייכע פּראַוועס אי דער וועלט פון איהם נישט אַראָבגעהן, כל־זמן עס וועט נישט אויפהערען אַלץ ווייטער טאַקי פון זיך ארויסצוגעבען שלעפּערס אין אַלע עקען וועלט; כל־זמן עס וועט נישט האָבען ביי זיך אַ קלאָהרען חשבון: פון וואַנען קום איך און וואוהין געה איך; כל־זמן יודען אַליין וועלען אין אַ געזעלשאַפט מענשען פון אַנדערע אומות זיך שעהמען צוריידען איבער דער גזע, פון וועל־כער זיי שטאַמען, און נישט געוען זיין, אַז מען זאָל דרינגען זיי גאָר דער־מאָהנען; כל־זמן מען וועט זיי רודפ׳ן, אָדער קענען זיי ליידען און פון רחמנות וועגען נאָר זיי שיינקען גלייכע זכיות.

אַ חוץ דעם וואָס דער יוד איז דערנידעריגט בתכלית השפלות, מחמת ער איז אין לאַנד אַ ווילד פרעמדער, איז דאָ נאָך אַ וויכטיגער טעם אין דעם פּראַקטישען לעבען, וואָס דורך דעם איז זעהר שווער, אַז די איינוואוינער פונ׳ם לאַנד זאָלען חבר ווערען מיט יודישע קינדער.

אין דער גאַנצער וועלט איז אַ אייביג גרויס געשלעג פאַר דעם שטיקעל פּרנסה, וואָס איטליכס לעבעדיג נפש וויל מיט אַלע כחות דערהאַלטען זיין לעבען. ביי די געבילדעטע פעלקער, וואָס זייער כבוד שטעהט ניט אָן צורייסען זיך וועגען דעם משונה ווילד, ווי די חיות רעות, איז בהסכם כלם אָבגעמאַכט, צוהאַלטען געווען געוויסע געזעטץ, וואָס דורך זיי איז די מלחמה פאַר דער פּרנסה שוין נישט אַזוי מגושם גראָב און בעקומט אַ שעהנעם פּנים. עס הייסט, איינער פאַר׳ן אַנדערען פאַרהאַפּט דעם וועג צופאַרדינען גאָר אין גוטען מוטה. דרינגען מאַכען די פעלקער געוועהנטליך אַ חילוק צווישען דעם היימישען און דעם אויסלענדער, האַלטענדיג אין דער סברא, אַז דער ערשטער איז בילכער. היינט מאַכט אייך, רבותי, אַ קל־וחומר אַזוי: מה־דאָך אַ אויסלענדער, אַ גלייכער מיוחס מיט אַנדערע, איז ביי איהם מאַכט מען אַזאַ חילוק, אַ פשיטא שוין אַ יוד, וואָס איז ווילד פרעמד, אַקעגען איהם מוז דאָך שוין דער חילוק זיין גרויס אין צעהן גאָרען! מיט וואָס פאַר אַ האַס מוז מען קוקען אויף דעם בעטלער, וואָס וואַרפט אַן אויג אויף יענעמס היים, וואו ער איז גאָר פרעמד, עס איז פון זיין זייט אַזאַ העזה, וואָס מען קען עס איהם נישט מוחל זיין. אַ פרעמדען, אַ בעטלער, טאָר זיך גאָר אַזוינס גלוסטען, און געראָט איהם עפּיס אַ נעהם צוטאָן, אָפּצולעקען אַ ביינדעל, דענסטמאָל אַז אַך־און־וועה איז צו איהם, מען ברעכט איהם די ביינער אויף וואָס די וועלט שטעהט. אין יענע ערטער, וואו יודען זענען אָנגעזעצט ווי באָב, מוז זיי געגנוג די אויגען פונ׳ם קאָפּ ארויסקריכען ביז זיי דערטאַפּען עפּיס אַ פאַרדינסטיל אין לעבען, נעבעך, אין דחקות אָהן

א שיעור, פונדעסטוועגען הערט מען אלץ דעם דארטיגען עולם שרייענדיג אין איין קול: גערואלד, נישט אויסצוהאלטען פון די יודלעך, וואס האפען אלסדינג אוים און שטעלען אונז בדלות!

רעכענען מיר אציגד צונויף דעם גאנצען פריהערדיגען צעטעל, קומט אוים בסך־הכל אזוי: פאר לעבעדיגע לייט איז דער יוד א טויטער, פאר די היימישע א פרעמדער, א שלעפער, פאר די רייכע, פארמעגליכע א בעט־לער, פאר די ארימע א גאלדשפינער, א מיליאנער, פאר פאטריאטען וואס קלעפען אין זייער לאנד, איז ער א גארנישט אהן א שום פאטערלאנד, און פאר אלע קלאסען מענשען איז ער א מיאוסע אנשיקעניש.

אט אויף דעם דאזיגען שלעכטלעבען צווישען די אומות־העולם מיט יודען איז געבויט איינגאנצען די אלע טענות אהן א צאהל, דאס ווערטלען זיך און בעקלאגען זיך פון איין צד אויף דעם אנדערען. די יודישע קינדער, אנשטאט בעסער צופארשטעהן זייער אייגענע מיאוסע לאגע און געפינען דערצו עפים גוטע מיטעל, בעקלאגען זיך נאר שטענדיג דארויף, אז אין דער וועלט איז נישטא קיין יושר אויף א האר, און מיינען, אז פון דעם שרייען וועט זיי עפים ארויסקומען. ווידער־זשע דער אנדערער צד אקעגען, אנשטאט דעם, זיך סומך צוזיין, פשוט איז פשוט, אויף זיינע גרעסערע תקיפות און ארוים ריין מיט דער שפראכע: געשמייע אייך פארפול! וויל ער אלץ גערעכט מאכען דאס קוממיות־זאגען יודען, דורך אלערליי מיני עבירות און חטאים, וואס הייבען זיך אפילו גאר נישט אן. ווער אבער עס וויל קיינעם נישט נושא־פנים זיין און קוקט אויף אלסדינג, וואס אין דער וועלט געהט פיר, מיט אפענע אויגען ווי א געניטער, ער וועט קיינעם ניט פון דיביידע צדדים בעשולדיגען פאר דעם שלעכט־לעבען צווישען זיך. צו די יודען אבער וועט ער זאגען: איהר זענט, כ׳לעבען, שוטים, נמאס־ומאוסע מענשען! שוטים זענט איהר, ווייל איהר שטעהט ווי די אנגעמאהלטע גולם׳ס גארנישט צוטראכטען עפים פאר אייך אליין צוטהאן און ווארט אויף דער וועלטס יושר, אזעלכס וואס האט איהר פון תמיד אן געפעהלט; נמאס־ומאוס זענט איהר, ווייל אין אייך איז נישטא, משטיינס־געזאגט, קיין פיצעל געפיהל פון אייער אייגענעם כבוד און אויך פונ׳ם כבוד פון אייער אומה.

אזאג א ביסיל: א געפיהל פון אייגענעם כבוד! פון וואנען זאל זיך אזוינס נעהמען? הערסטו, דאס איז דאך טאקי די גאנצע צרה מיט אונזערע אחינו בני ישראל, וואס מיר אלע מאכען נישט אוים איין פאלק, וואס מיר זענען גלאט נאר יודען. א טשערעדע שאף זענען מיר, וואס בלאנ־דזעט זיך ארום צוזייעט־צושפרייעט אויף דער גאנצער וועלט.

אמת טאקי, הונדערטער יאהרען כסדר ראנגלען מיר זיך אין דער וועלט

מיט אַלע קרעפטען צודערהאַלטען די נשמה, אָבער דאָס איז נישט אַזאַ ראַנגלען זיך פון איין פאָלק פאַר דעם גאַנצען כלל, נאָר פון צווייעטע־צו־שפּרייטע יודען וואָס איטליכער ווענדט איין אַלע כוחות נאָר פאַר זיך אַליין, פאַר דעם זינדיגען שטיקעל ברויט און פאַר אַ חיי־שעה, ער זאָל חאַטש קענען זיפּען, עטהמען אַ ביסעל פריי. און אין דעם דאָזיגען מין מלחמה זענען מיר, ברוך־השם, טרוקען ארויס. מיליאָנען יודען שלעפּען זיך אַלע טאָקי ווייטער געזונט און שטאַרק ארום. מיר האָבען בעוויזען גבורות, אַז איטליכער יוד פאַר זיך בעזונדער קען זיין שטערטעל בעשטעהן און זיך האַלטען אויף די פיס, אָבער אינאיינעם האָבען מיר פערלוירען דאָס געפיהל פון כבוד, וואָס אַ פאָלק פיהלט אין זיך. אינדעם אַז מיר האָבען אינגאַנצען זיך אָפּגעגעבען מיט דעם דאגת־הפּרנסה, צודערהאַלטען דאָס לעבען, זענען מיר זעהר אָפּט געגעויטיגט געווען דעם כבוד אין דער זייט אוועקצולעגען. מיר האָבען נישט בעמערקט, אַז דורך אַזאַ מיאוס'ן גאַנג, הגם ער איז נישט מיט אונזער ווילען, זענען מיר נאָך ערגער אראָפּגעפאַלען ביי אונזערע פיינד, נאָך מעהר געוואָרען צו לייטיש געשפּעט און חוכא־וטלולות.

דאָס געפיהל פון כבוד איז ביי אונז אַזוי ווייט אויסגעוועפּט געוואָרען, אַז מיר זענען מקבל באהבה אַלסדינג, וואָס מען לעגט אין אונז אריין, און מאַכען נאָך דערביי מיט אַ קנייטשעלע: מילא, עט, נישקשה. חאַפּען מיר אַ מאָל אַ פּלעם, לעגען מיר צו דער געשוואָלענע באַק צו קאַלט וואַסער, און וואַרפט מען אונז ארויס פון שטוב, נעהמען מיר די פיס אויף די פּלייצעס און אַנטלויפען ווייט, אַזש וואו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט ערגיץ, צוזיין דאָרט אין גלות. הערען מיר אויף דעם וועג ווי שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ רופט זיך איינער עפּיס איבער אונז אָפּ: „שלים־שלימזלדיגע, ס'איז דאָך, כ'לעבען, אויף אייך אַ צער בעלי חיים"! צוגעהט זיך אונז פשוט דאָס האַרץ. אַזוי ווייט זענען מיר ביי זיך געפאַלען, אַז מיר פאַר־רייסען די נעז מיט גדלות פאַר גרויס שמחה, ווען אַ קליינער טייל פון אונזער פאָלק איז ערגיץ אין אַ מדינה גלייך מיט לייט געשטעלט געוואָרען דאָרט. דעם וואָס מען בעדאַרף שוין שטעלען, דער איז, משטיינס־געזאָגט, שלאָף און קוים וואָס ער שטעהט אויף די פיס. קוקט מען נישט דאַרויף, וואָס מיר שטאַמען פון יודישע קינדער און מען בעטראַכט אונז גלייך מיט אַלע אַנדערע מענשען, טהוט עס אונז אין האַרצען משונה הנאה און מיר דאַנקען דערפאַר זעהר שעֹן. מיר שמועסען איין אי זיך אי אַנדערע, אַז מיר זענען מעהר טאָקי נישט קיין יודען, נאָר עכטע אמת'ע קינדער פונ'ם לאַנד. אָבער נאַרישע חלומות! איהר מעגט אייך בעווייזען באותות ומופתים, אַז איהר זענט ווי אַלע אַנדערע גלייך געטריי דעם לאַנד, דאָך וועט מען ביי עפּיס נאָר אַ געלעגענהייט אייך שטאַרק אָנצוהערעניש געבען. אַז איהר

זענט יודען, און ארויספיהרען אייער יחוס פון טאטענס טאטען ביז שם'ן דעם עלטער־עלטער זיידען פון אברהם אבינו. דאס האבען אייך נישט לאנג זעהר גוט בעוויזען דייטשלאנד און אונגארען.

וואס איז פאר א וואונדער, אז א פאלק וואס האט, בכדי צו האבען האטש א חיי־שעה, זיך געלאזט טרעטען מיט די פיס און זיך אויסגעלעהרענט די דאזיגע פיס נאך צוקושען, אז אזא פאלק איז געווארען צו חרפה און צו לייטיש געשפעט!

דאס גורל אונזערס איז אזעלכס, וואס אונז איז אוממעגליך נישט צו־שטארבען און נישט צו לעבען, שטארבען קענען מיר נישט נאך די אלע קלעפ, וואס מיר חאפען, אז מיר ווילען טאקי אויך נישט פונ'ם יודישקייט זיך אפצוזאגען און פון אונז אליין א עק צומאכען. ווידער־זשע לעבען קענען מיר אויך נישט, ווייל עס זענען דא אזעלכע, וואס פארגינען עס אונז נישט. ווי א פאלק אויף דאס ניי אנצוהויבען פאר זיך לעבען, גלייך מיט אנדערע פעלקער — אויך דאס ווילען מיר נישט, ווייל פיל פון אונז, וואס זענען שטארק געטריי דעם לאנד, מיינען, אז מען קאן זיי, חלילה, אזוינס פאר אומגוט נעהמען חאטש ס'איז גאר נישט אזוי די מעשה, אדרבה ואדרבה... בפרט נאך, ווי מיר ווילען ווייטער דערקלעהרען, איז דאך אונזער כוונה נאר, אז א טייל יודען, ארעמע, נויט־בעדערפטיגע זאלען זיך ערגיץ בעזעצען, ארבייטען און לעבען אינאיינעם. און לא די וואס אזעלכס קען קיינעם נישט שאדען, אדרבה עס וועט נאך זיין א טובה פאר אלע צדדים. מיר האלטען פאר נייטיג פריהער עס ארויסצוזאגען, בכדי מען זאל זעהן, אז אונזער כוונה איז א גוטע און פארדינט בכל־האופנים, מען זאל זי מיט ישוב־הדעת אויסהערען. דער עיקר איז, וואס מיר בעטען צופארשטעהן אונזער גאנצען שמועס מיט דעם אמת'ן, רעכטען און גוטען פשט און נישט אריינוצלעגען דרינען עפיס דרשות מיט שארפע שפיטצלעך. אין דער יודישער שלעכטער לאגע איז קיינער אין דער וועלט נישט שולדיג ווי נאר זייער פינסטער, ביטער מזל אליין, אקעגען וועלכען מיר מוזען עפיס טאן עס צופארבעסערן, אז מיר זאלען אויפגעריכט ווערען. נאך דער לאנגער גלות פון א א קארגע פאר טויזענט יאהר האט ביי אונז צוגענומען אי דאס געפיהל פון כבוד אי דעם מוטה. מיר זענען געווארען צו חרפה, צו גע־שפעט, און מיר ווילען אפילו זיך נישט פריוועו, די חרפה פון אונז אראפ־צונעהמען.

צו די אלע צרות איז דא נאך א זאך, וואס האט אונז געמאכט אפהענדיג צוזארגען זיך פאר אונזער תכלית, ווי־ארום צו ווערען לייטען גלייך. דאס איז דער גלויבען אין דעם, אז מיר קענען אנדערש נישט אויפגעריכט ווערען און בעקומען א פנים פון א פאלק אין דער וועלט סיידען נאר דורך גרויסע

נסים ונפלאות דורך משיח'ן, וואס ער וועט מיט דעם אויבערשטענס כח קומען אונז אויסלייזען פונ'ם גלות, און ביז דענסמאל מוזען מיר ליידען, מקבל באהבה זיין אלע צרות און אנשיקעניש פון זיין ליבען נאמען. מיר האבען דורכדעם ארויסגעשלאגען זיך פונ'ם קאפ איטליכען געדאנק פון א פאטערלאנד. אזעלכעס האבען מיר נאך אלץ גערן געטאן, וואס מעהר איט־ליכער פון אונז האט געהאט צוזארגען פאר די נייטיגסטע בעדערפניש, ווי אזוי צודערהאלטען דאס לעבען. דערוויילע זענען מיר וואס ווייטער אלץ נידריגער, נידריגער געפאלען. איז דען שוין לסוף נישט צייט איינצוזעהן, ווי מיאוס דאס איז פאר אונז?

צום גליק אבער זענען היינט די אומשטענדען אנדערש אביסעל ווי פריהער. די רדיפות אין דער לעצטער צייט אויף יודען דארט אין דעם געבילדעטען דייטשלאנד, רומעניען, אונגארן וכדומה, האבען פועל־יוצא געוועזען אזוינס, וואס א סך מעהר ערגערע רדיפות א מאל אין מיטעל־אלטער זענען נישט ביכולת געוועזען עס צומאכען. דאס פארשלאפענע גע־פיהל פונ'ם יודישען פאלק, וואס האט דענסטמאל בשעת די גרויסע צרות זיך אויסגעדרוקט נאר אין דעם תהלים־זאגען און אין דעם אומקומען אויף קידוש־השם, האט היינט ביי א סך יודען אויסגעשאסען אין א שטארקען שטופען זיך קיין ארץ ישראל. און ווי ווייניג נוצען ס'איז פונ'ם דאזיגען שטופען זיך אהין ארויסגעקומען, דאך בעווייזט עס לכל־הפחות, ווי יודען האבען אנגעהויבען צופיהלען גאנץ קלאהר, אז מען מוז האבען א היים. די גרויסע צרות און לייד וועלכע יודען זענען אויסגעשטאנען, האט אין זיי היינט אויפגעוועקט עפיס אזוינס, וואס בעטייט שוין גאר אנדערש ווי דאס פריהערדיגע אראפשלינגען די אלע פורעניות, וואס איז נאר א גזר דין, א שטראף פון גאט.

היינטיגע צייטען, אז אונזערע אחינו בני ישראל האבען אין א טייל לענדער אנגעהויבען פרייער צועטהמען; און קענען שוין מעהר צום הארצען נעהמען די צרות פון זייערע אומגליקליכע ברידער, נעבעך; היינטיגע צייטען, אז די גרויסע מלכיות האבען חסד געטאן מיט געוויסע אומות, דערנידעריגטע, דערשלאגענע און אפגעלאזט זיי פריי פאר זיך אליין זייער שטעדטיל צובאשטעהן, בעדארפען אויך מיר קיין איין רגע נישט זיטצען מיט פארלעגטע הענד און צולאזען די סברא, אז אויף אונז איז אויבען שוין אזוי אנגע'חתמ'עט געווארען, אייביג נע־ונד צו זיין גאר אהן א סוף.

אזוי ווייניג ווי מיר האבען קיין רעכט צובעקלאגען זיך אויף די אלע אנדערע אומות העולם פאר דער שלעכטער לאגע אונזערער, ווייל דאס איז שוין אזוי בטבע אין אלע מענשען, נישט ליידען צוקענען דעם בעטלער, וואס שלעפט זיך ארום שטענדיג, און מיר קענען אויף זיי גאר קיין פאר־

איבעל נישט האבען דערפאר, וואס זיי שטעקען אונז נישט אפ א נדבה מיט דעם גוטען ווילען, פונקט אזוי וועניג האבען מיר קיין רעכט זיך סומך צוזיין אויף זיי נאר מיט אלסדינג, וואס איז נוגע אונזער גליק, אז זיי אליין זאלען שוין אונזער תכלית פארזארגען. אויף דעם לאנגען, ווייטען וועג צו אמת'ער מענשענליבע, ווען ס'איז נאר א מעגליכקייט אזעלכס א מאל צו־דערגרייכען, שטעהען אלע מענשען פון דער וועלט, און מיר אויך צווישען זיי, נאך גאר אין דער התחלה. דאריבער מוזען מיר פונ'ם קאפ זיך ארויס־שלאגען איינגערעדטע זאכען, אז מיט אונזער פארוואגעלט־זיין אין גלות האבען מיר בהשגחת הבורא גענומען אויף זיך א שליחות די וועלט צופארבע־סערען — אזא שליחות, אין וועלכען קיינער גלויבט נישט, אזא כבוד, וועלכען מיר וואלטען, צווישען אונז גערעדט, בשמחה רבה מוחל געווען, אויב נאר דערמיט צוגלייך זאל די חרפה, וואס אין דעם נאמען „יוד", פון דער וועלט אויך פארשווינדען ווערען. לאמיר נישט זוכען אונזער כבוד, אונזער גליק אין חלומות, נאר אן אונזער אחדות און פארבינדען זיך ווי ברידער צו איין פאלק . ביז אהער האבען מיר אין דער וועלט נישט געגאלטען פאר א זיכערער פירמע און דאריבער האבען מיר קיין רעכטען קרעדיט אויך נישט געהאט.

ווען אנדערע פעלקער עפים, וואס זענען פאר אונזערע אויגען ערשט אויסגעוואקסען, ווי א שטייגער, סערביען און באלגאריען, האט מען די מיה זייערע צו אזא מעמד צוקומען געפונען פאר גאנץ רעכט און כשר, היינט א פשיטא שוין יודען! מעהר פון יענע האבען זיי זייער טייל ארבייט אין דעם לעבען פון די אלע געבילדעטע פעלקער, מעהר פון יענע האבען זיי זיך פארדינט מיט זייער ארבייט לטובה פאר א וועלט מענשען, זיי האבען מעהר פון יענע אויסצווייזען א גרויסע ראליע, וועלכע זיי האבען געשפילט פארצייטענס, א גאנץ גרויסע געשיכטע, א אלטען יחוס־בריף פון איין ריינער גזע, איין אייזערנעם כח צודערהאלטען זיך אויף אייביגע צייטען ביים לעבען, א פעסטען גלויבען, און א גרויסע מגילה פון אלערליי צרות, וואס קיינער איז נאך אזויפיל אין לעבען נישט אויסגעשטאנען; מעהר ווי אקעגען איטליכער אנדערער אומה האבען די פעלקער זיך אקעגען זיי פארזינדיגט. איז דען דאס אלסדינג נאך קארג אויף־צוגעפינען זיי פאר ווערטה, אז זיי זאלען, נעבעך, שוין אויך אויפגעריכט ווערען? א חוץ דעם בעדארפען דערפון, דאכט זיך, נאך שטארק צופרידען זיין די אלע אומות, אויף וועלכע מיר ליגען ווי א הארב אויף די פלייצעס.

מען בעדארף, אמת טאקי, נאך באלד אין דער התחלה, גרייט זיין אויף דעם גרויסען געפילדער איבער אזא אונדערהערטער זאך פון די יודענס זייט. גאנץ געוויס, אז ס'וועט שרעקליך פיל מיה קאסטען, אפשר נאך

איבער דעם מענשענס כח, ביז עס זאָל מעגליך זיין אזא שווערע זאַך אויס־צופיהרען. מען מוז אָבער זיך בערעכנען, אז ס׳איז אין־ברירה, קיין אנדער וועג איז נישטאָ פאַר יודען, ארויסצוגעהן פון זייער שלעכטער לאַגע און עס וואָלט געווען א נאַרישע מורא קיין פוס נישט ארויסצושטעלען אויף אזא וועג נאָר דאריבער, ווייל ער איז צו לאַנג, שווער און מסוכן, ווייל ס׳איז נאָר א קליינע האָפנונג דאָ אויף דעם וועג עפּים צודערגרייכען. ווער עס שטעלט נישט איין, נעהמט נישט אויס, און באמת טאַקי, וואָס האָבען מיר דאָ אָנצוווערען? גאָר אין ערגסטען פאַל בלייבען מיר אויך אויף ווייטער דאָס, וואָס מיר זענען ביז אהער געווען.

ביי אזעלכע שלעכטע אומשטענדען, פון וועלכע מיר האָבען פריהער געשמועסט און אין וועלכע קיינער פון די אומות איז, חלילה, נישט שולדיג, נאָר אונזער פינסטערער מזל אליין, זענען מיר געווען, מיר זענען אצינד און וועלען אויך תמיד אין אלע צייטען זיין אָרעמע מקבלים, טעלערלעקער, וואָס זיטצען ווי א משא אויפ׳ן קאָפּ פון די פעלקער, די אמת׳ע בעלי־הבתים, אין דעם לאַנד. אוודאי וואָלט מען די דאָזיגע משא וועניגער געפיהלט, ווען מיר וואָלטען פאַרטיילט געווען צווישען די אומות אזוי, אז אומעטום זאָלען מיר אויסקומען אקעגען זיי נאָר א מעט. דאריבער מוז עס טאַקי אויף אונז חל זיין, צוזאָרגען דערפאַר, אז דער איבעריגער טייל פון אונז, וואָס שטעהט ווי א ביין אין האלז, זאָל מוחל זיין ווייטער צוגעהן און ערגיץ אנדערש זיך בעזעטצען. קיין שום פ ר ע מ ד ע ר איז גאָר נישט מחויב דערפאַר זיך צוזאָרגען, נאָר מיר אליין. ווען מען וואָלט געקענט די יודען גלייך פאַרטיילען צווישען די אלע אומות פון דער גאַנצער וועלט, וואָלטען אפשר די היינטיגע שאלות־ותשובות מכח יודישע קינדער גאָר כלל נישט געווען. אָבער אזעלכעס קען בשום־אופן גאָר נישט געמאָלט זיין. גיכער מוז מען אָננעהמען אין דער סברא, אז אפילו אין די העכסט געבילדעטע לענדער וואָלט מען זיך שטאַרק אָפּגעזאָגט אריינצולאָזען גאַנצע פאַרטיעס מיט יודען. מיר זאָגען עס ארויס מיט א שווער הארץ, אָבער דעם אמת מוזען מיר מודה זיין. און פאַר אונז איז עס נאָך שטאַרק נייטיג, ווייל דורכדעם, וואָס מיר וועלען ביי אונז וויסען דעם רעכטען אמת, וועלען מיר אין שטאַנד זיין צוגעפינען די רעכטע מיטעל אונזער שלעכטע לאַגע צופאַרבעסערן. היינט וואָלט עס טאַקי געווען אויך גאָר נישט קיין פרעהליכער עסק, ווען מיר זאָלען זיך נישט בעניטצען דערמיט, וואָס די צייט האָט אונז אָנגעלעהרענט אין לעבען.

איינמאָל זענען מיר שוין גוט אָנגעלעהרענט, אז מיר זענען ערגיץ נישט קיין היימישע מענשען און אז מיר מוזען דאָך האָבען, ווען נישט קיין אייגען פאַטערלאַנד, אָבער פאַרט עפּים חאָטש א שטיקעל ה י י ם. ווידער זענען

מיר אָנגעלעהרענט, אז דער שלעכטער סוף, מיט וועלכען דאָס אוועקלאָזען זיך פון א סך יודען אין דער לעצטער צייט האָט זיך געענדיגט, איז נאָר דערפון איינגאַנצען געקומען, וואָס עס איז געשעהן אין איילעניש, און אין דער גרויסער בהלה האָט מען נישט בעזאָרגט פריהער דעם רעכטען עיקר — מען האָט זיך נישט געזאָרגט קודם־כל, נישט פאַר קיין מקום מנוחה און נישט פאַר דעם סדר, מיט וועלכען דאָס אוועקלאָזען־זיך מוז געשעהן.

וויל מען קוקען אין תוך אריין, אויפגעריכט צו ווערען אזוי, אז מיר זאָלען א שענערען פּנים בעקומען אי ביי זיך אליין אי ביי אנדערע, בעדאַר־פען מיר נישט אָננעהמען דוקא אין ארץ־ישראל ווי אמאָל זיך צובעזעטצען. אונזער וואונש געהט גאָר נישט אזוי ווייט. אָהן דעם איז אויך געגנוג שווער, אז ער זאָל דערפילט ווערען. מיר ווינשען אַצינד פאַר אונזערע אָרימע ברידער נישט מעהר ווי עפּיס א שטיקעל אָרט, וואָס זיי זאָלען עס קענען אָנרופען זייער אייגענס און לעבען כדת משה וישראל. וועט אויך גאָר מעגליך זיין אפשר, אז ארץ־ישראל זאָל ווערען אונזער אייגען לאַנד, איז אודאי זעהר גוט, אָבער דער עיקר, אויף וואָס מען בעדאַרף פריהער פון אלע זאכען קוקען, איז אַנצוטרעפען אזא לאַנד, צו וועלכען ס'איז גרינגער צוקומען און פאסט טאקי צוגלייך אויך פאַר יודישע קינדער פון פאַרשי־דענע מדינות, אז זיי זאָלען דאָרט קענען זיטצען במנוחה ווי ביי זיך אין דער היים און ארויסברייינגען דאָס שטיקעל ברויט מיט אייגענער ארבייט.

מיר ווייסען גאַנץ גוט, נישקשה, מיט וואָס פאַר א גרויס מיה און שווער־קייט עס וועט אָנקומען אונזער וואונש צודערגרייכען, נאָר שווערער פון אלע אנדערע זאכען וועט ביי אונזערע יודען אָנקומען גאָר די ערשטע און נייטיגסטע זאך, היינו: דאָס ענטשליסען־זיך דערצו. דען, צווישען אונז גערעדט, זענען מיר גרויסע עקשנים. און עס קען טאקי גאַנץ גרינג זיך גאָר מאכען, אז א פּעקיל לייט פון אחינו בני ישראל זאָלען די דאָזיגע זאך דער־שטיקען נאָך גאָר אין דער התחלה, און דענסטמאָל אז אָך און וועה צו אונזערע טעג און יאָהרען!

מיר זאָגען נאָך א מאָל בפירוש ארויס, די היינטיגע צייט, אין וועלכע מיר לעבען, איז זעהר מסוגל דערצו, אז אונזער וואונש זאָל דערפילט ווערען. אין די לעצטע יאָהרען האָבען מיר מיט אונזערע אייגענע אויגען געזעהן, וויא סך קליינע אומות זענען אויפגעריכט געוואָרען, וואָס פריהער האָט זיי אזוינס אפילו זיך גאָר נישט געחלומט. די מלכיות געוועלטיגען היינט מיט חסד און לאָזען די קליינערע פון זיי זיך געהן זייער וועג, אבי ער פיהרט נאָר צום פרידען און צום גליק פאַר זיך אליין און אויך פאַר דער גאַנצער וועלט מענשען. געגנוג, כ'לעבען, אָנגעוואָרפען צוזיין און ליגען אלע אנדערע פעלקער אויף דעם קאַרק ווי א שווערער שטיין און דורכדעם זאָל א וועלט

מענשען שטענדיג מיט אונז האָבען צומאָן, צוזינגען און צוזאָגען. מענשען לאָמיר זיין, יודישע קינדער! מענשען מיט אַ ווילען און אַ פעסטען כאַראַקטער. לאָמיר אָנהויבען פאַר אונזער תכלית אַליין זיך צוזאָרגען און אבי מיר וועלען ערנסט מיינען, וועט גאָט אונז אויך העלפען. אפילו יענע, וואָס זענען אונז אַצינד נישט אַזוי גוט, וועלען אונז, נישקשה, נישט אָפזאָגען אין זייער הילף מיט וואָס נאָר מעגליך, ווען זיי וועלען איינזעהן, אַז מיר זאָרגען זיך באמת פאַר אונזערע אָרעמע ברידער, צובעזעטצען זיי ערגיץ אין איין אָרט, דאָרט צואַרבייטען און צולעבען ווי מענשען. אמת טאַקי, צו אַזאַ גרויסער, וויכטיגער זאַך זענען נייטיג גרויסע לייט מיט אַלע גוטע מעלות, נאָר מיר בעדאַרפען אָבער האָפען, אַז אַזעלכע לייט וועלען מיט דער צייט ביי אונז זיך געפינען, וואָס אַלע אינאיינעם, דער מיט זיין רייכקייט, יענער מיט זיין חכמה, איינער מיט זיין זיס לשון און דער אַנדערער מיט זיין פען, וועלען אין שטאַנד זיין יודען ארויפצופיהרען אויף אַ דרך. זיי וועלען גוטע מליצים זיין פאַר אונז ביי די אַלע מלכיות און מיט גאָטס כח יודען שטעלען אויף די פיס.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז מיר מיינען דאָ נישט פשוט, אַלע יודען, וואו נאָר זיי געפינען זיך אַצינד, זאָלען פלוצלים זיך פאַרנעהמען און אוועקגעהן קיין ארץ־ישראל, אָדער ערגיץ אַנדערש אין זייערס אַ אייגען לאַנד. חלילה! דאָס ביסעל יודען אין יענע מדינות, וואָס מחמת זיי זענען נאָר אַ מעט אַקעגען די אַלע אַנדערע איינוואוינער איז זיי דאַריבער טאַקי דאָרט גוט, מעגען זיך געזונטערהייט דאָרט אויף תמיד בלייבען. אויך אין אַזעלכע מדינות אפילו, וואו דער כלל יודען קען אַזוי גרינג זיך נישט דערשלאָגען גלייכע פראַוועס מיט די אַנדערע דאָרטיגע איינוואוינער, מעגען די גבירים, שענע בעלי־הבתים און אַלע פאַרנעהמסטע פון די יודישע קינדער בלייבען טאַקי דאָרט ווי פריהער. מען רעדט ניט מעהר פון יענע, אַ סך אַזעלכע אָרעמע, נויטבעדערפטיגע יודען, וואָס לעבען, נעבעך, פון דער לופט, וואָס פאַלען שווער אויף איטליכען ווי אַ שרעקליכע משא, זענען גרוים אין די אויגען אי זיך אַליין אי אַנדערע און מחמת זיי קומט ארוים אַל־דאָס בייז, רדיפות און צרות אויף דעם גאַנצען כלל ישראל. אָט פאַר דעם דאָזיגען איבערבייינדעל איז אַצינד די צייט צוזאָרגען, צובעזעטצען זיי ערגיץ אין אַ שטיקעל אייגען אָרט, אַז זיי זאָלען מיט זייער ארבייט קענען לעבען דאָרט לייטען גלייך. נאָר מען בעדאַרף די זאַך אַנידערשטעלען פעסט מיט ישוב־הדעת, עס זאָל אין תוך אריין טאַקי זיין גוט און אַ שען פנים האָבען, נישט גלאַט צונויפנעהמען אויף זיי נדבות ווי אויף מקבלים. דערפון וועט קיין גוטס ניט ארויסקומען, אַזוי ווי ס׳איז גאָרנישט ארויסגעקומען פון די קאַסעקאַסאָעס געלד, וואָס מען האָט געקליבען פאַר יענע אומגליקליכע, נעבעך,

פון אונזערע ברידער, וואס האבען נישט לאנג בשעת דער בייזער מהומה זיך אין איילעניש, אין האפעניש אוועקגעלאזט וואהין די אויגען טראגען, א טייל קיין אמעריקא און א טייל קיין ארץ־ישראל. ניין, העלפען בעדארפען מיר אויף ווייטער אונזער ארעמען עולם מיט בערעכבונג און מאכען פון דער התחלה אלסדינג ווי עס געהער צו זיין, אזוי אז זיי זאלען קענען א קיום האבען און לעבען דורך זייער אייגענער ארבייט אין נחת און פריידען. דענסמאל וועלען אונזערע ארעמע דערשלאגענע ברידער וועלען אויפגעריכט ווערען און אין דער וועלט וועט בעקומען גאר א אנדער פנים, וועלען די אומות העולם דערנאך אויף אונז אלע גרויס כבוד לעגען און שוין קוקען אויף אונז אומעטום מיט אנדערע אויגען.